STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04190

TSAYT-MOTIVEN

Mordecai Mayer

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צייט-מאַטיוועז

מאמרים און אָפּהאַנדלונגען, געדאַנקען און שטי-
מונגען, וועגען אַלע אידישע ימים-טובים, און
וועגען רעליגיעזע, געזעלשאַפטליכע און
קולטורעלע פּראָבלעמען, פּסיכאָלאָ-
גישע שילדערונגען וועגען מענש
און נאַטור, און וועגען די
געשעהענישען אין
היינטיגער צייט

פון

הרב מרדכי מייער

אב"ד דקהלת „חתם סופר", 8 קלינטאָן סט., נ. י.
מחבר פון „מאמר מרדכי" (הלכה) און
„דברי הרב ודברי התלמיד" (דרוש).

1942

בית מסחר ספרים „פרדס"
י. ז. בוכבינדער, נשיא
ניו יאָרק, נ. י.

Copyright, 1942
by
PARDES PUBLISHING HOUSE, Inc.
New York, *N. Y.*

POSY-SHOULSON PRESS
19 West 21st Street
New York, N. Y.
255

פאַרוואָרט פון די אַרויסגעבער

צייטען ענדערען זיך, און צוזאַמען מיט זיי ענדערען זיך אויך די מענשען. אַ דור קומט אָן, און אַ דור פאַרגייט. דאָס זעלבע איז אויך מיט געדאַנקען, אנשויאונגען און מיינונגען. אָט דער געדאַנק קען אויך אויסגעדריקט ווערען אין באַצוג צו דעם דאָזיגען ווערק, „צייט-מאָטיוועז". דער מחבר האָט געשעפּט זיין אינהאַלט פון די טיעפע קוואַלען פון אידישער רוחניות, וואָס זייערע מאָטיוועז שטראַהלען אַזוי רייך זייט טויזענדער יאָהרען, און וועמס וואָרצלען זיינען אומגעענדערט געבליבען, און וועלען ווייטער אומגעענדערט בלייבען. די קוואַלען פון תלמוד און מדרש, וועלכע באַלייכטען נאָך היינט די וועגען פון אידישען פאָלק, פון איין עק וועלט צום צווייטען, עד סוף כל הדורות... לויט דער ענדערונג פון צייט און מצב, פון אידישען פאָלק, האָט דער מחבר, פון דעם אַלטען וואָרצעל אַ נייעם צווייג אויפגעבראַכט; אַ נייעם געדאַנק, וואָס צו־וואַקסט זיך וואונדערליך שעהן, און ברענגט אַרויס נייע פרוכטען, אין וועלכע די נייע צייט נויטיגט זיך.

ווי אַ קינסטלער מאָהלט דער מחבר די איצטיגע צייט און איהרע מאָטיוועז. זיינע געדאַנקען באַשטראַהלען די גרעסטע מענשליכע פּראָבלעמען און זייער טראַגעדיע. עס איז אונזער טיעפסטע איבערצייגונג, אַז צו דער דרוש ליטע־ראַטור בכלל, און צו דער איצטיגער צייט בפרט, קומט צו אַ חשוב ווערק, וועלכעס אַלע קלאַסען רעדנער קענען באַנוצען.

עס איז דערפאַר אונזער האָפענונג, אַז דאָס ווערק „צייט־מאָטיוועז", וועט אויפגענומען ווערען מיט דער זעלבער באַ־גייסטערונג, ווי די אַלע ביז־אַהעריגע אויסגאַבען פון „פרדס" זיינען אָנגענומען געוואָרען ביז היינט.

י. ז. בוכבינדער.

ערב ר"ה תש"ג.

הקדמה

שרייבענדיג דאָס דאָזיגע ספר האָב איך אין זינען געהאַט פאָלגענדעס:

א) צו פאַרפאַסען אַ גוט, אָריגינעל און אינהאַלט־רייך דרשה־ספר פאַר רבנים און לומדים.

ב) צו שאַפען אַ ווערק, וואָס זאָל פאַראייניגען אין זיך, ריינעם ליטעראַרישען סטיל און פאָרם, צוזאַמען מיט טראַדיצ־יאָנעלען, תורה׳דיגען תוכן. דאָס הייסט, משדך זיין דעם „יפיפותו של יפת" מיט די „אהלי־שם".

ג) צו באַהאַנדלען, נישט בלויז רעליגיעזע און געזעל־שאַפטליכע פּראָבלעמען, נאָר אויך אַרויסברענגען די געפיהלען און שטימונגען פון אַ פרומען מענש; די פסיכאָלאָגישע קאָנ־פליקטען און ראַנגלענישען אין איהם, ווען ער קומט פּנים־אל־פּנים, מיט׳ן לעבען, און מיט דעם לעבען׳ס פאָדערונגען.

ד) אויפצובויען אַ גענויע השקפה, לויט דער תורה, בנוגע די אַלע פּראָבלעמען און פאַסירונגען, וואָס באַגעגענען אונז היינט־צו־טאָג, אויף שריט און טריט.

* * *

איך וויל גלייכצייטיג אויפמערקזאַם מאַכען, אַז אַלע מיינע געדאַנקען און מיינונגען זיינען געבויט אויף מאמרי חז״ל, וועלכע איך האָב צוגעצייכענט מיט ציפערען אויפ׳ן אָרט.

איך וועל טאַקע בעטען די חשוב׳ע לייענער, זיי זאָלען זיך באַמיהען און נאָכקוקען די מאמרי חז״ל. ערשטענס, ווייל זיי זיינען אינטערעסאַנט און באַלעהרענד, און צווייטענס, ווייל אַ סך מאָהל גיב איך אייגענאַרטיגע באַלויכטונגען צו די מאמרי חז״ל, וואָס זיי אַליין אָן-און-פאַר-זיך, זיינען גאַנץ גוטע דרוש-פּערל...

* * *

איך בעט צו גאָט, אַז מיינע ווערטער זאָלען האָבען דעם געהעריגען חן אין די אויגען פון אַלע, און אַז זיי זאָלען העלפען אויפוואַרעמען אידישע געפיהלען, און אויפוועקען אידיש באַוואוסטזיין — א מ ן !

הרב מרדכי מייער.

אַלע זיצען ביי איין טיש...

מעשה בר׳ אליעזר ור׳ יהושוע ור׳ אלעזר בן עזריא ור״ע ור׳ טרפון שהיו מסובין בבני ברק והיו מספרין ביציאת מצרים כל אותה הלילה עד שבאו תלמידיהם ואמרו להם רבותינו הגיע זמן קריאת שמע של שחרית.

לאָמיר זיך באַקענען מיט דער וועלט פון אָט די אַלע תנאים. מיט יעדענס וועלט באַזונדער. און דאַן וועלען מיר פאַרשטיין די כונה פון׳ם דערמאָנטען מאמר.

* * *

ר׳ אליעזר איז געווען אַ טיפּ פון אַ אידעאַליסט, אַ פרוש און אַ קנאי, וואָס לעבט אין די ד׳ אמות של הלכה און זעהט אין אַלץ אַ טפל צו תורה. — „אַלץ איז באַשאַפען בלויז צו דינען איהר — דער תורה — ווי אַ קנעכט״.

— שוין אין זיין פריהסטער יוגענד ווייזט זיך אַרויס זיין שטאַרקער כאַראַקטער און זיין אידעאַליזם. ער פאַרלאָזט אַ רייכע היים[1] וואַלגערט זיך אין די ישיבות, הונגעריג און אויסגעמאַטערט[2] וויל נישט קיין הנאה האָבען פון קיינעם[3] און שפעטער ווען זיין פאָטער וויל אים שענקען אַ גרויס פאַרמעגען איז זיין לאַקאָנישער ענטפער: „ איך בעט ביי דיר בלויז תורה און נישט קיין גאָלד און זילבער״[3].

זייענדיג שוין באַוואוסט אַלס ראש־ישיבה צו וועמען עס ציהען טויזענדער צוהערער, פיהרט ער זיך אַלץ מיט מערקווירדיגער באַשיידענהייט. ער זיצט אויף אַ האַרטען שטיין ווען ער לערענט מיט זיינע תלמידים[5], איז דער ערשטער צו קומען אין בית־המדרש און דער לעצטער אַהיים צו גיין[6]. זיצט מיט ברענענדער התמדה איבער זיינע לימודים און פאַרגינט זיך אפילו נישט דעם מינדעסטען „שיחת־חולין״[7].

אין זיין גרויס פּאַרטיפּטקייט אין תורה מיינט ער אַז אַלע דאַרפֿען אַזוי זיין. און ווען ער זעהט, ווי אַ סך פון זיינע תלמידים פאַר־ברענגען זייער יום־טוב ביי געדעקטע טישען, פאַלט ער אריין אין הקפדה[8].

ער טוהט מצות מיט מסירת נפש, מיט רוחנות׳דיגער פרייד, אָהן דער מינדעסטער הנאה־גשמיות. און אַ סך מאָל אפילו, מיט גרויסען צער פאַר׳ן גוף[9].

זיין שיטה איז „דיען גאָט סיי מיט דיין גוף און סיי מיט דיין פאַרמעגען[10] „האָסטו אַ שטיק ברויט פאַר׳ן היינט טאָרסטו נישט זאָרגען פאַר׳ן מאָרגען"[11] „דער תכלית פונ׳ם לעבען איז צו פאַר־וואַנדלען די מעשים אין אַ „שירה" פאַר כביכול[12].

אין לעבען קען מען נישט אויסקומען מיט זיין שיטה. נישט איינמאָל קומען אַרויס אונאנגענעמליכקייטען וואָס ברענגען פיעל שאָדען דער ישיבה, דורך זיין עקסטרעמער שטרענגקייט[13]. ער איז אַ פאַרביסענער און אונבויגזאַמער קעמפער פאַר זיינע אמת׳ען. עס שרעקט איהם נישט אפילו צו זיין איינער געגען אַלע. ער ברענגט טאַקע, דורך דעם, אויף זיך דעם באַריהמטען חרם[14].

און ווען ער האַלט ביים אַוועקגיין פון דער וועלט זאָגט ער מיט רעכט אַז: „זיינע צוויי אַרעמס זענען ווי צוויי ספרי־תורות"[15].

—ער בלייבט אין דער געשיכטע דער אמת׳ער פאַרשטעהער פון דער עקסטרעם־פרומער און קנאותדיגער וועלט. אַ מענש אַ פרוש וואָס לעבט אין די הימלען און וויל זיך קיינמאָל נישט בויגען צו די אָנגענומענע כללים און השקפות פונ׳ם לעבען.

* * *

ר׳ יהושיע איז שוין געווען אַן אַנדערער מענש מיט אַ גאַנץ אַנדערען לעבענס־שטייגער. — געבוירען אין אָרימקייט, אויפגע־וואַקסען אין דער פאָלקסטימליכער און באַשיידענער סביבה פון בית־המדרש אידען[16] וואַקסט אין איהם אי אַ ליבע צום פשוט׳ען פאָלק, און אי אַ נייגונג צו באַשיידענקייט און געווענליכער אַרבייט. ער ווערט אַ בעל מלאכה, אַ נאָדלען־שלאָפער[17], וואוינט אין אַן אָרים שטיבעל וועמענס ווענט זענען שוואַרץ און אָבגעריבען[18], זיין הכנסה איז מצומצום. ער איז שטענדיג הונגעריג, און זשעדנע אַ ביסעל גע־

קעכטס[19]. ווי ביי אַלע אָרימע און אַרבייטענדיגע פאָלקס־מענשען ער־וואַכט אין אים אַ ווידערווילען צו די אַריסטאָקראַטישע־יחסנים[20]. זיי — די אַריסטאָקראַטען — באַציהען זיך צו אים דאָסגלייכען מיט ביטול און האַס[21]. ביי אַ געלעגענהייט לאָזט ער זיך באַדינען פונ'ם נשיא רבן גמליאל מיט'ן סאַרקאַסטישען אויסרוף אַז ער איז נישט בעסער פון אברהם'ן וועלכער האָט אויך אליין באַדינט מענשען[22]...

צום פשוטען האָרעפאַשנעם פאָלק באַציהט ער זיך מיט אַ באַ־זונדערער וואַרעמקייט און ליבע. ער אַליין קומט פון זייערע רייהען, פאַרשטייט ער זיי און זוכט תמיד זייער טובה. ווען עס פאָדערען זיך צוויי געוואַגטע מענשען, וואָס זאָלען אונטער געפאַהר פון סכנת־נפשות, אַרויסטראָגען ר' יוחנן בן זכאי פון דער שטאָדט, אין דעם באַריהמטען פאַרזוך צו ראַטעווען דאָס לאַנד, — איז ר' יהושוע איינער פון די צוויי וואָלונטירען[23] און ווען די חכמים ווילען, צוליב'ן חורבן, אַרויפלייגען אַ פאַרבאָט אויף פלייש־און־וויין, איז ר' יהושע שאַרף דאַגעגען, טענה'נדיג אַז מען טאָר נישט צופיעל באַלעסטיגען דאָס פאָלק[24].

שטאַמענדיג אַליין פון די אינטערשטע שיכטען האָט ער גוט געקענט דאָס לעבען און דעם כאַראַקטער פון די אָרימסטע און פאַר־שטויסענסטע. ער האָט געוואוסט אַז בלויז אומשטענדען און עקאָ־נאָמישע אומגלייכהייטען טרייבען זיי האָפט צו שלעכטע מעשים. און נישט איינמאָל קען מען געפונען אין מענשליכען זומפּ די שענסטע און אידעלסטע טיפען. דעריבער, ווען מען זאָגט אים אַמאָל, אַז אין פריזאָן איז פאַראַן אַ אידיש קינד מיט זעלטענע מעלות, לויפט ער באַלד אהין, שמועסט זיך אַדורך מיט דעם יונגען אַרעסטאַנט און זעהענדיג אַז דאָס איז אַ זעלטענער טיפ, לייזט ער אים באַלד אויס[25].

— ער, דער אָרימער האָרעפאַשניק ווייסט אַז אפילו אונטער די גראַטעס פון פריזאָנס קענען זיך פאַרוואַלגערען מענשען וואָס, ווען מ'גיט זיי די געלעגענהייט, וואָלטען זיי אויסגעוואַקסען לשם ולתפארת.

אינטערעסאַנט און מערקווירדיג ביז גאָר איז זיין אויסקענען זיך אפילו אויף די טונקעלסטע געשטאַלטען און טיפען[26]. און זיין לאָזונג איז געווען: „גיב יעדען אָב כבוד אָבער גלייכצייטיג האַלט יעדען אונטער אַ חשד"[27]...

זיין איינציגער פאַרגעניגען איז געווען, דער זעלבער פאַרגע־ניגען וואָס עס האָבען אַנדערע טויזענדער אָרימע אידען — צו פאַרהערען זיין אייניקעל יעדען ערב־שבת[28]...

— איז דערפאַר ר׳ יהושיע געבליבען ביי אונז ווי דער ריכטיגער און ווירדיגער פאָרשטעהער פון דעם אָרימען אַרבייטענדיגען און האָרעפּאַשנעם קלאַס, וואָס אַרבייטען שווער, לעבען באַשיידען, און בילדען דעם באַזעס פון אונזער ציבור.

* * *

ר׳ טרפון ווידער, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם באַקאַנטען גבירישען טיפּ מיט זיין יוסטען שטעל און זעלבספאַרשטענדליכער ברייטקייט.

— געוועזען איז ער הויך און ריזיג געבויט, ווי עס פּאַסט טאַקע פאַר אַ גביר[29], פאַרמאָגט האָט ער אַ גרויס, גאָר אַ גרויס פאַר־מעגען[30], די צאָהל פון זיינע אָנגעשטעלטע איז געווען איז אַזאַ גע־וואַלדיגער מאָס אַז אַ סך פון זיי האָבען אים דעם בעל הבית, גאָר נישט געקענט פערזענליך[31]. זיין הויז איז געפיהרט געוואָרען אויפ׳ן ברייטען שטייגער, מיט פּאָמפּ און מיט לוקסוס. אָרימע כלות האָבען געהאַט אין זיין הויז, אַ היים ווי מ׳האָט זיי אויסגעשטאַטעט מיט אַלעם גוטען און פאַרזאָרגט זיי מיט אַלץ וואָס איז נויטיג צו אַ חתונה[32].

מערקווירדיג איז, וואָס כמעט איבער אַלע זיינע מאמרים ליגט דער שטעמפּעל פון גביר׳שער ברייטקייט.

אַן עושר הייסט ביי איהם נאָר דער וואָס פאַרמאָגט הונדערט פעלדער, הונדערט גערטנער, און דערצו הונדערט באַדינער[33].

די ליכט פון שבת מוזען לויט זיין מיינונג קומען פונ׳ם טייערסטען בוימעל — פון שמן זית[34].

און דער פיש וואָס האָט איינגעשלונגען יונה׳ן איז, לויט זיין השגה, געווען גרויס ווי אַ הויז, און יונה איז אריינגעגאַנגען דורכ׳ן מויל ווי דורך אַ טויער[35] — אויב שוין פיש זאָל עס זיין מיט דער ברייטער האַנד, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ גביר . . . .

אַזוי, איז ער געווען אַ צוגעלאָזטער מענש. מיט דער געמיטליכ־קייט און גוטמוטה וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר איינעם וואָס ס׳גייט

איהם גוט. זיין באריהמטער, גוט־ברודערישער זאָג, „כפתור ופרח"[36], איז אויך אַ שטריך אין זיין אַנגענעהמען כאַראַקטער.

אמת איז, אַז ער איז — ווי אַלע גבירים — געווען אַביסעל קאַרגליך. אָבער ווען ר' עקיבא וויל איהם אַריינציהען אין זיין צדקה־טעטיגקייט, גיט ער זיך באַלד נאָך. ער נעמט אַרויס אַ באַדייטענדער סומע און זאָגט איהם: נאַדיר, געה און צוטייל וויפיעל דיין האַרץ גלוסט[37]!

זיין זוהן איז שוין געווען גערעכטען אין אַלע רייכע זונדלאך. — צולאָזט און הפקר'דיג. נאָכלויפענדיג נאָך פארגעניגענס און ספּענדענ־דיג דעם טאַטענס ירושה[38]...

איז דאָך איבעריג צו זאָגען, אַז ר' טרפון שטעלט מיט זיך פאָר דעם טיפּ גביר'ישען־איד, וואָס איז אַרויפגעאַרבייט, באַוואָרענט, און ממילא ברייטליך און גוטמוטהיג. — אַלעס איז ביי איהם מיט דער ברייטער האַנד...

* * *

ר' אלעזר בן עזריא איז שוין פון גאָר אַן אַנדערער וועלט און סביבה.

ער איז, קודם־כל, דער גרויסער גביר. פאַרמאָגט שטאַלען מיט טויזענדער בהמות[38]. דערצו פיהרט ער גרויסע מסחרים מיט וויין און בוימעל[39]. אָבער דאָס איז נישט זיין הויפּט שטריך. ער איז דער עיקר, דער אַריסטאָקראַט, דער „עשירי לעזרה"[40]. נאָך פון זיין פריהע־סטער יוגענד געזאַלבט אַלס נשיא [41] און עס איז זעלבס־פאַרשטענדליך, אַז זיין קרייז באַקאַנטע און פריינד זיינען זיכער געקומען פון יענער שיכט, ווי עס כאַוועט זיך אויף די יחסנים, די בלוי־בלוטיגע, וואָס ווערען געבוירען אין זיידענס, און גרייטען זיך באַלד צו ווערען הערשער, באַפעהלער, און, דאָס „אויבערשטע פון שטייסעל"...

* * *

וועגען ר' עקיבא איז איבעריג פיעל צו רעדען. אַלע קענען מיר איהם פאַר'ן אונערמידליכען גבאי של צדקה, פאַר'ן ברילי־אַנטער ראש ישיבה צו וועלכען עס ציהען די בעסטע קעפּ; פאַר'ן ברויזענדען רעוואָלוציאָנער, וואָס שטעלט איין זיין לעבען און דאָס לעבען פון זיינע באַליבטע תלמידים, אַבי צו געווינען פרייהייט און אונאָבהענגיגקייט.

ר' עקיבא איז די קרוין פון דער תורה־וועלט[42], דער פאָטער פון די אָרימע[43], דער קעמפער פאַר'ן פאָלק[44], דער ליבער טאַטע[45] און דער ראָמאַנטישער מאַן[46]. ער איז אַלעס וואָס איז גוט און ערהאַבען. אבער דער עיקר, דער לעהרער, דער פּאָליטיקער, דער אויפשטורמער, און דער אונערשראָקענער גייסט, וואָס קעמפט מיט וואָרט ווי אויך מיט שווערד.

* * *

מיר האָבען פאַר זיך מענשען, וואָס קומען יעדער איינער פון אַ באַזונדערער וועלט, פון אַ באַזונדער'ן שיכט. איינער האָט נישט קיין שום געמיינזאַמעס מיט'ן צווייטען. יעדער איינער טראַכט אַנדערש פאַסט אויף די וועלט און דאָס לעבען פון אַ באַזונדערען שטאַנדפּונקט. און דאָך — שהיו מסובין בבני ברק והיו מספרין ביציאת מצרים — זיך געזעצט ביי איין טיש, מיט דער פעראייניגטער כוונה אויסצוטראַכטען און אויסצופלאַנען דעם וועג צום צווייטען יציאת־מצרים — צו גאולה און באפרייאונג.

„כל אותו הלילה" — אין אַ צייט ווען ס'איז נאַכט —

זיי האָבען פאַרגעסען די גרעניצען וואָס טיילען זיי אָב אין לעבען. אַוועק געוואָרפען די פאָראורטיילען וואָס געוועגליך טראָגען זיי איינעם צום אַנדערען. געוואוסט, אַז ס'איז נאַכט. דער שונא איז שטאַרק, מ'דאַרף טראַכטען ווי אַזוי זיך צו פאַרטיידיגען געגען איהם. האָבען זיי פאַרשטאַנען, אַז דאָס ערשטע איז דער אחדות צווישען זיי. אַלע זאָלען זיצען ביי איין און דעם זעלבען טיש, מיט בשותפות'דיגע כחות אויספלאַנען די צוקונפט.

„עד שבאו תלמידיהם ואמרו להם רבותינו הגיע זמן קריאת־שמע של שחרית" — אויב איהר האָט געקענט שאַפען אַזאַ פאַראייניגונג צווישען די פאַרשידענע ריכטונגען און שיכטען, דאַן איז דאָס דער אַנזאָג פון אַ פרישען, העלען מאָרגען, וואָס קומט. אַ מאָרגען וואָס וועט ברענגען בשורות טובות און ישועות, און לאָמיר דערפאַר לויבען און דאַנקען גאָט . . .

* * *

1) פרקי דרבי אליעזר פ"א.

2) שם, אבות דרבי נתן פ"ו.

3) שם, ב"ר פרק מ"ב.

4) פרקי דר׳ אליעזר פ״ב.
5) מדרש שהש״ר פרק א׳.
6) סוכה כח.
7) שם
8) ביצה טו.
9) סוכה כז: — הגיע חמה לסוכה והוא דרש.
10) ברכות ס״א, נ״ד.
11 סוטה מ״ח.
12) סנהדרין צ״א — מתים שהחיה יחזקאל עמדו על רגליהם ואמרו שירה ומתו.
13) במ״ר פרק ט —מטרונא שאלה את ר״א וגומר.
14) ב״מ נט — „תנור של אכנעי״.
15) סנהדרין סה.
16) ירושלמי יבמות פ״א — שהיתה אמו מולכת אריסתו לבה״מ וכו׳.
17) ברכות כו.
18) שם.
19) עירובין נג — סעדתי ולא שיירתי כלום, שניה, שלשית, וכו׳.
20) עירובין מא — נכנסו ר״י להפיר דבריו.
21) ברכות כה, כו — עמוד על רגליך.
22) קידושין לב — כלום גדול הוא יותר מאברהם.
23) גיטין נה־נז.
24) ב״ב ס.
25) גיטין נח.
26) מס׳ ד״א פרק הה.
27) שם.
28) ירושלמי שבת פ״א.
29) נדה כד־כה — ארוך בדורו היה וכו׳
30) נדרים ס״ב.
31) ירושלמי שביעית פ״ד, אדר״נ פכ״ה, נדרים ס״ב.
32) אדר״נ פ״ד.
33) שבת כה.
34) שבת כו.
35) מד״ר יונה, פדר״א.
36) ב״ר פ׳ צ״א.
37) מס׳ כלה.
38) שבת נד:.
39) ב״ב צ״א, קידושין מ״ט, תוספתא סוטה ט, ב.
40) ברכות כח.

41) שם.
42) מנחות כט:, ע"ז ח., סנהדרין לח:, אדר"נ פ' י"ח.
43) ירושלמי פאה ז, שקלים ח, מס' כלה.
44) נושא כלים של בר כוכבא, במדבר רבה כד:יג.
45) פסחים קיז:, ירושלמי שבת סוף פ"ו, שבת קנו ע"ב.
46) אדר"נ פ"ו, ירושלמי פסחים, ירושלמי שבת פ"ו הל"א.

דער באַדינג צו תורה

בשלשה דברים נתנה תורה — במים, ובאש, ובמדבר.

במים —

איך האָב ליב צו שטעהן ביי די ברעגען פונ'ם ים און זיך צוקוקען צו דעם טומעלדיגען געלויף פון זיינע כוואַליעס, צו דעם ווילדען אויפהויבען זיך פון די וואַסער־בערג, וואָס וואַרפען זיך צום ברעג מיט אַזאַ צאָרן און ליאַרם, ווי זיי וואָלטען זיך וועלען פאַרמעסטען אין גבורה מיט דער ערד און מענש.

און איך טראַכט —

אָט דער גרויסער ים איז דאָך אייגענטליך נישט מעהר ווי אַ צוזאַמענגוס פון אַ סך מיליאָנען קליינע טראָפּענס וואַסער. פון אַזעלכע טראָפּענס וואָס יעדער באַזונדער איז אַזוי אונמעכטיג און אונבהאָלפען, וואָס טריקענט אויס אונטער דער האַנד, און, דאָס קלענסטע פינגערל פון אַ קליין קינד קאָן איהם אָבווישען. און נאָר דורכ'ן צוזאַמענגיסען און פאַראייניגען זיך מיט מיליאָנען אַנדערע טראָפּענס, האָט זיך געשאַפען דער פאַראייניגטער כח פון ים.

אויב אַזוי, איז עס דאָך דער בעסטער מוסטער פונ'ם כח האחדות, אילוסטרירט עס דאָך אַמקלאָרסטען, אַז די שוואַכסטע און אונבאַהאָלפענסטע, אויב נאָר, זיי פאַראייניגען זיך אין איין גאַנצעס, קענען זיי פאַרוואַנדעלט ווערען אין גרעסטען כח פון דער וועלט.

דאַרפען מיר, אידען, דערפאַר שטענדיג האָבען פאַר די אויגען דעם „מים" און לערנען דערפון דאָס ערשטע און ווירקזאַמסטע מיטעל פאַר אונזער קיום — דער כח האחדות.

* * *

ווי דער קאָזניצער מגיד זאָגט אויפ'ן פסוק „ויחן ישראל כאיש אחד": אַז ווען אַלע אידישע הענד זאָלען זיך פאַראייניגען און צונויפבונדען, וואָלטען זיי פון זיך געשאַפען אַזאַ גרויסע און מעכטיגע

האַנד וואָס וואָלט זיכער דערגרייכט צום כסא־הכבוד און וואָס וואָלט געקענט דערלאַנגען אַזאַ שטאַרקן פּאַטש אונזערע שונאים, אַז זיי וואָלטן פאַרטיליגט געוואָרן. זאָלן נאָר די יחידים האָבן שכל און צונויפפלעכטן זייערע שוואַכע יחידישע הענט אין איין גרויסער כלל־האַנט . . .

* * *

ובאש —

נישט איינמאָל געפינט זיך דער איד אַ פאַראייינזאַמטער און פאַר־לאָזענער אין אַ וועלט וואָס איז פול מיט שטערונגען און געגנערשאַפט צו זיין אידישקייט. ער פיהלט זיך דאַן ווי אַן אַרויסגעוואָרפענער און מיספאַרשטאַנענער. אַ בריענדער יאוש הויבט איהם אָן צו פאַרצערן. עס דאַכט זיך איהם, אַז ער איז איינער געגען אַלע, און וועט זיך מוזען סוף־כל־סוף אונטערגעבען, ווייל די טיילועלשע וועלט איז ווי אַ שווערער פויערישער שטיוועל, וואָס וועט איהם, ענדליך, אונ׳רחמנות׳דיג צו־טרעטען.

אין אַזאַ צייט איז ניצליך צו געדענקען, אַז מיר, אידען, זיינען געגליכען צו „אש". און פייער האָט אַ מערקווירדיגען כח: איין קליינער פונק קען זיך צופלאַקערען אין אַ גרויסען פייער. עס דאַכט זיך אַז דער פונק לעשט זיך אויס, אט בלייבט פון איהם נישט מעהר ווי אַ שוואַרצער אַש־פינטעל, אָבער מיט אַמאָל זעצט אַרויס אַ פלאַם מיט אַזאַ פּלוצימדיגקייט און קראַפט, מיט אַזאַ בליציקער פאַנאַנדערשפּרייטונג אַז אַלע בלייבען שטעהן איבעררראַשט.

און אַזוי איז מיט אונזער אידישקייט. נישט איינמאָל האָבען מיר שוין געהאַלטען ביי דער ענדע. די מאַסען זיינען געווען געגען אונז און נאָר איינצעלנע אָבגעשוואַכטע יחידים, ווי פאַראייינזאַמטע פונקען, האָבען זיך נישט געלאָזט אויסלעשען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער קאַמף איז אַ פאַרשפּילטער, אָבער תמיד זיינען די איינצעלנע פונקען אין גרויסע מעכטיגע פלאַמען פאַרוואַנדעלט געוואָרען, אין פלאַמען, וואָס האָבען מיט זייערע צונגען אַלעס אַרומגענומען, און באַלויכטען דעם גאַנצען אַרום.

* * *

ובמדבר —

גאָט האָט די אידען פאַר אַ פאָלק געמאַכט און זיי די תורה געגעבען, גראָד אין דער מדבר. גאָט האָט זיי געלערענט וועגען פולע רייפע פעלדער מיט תבואה פון וועלכע זיי וועלען פאה, לקט און שכחה דאַרפען געבען. וועגען שווער באַלאָדענע בוימער מיט די זאַפטיגסטע פּירות פון וועלכע זיי וועלען ביכורים דאַרפען אויסטיילען. וועגען שטאַלען מיט בהמות פון וועלכע זיי וועלען מעשר בהמה דאַרפען אָבשיידען. וועגען האַנדעל־און־וואַנדעל, וועגען רייכע פּאַלאַצען און געמויערטע הייזער, און די דיני שמיטה ויובל, וואָס איז זיי נוגע. גאָט האָט מיט זיינע אידען וועגען דעם אַלעס געלערענט אין אַ צייט, ווען זייערע אויגען האָבען פאַר זיך געזעהן בלויז אונענדליכען מדבר — זאַמד און טויטליכע וויסטע. אין אַ צייט ווען דאָס טרוקענע שטיקעל ברויט האָט געמוזט צו זיי קומען בלויז דורך אַ נס. און אַ ביסעל וואַסער צו שטילען זייער דורשט האָבען זיי געמוזט מיט טרערען אויסבעטען.

גאָט האָט דאָס געטאָן כדי צו שטאַרקען אין זיי די מדה פון בטחון, און גלויבען אין עתיד אפילו אונטער די ערגסטע אומשטענדען אין דער געגענוואַרט. אפילו זייענדיג אין אַ וויסטער מדבר, אַרומגערינגעלט מיט די גרעסטע געפאַרען, נישט האָבענדיג אַ דאַך איבער׳ן קאָפּ. זאָלען זיי שוין אָנהויבען זיך צוגרייטען צום גליקליכען עתיד, צו דער גאולה, וואָס וועט זיכער קומען, און זיין דאַרפען זיי אַזוי זיכער אין דעם, אַז זיי דאַרפען זיך שוין לערנען ווי אַזוי זיך נוהג צו זיין דאַמאָלס.

דאָס איז געווען דער בטחון און גלויבען, וועלכען מיר מוזען אויך היינט באַנוצען אין צייט פון מדבר און שממה.

יוסף׳ם ביינער ביים ביזת הים

בשעה שכל ישראל עסקו בביזת הים היה משה עסוק בעצמות יוסף (סוטה י״ג).

רייכקייט איז אַ סך מאָל אויך אַ גייסטיגע ברכה פאַר׳ן מענש. ווייל רייכקייט שאַפט הרחבת־הדעת[1], שאַפט פריינט און נאָנטע[2], גיט דעם מענשען זיכערקייט און זעלבס־רעספעקט[3]. ער איז אויפגעלעבט, גוט־מוטיג[4], און ממילא וויליג צו העלפען און שטיצען אַנדערע. ווייל אַזוי איז שוין די טבע פונ׳ם מענש, ווען ער איז זאַט און צופרידען, וועקט זיך אין איהם נדבנות און גרויסמוטה.

דאַגעגען אָרימקייט אין קעשענע, איז גורם אַ סך מאָל אויך אָרימקייט אין גייסט[5]. עס איז איהם שלעכט אויפ׳ן האַרצ׳ן דאַכט זיך איהם, אַז אימיצער איז שולדיג אין זיין אומגליק. זיין שכל ווערט באַאיינפלוסט פון דער שטימונג אין וועלכער ער געפינט זיך. ער פיהלט זיך באַ׳עול׳ט, אָבגענאַרט, ער ווערט פאַרוואַנדעלט אין אַ לעבעדיגען מת[6] אָהן אַמביציע, אָהן שטרעבונג. זיין פנים דריקט אויס צער און צאָרן[7], שטויסט אָב פון זיך, מאַהנט און טענה׳ט זיך אויס. וויסענדיג זיין אונמאַכט געגען דער געזעלשאַפט, ווענדעט ער זיין ביטערקייט צו גאָט[8], שליידערט צו איהם פראָטעסט און באַשולדיגונג, ווידער־שפעניגט אין איהם.

אַמאָהל איז עס אָבער גראַד פאַרקעהרט.

ווען דער מענש איז אָרים, איז ער ווייך, פול מיט געבעט, גרייט נאָכצוגעבען און מיטפיהלען אויך אַנדערע. ער פיהלט זיין עלענד און אונמאַכט און טילעט זיך צו דעם וואָס קאָן איהם שוצען און היטען. ער ווערט פרום און גלויביג[9]. ער פיהלט, אַז די אמונה איז די פעסטונג וואָס היט איהם אין זיין אונבאַהעלפענקייט. ער ווענדעט זיך צו גאָט ווי אַן אומגליקליך קינד ווענדעט זיך צו אַ שטאַרקען טאַטען נאָך הילף.

דאַגעגען, ווען ער ווערט רייך, איז דאָס רייכקייט זיין יצר הרע[10]. ער פיהלט זיך זיכער און געשיצט. עס דאַכט זיך איהם, אַז זיין

סוקסעס האָט ער צו פאַרדאַנקען זיינע פעאיגקייטען, זיין שכל[11]. ער ווערט פאַרוואַנדעלט אין אַ האַרטען, קאַלטען, געלד־שלאָס, אין וועלכען עס לעבט נישט קיין האַרץ נאָר וואָס איז פאַרקאָוועט און פאַר־האַמערט מיט קאַלטע פלאַטען פון גאָלד. ער ווייסט נישט מעהר פון אונטערטעניגקייט נאָר פון הערשאַפט און באַפעהלען[12]. ער וואַרפט דאַן אַוועק דעם אַלטען גאָט צו וועלכען מען דאַרף זיך בוקען, און שאַפט זיך קנעכטישע־געטער, וועלכע ער דיקטירט און באַפעהלט[13], לויט זיינע איינענע געשמאַקען און באַקוועמליכקייטען.

אַזאַ מין רייכקייט האַסט גאָט, אַזאַ עשירות ווערט אויסגעלאַכט און פאַרדאַמט פון אַלע אונזערע נביאים, אָבער דאָס מיינט נישט, אַז דאָס גאַנצע מין עשירות ווערט פאַראַכטעט פון אונזערע תורה, ווייל מען האָט דאָך אַ ברירה צו זיין פון דעם ערשטען טיפּ גביר, וואָס איז אַ כבוד פאַר מענשען און אַ ברכה פאַר גאָט. זאָגט דערפאַר משה צו די אידען אין דער צייט ווען זיי קליבען עשירות ביי די ים־ברעגען. אידען! קלויבט און זייט רייך! געדענקט נאָר צו זיין פון די עשירים צו וועלכע גאָט איז נאָהענט, וועלכע נוצען אויס זייער עשירות פאַר זייערע אָרימע קרובים און ברידער. נעמט אייך אַ מוסטער פון יוסף׳ן. אויך ער איז מיטאַמאָהל געוואָרען רייך און מעכטיג, און דאָך האָט דאָס עשירות נישט פאַרטעמפּט זיין האַרץ נאָר פאַרקערט, אַרויסגערופען אין איהם אַ ווילען צו העלפען און צו שטיצען. ער העלפט זיין משפּחה, האַלט זיך נישט גרויס געגען זיי, איז ברייטהאַרציג און פאַרגעסט זיינע טענות פון אַמאָהל. ווייסט אויך, אַז דאָס אַלעס איז געקומען דורך גאָט, און דאָס זאַטקייט און גליקליכקייט פון איצטער, דערנעהנטערט איהם צום באַשאַפער פון דער וועלט. און וואָס איז געבליבען פון יוסף׳ן? — זיינע פּאַלאַצען זיינען פאַרשוואונדען, זיין רייכקייט איז זיך צוגאַנגען אונטער דער הייסער זון פון צייט. גאָרנישט איז געבליבען פון זיין אַמאָליגען רוהם, בלויז עטליכע פאַרטריקענטע ביינער, און אויך זיין שם־טוב וועלכען ער האָט זיך ערוואָרבען דורך זיינע מעשים.

געדענקט דאָס אַלעס און פאַרגעסט עס נישט גראָד דאַמאָלס ווען איהר קלויבט די ביזת הים און ווערט רייך . . . ווייסט אַז פון דעם אַלעס וועט בלייבען בלויז „עצמת יוסף״ . . .

צייט - מאַטיוועז

ווי די חסידישע ספרים זאָגען: אם כסף תלוה — אויב ווילסט אַז געלד זאָל דיך באַגלייטען אין קבר, ס׳זאָל זיין אַזאַ געלד וואָס בלייבט נישט איבער נאָר גייט מיט צו גאָט, — את עמי את העני עמך — שטיץ און העלף דעם אָרימאַן, און ווייס, אַז נאָר אַזאַ געלד באַגלייט דעם מענשען אין זיין אייביגער רוה . . .

* * *

1) ירושלמי תרומות פ״ח — והלב תלה בכיס.

2) שבת לב.

3) פסחים קיט — שמעמידו על רגליו.

4) פסחים מב. — וזוקפין את הקומא ומאירין את העינים — שלשה דברים שמרחיבין דעתו.

5) ירושלמי תרומות פ״ח — והלב תלוי בכיס.

6) נדרים ז: ס״ד: מו״ק יז.

7) ברכות ו.

8) עירובין מא — ומעבירין את האדם על דעתו ועל דעת קונו.

9) חגיגה ט. כתובות פ״א.

10) וישמן ישורון ויבעט. ברכות לב — בשביל כסף וזהב עשו העגל.

11) כחי ועוצם ידי עשו את החייל הזה.

12) עשיר יענה עזות.

13) סנהדרין ז. — אלוה הבא בשביל זהב.

„קיים זה מה שכתב בזה״

וכל אותן שנים שהיו ישראל במדבר היו שני ארונות הללו, אחד של מת (יוסף) ואחד של שכינה מהלכין זה עם זה והיו עוברין ושבין אומרים מה טיבן של שני ארונות הללו וכו׳ אמרו קיים זה מה שכתוב בזה. (סוטה י״ג).

אַ סך מענשען מיינען, אַז די געזעצען פון דער תורה זוכען אונז צו איזאלירען פון דער וועלט, אַרומצוריינגלען מיט אַ געדיכטער מויער, וואָס זאָל אונז אָבטעהלען און אָבזינדערען. און אויב איינער וויל נעמען אַן אנטייל אין לעבען, און אין געשעהענישען פונ׳ם לעבען, דאַן מוז ער זיך ממילא דערווייטערען פון דער תורה־ומצות־וועלט. ווייל אַ טריט נעהנטער צום דרויסענדיגען, איז מיט אַ טריט ווייטער פון גאָט און פרומקייט.

איז איבעריג צו זאָגען, אַז אַזאַ אויפפאַסונג איז פאַלש און שעדליך. דער שטאַרקסטער און שלאָגענדסטער אַרגומענט געגען אַזאַ שיטה איז דאָס לעבען פון יוסף הצדיק.

ער איז אַ משנה למלך. שטעהט אין צענטער פון מלוכה־פיהרונג און וועלטליכקייט, איז די הויפט־פיגור אין רייכסטען, ענטוויקעלסטען לאַנד פון יענער צייט, האָט אויך אַ חוש פאַר אויסערליכען שיינקייט און רייץ.

און דאָך — איז ער דער זעלבער היימישער יוסף, וואָס מיר געדענקען איהם פון יעקב׳ס שטוב, היט אָב די מצוות מיט דעם זעלבען אַלטען חשק און באַגעהר. דאָס וועלטליכע אויסלעבען זיך, איז גאָרניט קיין שטער צו זיין פרומקייט, אדרבא, עס האָט געשאַפען מיט זיך אַ וואונדערליכע האַרמאָני און איינהייטליכע גאַנצקייט.

איז דעריבער יוסף געווען דער לעהרער פון די אידען אין מדבר, וואָס האָבען געמיינט, אַז אַ תורה קאָן מען האַלטען בלויז אין אַ

מדבר־לאַגע — איזאָלירט און אָבגעטהיילט פון דער גרויסער רוישיגער עולם הזה׳דיגער וועלט. האָט זיי יוסף געלערענט, אַז „קיים זה מה שכתוב בזה״ — מ׳קאָן זיין גרויס און איינפלוסרייך אין דער וועלטליכער געזעלשאַפט און גלייכצייטיג פרום און אונבאַריהרט בנוגע תורה והמצות . . .

ממתיבתא לבי קיסר

רב אבהו כי הוה אתי ממתיבתא לבי קיסר נפק אמהתא דבי קיסר לאפיה ומשרין ליה הכי: רבא דעמיה מדברנא דאומתיה בוציני דנהורא בריך מתייך לשלם (כתובות י"ז)

רב אבהו איז געווען אַ וואונדערליכע פילזייטיגע פערזענליכקייט. אַ מענש, וואָס האָט געטראָגען מיט שטאָלץ דעם אורו של תורה אין די פּאַלאַצען פון מלכים ושרים, ווי אויך האָט ער דעם וועלטליכען שוואונג און פּאַרנעם, אַריינגעבראַכט אין די ד' אמות של הלכה.

ווען מיר קלויבען צונויף איינצעלנע פאַקטען און שטריכען פון זיין לעבען, פון דעם גרויסען ים התלמוד, שטעלט זיך פאַר אונזערע אויגען אויף די קומה שלמה פון זיין פערזענליכקייט אין איהר גאַנצער פּראַכט און אַלזייטיגקייט.

געווען איז רב אבהו אַן אויסערגעוועהנליך שטאַרקער מאַן[1], מיט אַ פיגור אויסגעפורעמט און אויסגעשניצט מיט זעלטענער שעהנקייט און רייץ. זיין פנים איז געווען בילד־שעהן. פון די געצעהלטע שעהנהייטען אין דור[2]. דערצו איז ער געבענטשט געווען מיט רייכקייט[3]. זיין הויז האָט איבעראַשט מיט זיין אויסשטאַטונג און בלענדענדען גלאַנץ[4]. אויף זיין טיש האָבען זיך שטענדיג, איבערהויפּט אין די שבתים, געפונען די געשמאַקסטע און רייכסטע מאכלים[5]. אין דער אויסערליכער וועלט איז ער געווען געאַכטעט און געשעצט. דאָס קעניגליכע הויף האָט זיך גערעכענט מיט זיין וואָרט[6] — דאַכט זיך, אַז די אַלע עולם הזה'דיגע כישופ'ן און רייצען מיט וועלכע דער יצר הרע פאַרטומעלט און פאַרוויגט דעם מענש'ן, האָבען זיך געפונען אין רב אבהו'ס סביבה.

און דאָך —

איז ער געבליבען דער באַשיידענער מענש, וואָס גיט אָב כבוד זיינע חברים און שטעלט זיך אין זייער שאָטען[7]. שטעלט איין זיין לעבען פאַר'ן כבוד הדת[8], האָט אַזוי שטאַרק ליעב אַ תלמיד חכם, אַז ווען עס שטאַרבט איינער, קען ער דעם גאַנצען טאָג נישט עסען פאַר צער[9].

רעדט שטענדיג פון תשובה און פרומקייט[10]. ווען מ׳קומט אַריין צו איהם אין די שפּעטע שעה׳ן פון נאַכט, טרעפט מען איהם זיצען און לערנען איינגעהילט אין טלית־אונתפילין[11]. און ווען ער געפינט אַ פאַרוואָרפענעם תוספתא שיינט אויף זיין פנים מיט אַזאַ ליכטיגער באַגייסטערונג, ווי איינער וואָס געפינט דעם טייערסטען אוצר[12].

איז דען אַ וואונדער, וואָס מ׳האָט פאַר רב אבהו געזונגען דאָס דערמאַנטע ליד אין וועלכען עס קומט צום אויסדרוק זיין אייגענאַרטיגע פילזייטיגקייט אין האַרמאָנישע השלמה און איינקלאַנג.

כי הוה אתי „ממתיבתא״ „לבי קיסר״ — די פאַראייניגונג פון תורה און וועלטליכקייט. היימישע ישיבה־סביבה, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט איינגעהאַלטענער צניעות׳דיגער קדושה וטהרה, צונויפגעפּאַרט מיט׳ן רעש׳יגען אויגען־בלענענדיגען הויף־לעבען ביים קעניג.

רבא דעמיה — אַ ווירדיגער מנהיג פון אידען. מדברנא באומתיה — און גלייכצייטיג אַ מוסטערהאַפטער פאָרשטעהר כלפי חוץ. בוצינו דנהורא — און דערצו נאָך אַ קדוש וטהור, אַ גייסטיג ליכט, וואָס לייכט און וואַרעמט.

בריך „מתייך לשלם״ — געבענטשט ביזטו גרויסער מענש, וואָס קענסט ברענגען אין שלום און אין האַרמאָני, די צוויי פאַרשידענע לכאורה, געגען־געזעצטע אייגענשאַפטען און פעהיגקייטען. מתייך לשלם — דו ברענגסט זיי אין שלום און אין פאַראייניגונג . . .

* * *

1) ברכות ס״ע״א.
2) בבא מציעא פ״ד ע״א.
3) ירושלמי בבא מציעא פ״ד הל׳ ז׳.
4) שבת קיט ע״א.
5) שם.
6) כתובות י״ז ע״א.
7) ירושלמי פסחים פ״ב ה״ב, סוטה מ׳ ע״א.
8) ע״ז כח ע״א.
9) ירושלמי מועד קטן פ״ג ה״ג.
10) ברכות לד ע״ב.
11) ירושלמי ברכות פ״ב ה״ג.
12) ירושלמי שבת פ״ה הל׳ א׳.

ס׳טאָר נישט זיין קיין „לבו רואה את הערוה״

מבלאי מכנסי כהנים ומהמנייהם היו עושים אור שמחת בית השואבה ולא היה חצר בירושלים שאינה מאירה מאור בית השואבה — (סוכה נא)

דער בית המקדש האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין פּזרנות׳דיגער רייכקייט. אַזוי, אַז אפילו דאַן ווען עס איז געווען אַ מעגליכקייט איינצושפּאָרען געלד, האָט מען עס אויך ניט געטאָן אונטער דער לאָזונג פון „אין עניות במקום עשירות״[1]. ווי׳זשע קומט עס, וואָס ביי אַזאַ פייערליכקייט ווי שמחת־בית־השואבה, זאָל מען זיך גאָר באַנוצען מיט אַלטע בגדים?

קוקען מיר אָבער אַריין אַביסעל טיפער אין דעם גאַנצען ענין, געפינען מיר אויס, אַז די אַלטע בגדים און בכלל די גאַנצע צערעמאָניע האָט פאַרמאָגט אין זיך אַ סימבאָלישע לעהרע וועגען אַ הויכער און העכסט וויכטיגער אידעע.

די וועלט איז פול מיט אַנציענדע שיינקייטען, און דער מענש איז באַשאַפען געוואָרען הנאה צו האָבען פון אָט די אַלע שעהנע זאַכען[2]. און נישט בלויז מעג ער הנאה האָבען, נאָר ער איז פאַרפליכטעט דערצו[3]. ווייל הנאה און באַפרידיגונג לייטערען און ברייטערען אויס די האָריזאָנטען פון מחשבה און השגה[4]. און דאָס איז ממילא די לייטער צו אמונה און אהבת השם[5]. דער מענש איז מחויב צו באַמערקען די פאַרגליווערטע פראַכט פון לאַנדשאַפטען און נאַטור־ערשיינונגען[6]. ער איז מחויב זיך אָבצושטעלען און באַוואונדערען דעם בליה פון בוימער און תבואות, זיך צוצהערען צו זייער שאַרף און שעפשענדיגער שפראַך[7]. ער טאָר נאָר נישט הערביי פאַרגעסען אָבצוגעבען דעם שבח צום בורא פון אָט דעם אַלעם[8]. ער דאַרף לויבען און דאַנקען דעם באַשאַפער פון אַזאַ כישוף׳דיגער פאַרשידענקייט, וואָס גיסט זיך צונויף אין איין וואונדערליך בילד.

טוהט דאָס דער מענש, דאַן הייליגט ער דעם עולם הזה. ברענגט

ער אַריין גאָטהייט אין זאַכען וואָס קוקען אויס גשמיות'דיג. אין חסידישען לשון וואָלט עס געהייסען: ער איז מעלה די ניצוצות הקדושה פון דער בריאה, ער לייגט אַרויף גאָט'ס חתימה אויף דער וועלט און אויף די ערשיינונגען אין איהר.

דער מענש דאַרף אָבער גלייכצייטיג געדענקען, אַז אויב ס'איז איהם ערלויבט אַריינצוברענגען שמימיות אין דער וועלט פון ארציות, איז איהם אָבער, אַבסאָלוט, נישט ערלויבט, פאַרקעהרט, אַריינצוברייגגען ארציות אין דער וועלט פון תורה, תפילה, ועבודה.

אַ טראַגישען טעות מאַכען די, וועלכע ווילען באַציהרען זייער זייער גייסטיג לעבען — זייערע מקומות התורה והתפלה — מיט דעם יפיפיתו של יפת. זיי מיינען, אַז וועלטליכקייט וועט זיין אַ גוט מיטעל צו שאַפען אינטערעס און עגזיסטענץ-מעגליכקייטען פאַר אידישקייט. די טראַגעדיע דערפון איז, וואָס אין דער זעלבער צייט וואָס מאַטריעלע מיטלען מעהרען זיך טאַקי דורך דעם, ווערט אָבער אונדירעקט און שלא בכונה דאָס רוחניות'דיגע, וואָס דאָס איז דאָך דער תכלית, אַזוי איינגעשרימפען און פאַרוואָכעדיגט, אַזוי אויסגעוועפט און פאַרטעמפּט, אַז עס בלייבען די מיטלען און עס פאַרשווינדעט דער תכלית, און סוקסעסיוו, ווערען די מיטלען אַליין דער תכלית...

ווייל די וועלט פון תורה ותפילה מוז זיין ריין און אונבאַפלעקט, אָבגעזינדערט און אָהן שותפות מיט'ן דרויסענדיגען, אַז מען קומט אַריין אין אַ מקום קדוש, אָדער אַז מען טוהט אַ דבר שבקדושה, דאַרף מען איבערלאָזען דעם גאַנצען גשמיות'דיגען דרויסען אין יענער זייט טיהר. מער דאַרף זיך פיהלען ווי מ'געהט אַריין אין אַ גייסטיגער מקוה, אין אַ מקוה של אש, וואָס וואַשט און רייניגט מיט איהרע פייערען אַלע פגימות פון דער נשמה, אַלע פלעקען וואָס דער עולם-הזה האָט אַנגעקלעפּט. און נאָר דאַן, ווען מען טוהט אויס די קליידער און מען לאָזט זיי אין אַ זייט, קען מען האָפען אַרויסצוקומען ריין און אויס-געוואַשען...

דער איד האָט דאָס אַלעס געלערענט סימבאָליש פונ'ם אבנט, וועלכען ער טוהט אָן, און וועלכער האָט פאַרהיטען, אַז עס זאָל נישט זיין קיין „לבו רואה את הערוה" — דאָס האַרץ, וואָס איז דער היכל פון קדושה וטהרה, טאָר קיינמאָל נישט זעהן און קומען אין קאָנטאַקט

מיט „ערוה״ — גשמיות׳דיגס. עס מוז זיין אָבגעטיילט און אָבגעהיט. די מכנסיים האָבען אויך געדינט צו דעם זעלבען צוועק, ווי עס זאָגט עס תוספות אין מס׳ שבת דף י׳ ע״א, ד״ה טריחותא.

און ביי דער געלעגענהייט פון שמחת־בית־השואבה, ווען דער איד האָט באַדאַרפט שעפען אידישקייט און גלויבען, ווי די חז״ל אַליין באַצייכענען דעם נאָמען „שואבה״ וויל מ׳האָט דאָרט געשעפט רוח הקודש און פרומקייט[10]. האָט מען דעם איד אָנגעזאָגט:

איד! ווילסטו אַז אין דיין בית המקדש זאָל לייכטען מיט אַ ליכט פון אור שבעת הימים?! דאַן זאָלסטו וויסען, אַז נאָר „ממכנסי הכהנים ומהמנייהם״ — נאָר ווען דו וועסט זיך האַלטען ביי דער שיטה פון „אסור שיהי׳ לבו רואה את הערוה״, ווען דו וועסט נישט צולאָזען אַז ערוה׳דיגס זאָל זיך חבר׳ן מיט׳ן הייליגסטען פונ׳ם לב, נאָר דאַן קענסטו זיכער זיין, אַז דאָס ליכט פונ׳ם מקום קדוש וועט לייכטען אַזוי העל און אַזוי מעכטיג, אַז די גאַס, די שטיבער, דאָס לעבען אין די היימען וועט באַלויכטען ווערען און באַאיינפלוסט ווערען פונ׳ם בית־המקדש־ליכט. — ולא הי׳ חצר בירושלים שאינה מאירה מאור בית השואבה — דיא השפעה פון תורה ותפלה וועט זיך שטאַרקען און אויפגעהן ווי אַן עמוד האש אין די פאַרוואָרפענסטע ווינקעלעך פון דעם אידישען לעבען. . .

* * *

1) שבת קב:, במ״ר פ׳ יד יב.
2) תענית כב., עירובין נד., נדה ו., ב״ר יג.
3) ירושלמי סוטה פ״ג, קידושין פ״ד.
4) ברכות נז.
5) ב״ב.
6) ברכות נח־נט.
7) ב״ר יג. ברכות מג:
8) ברכות נח. מג.
9) שבת בתוס׳ דף י׳ ע״א ד״ה טריחותא.
10) ירושלמי מובא בתוס׳ סוכה נ: ד״ה חד תני שואבה.

דאָס פאַרמעגען פונ׳ם יתום

הזכרת נשמות — בשלוש רגלים.

עס האָט מיך אַמאָל אַ איד געפרעגט: היתכן, פאַרוואָס האָט מען עפּעס מתקן געווען הזכרת-נשמות גראד אין די שלוש-רגלים, אין די סאַמע פרעהליכסטע ימים-טובים וואָס מיר האָבען? עס קוקט דאָך אויס ווי אונזערע חז״ל האָבען אונז נישט פאַרגינען דאָס ביסעלע שמחה, וואָס מיר ווילען געניסען...
איך האָב איהם געענטפערט מיט אַ פּאַסירונג פון מיין קינדהייט.

* * *

געווען איז דאָס אין אַ שעהנעם פּסח׳דיגען נאָכמיטאָג, אין מיין געבורט-שטעדטיל טשארטקוב. מיר, אַ גרופּע יונגע קינדער, שטעהן אינמיטען מאַרק. דער טאָג איז העל ווי מיט גאָלד באַגאָסען. אונזערע פּנים׳לעך שטראַהלען מיט קינדערשער צופלאַמקייט. מיר שפּאַרען זיך וועמענ׳ס מתנה לכבוד פּסח, איז שעהנער און גרעסער. יעדער איינער פלייסט זיך צו לויבען זיין נייע מלבוש, נייע שיך, אָדער נייעם הוט, וואָס ער האָט געקראָגען פון זיין טאַטען אַ מתנה. אַלע זיינען מיר אויפגעלעבט און דערהויבען. מען דערקענט עס אין די צורויט-עלטע און צופלאַמטע בעקלאַך, אין די אויפגערעגט-באַגייסטערטע אויגעלעך. אַלע אַחוץ איינעם — אַחוץ שלמה׳לע דער יתום, וועלכער שטעהט אין אַ זייט אין זיין אַלטען אָבגעטראָגענעם מלבוש׳ל. זיין פּנים׳ל —בלאַס, פאַרקרימט, זיינע בליקען אַראָבגעלאָזט, ווי פאַרשעהמט. אָבער מיר האָבען דאָס נישט באַמערקט, ווייל מיר זיינען געווען אַריינגעטאָן אין אונזער אַמפּערען זיך, לויבען און ריהמען, יעדער איינער זיין טאַטען, זיין מאַמען, זיינע נייע זאַכען.
ווען מיר האָבען זיך אַ ביסעל באַרוהיגט און אַרומגעקוקט, האָבען מיר דערזעהן, אַז שלמה פעהלט. ער איז פאַרשוואונדען. ווי קען ער זיין? — מיר לויפען איהם זוכען. מיר שרייען: שלמה׳לע! שלמה׳לע! — אָבער נישטאָ. מיטאַמאָל דערהערען מיר אַ דין קינדעריש געוויין פון דעם בערגעל אויבען, ווי עס געפונט זיך דער

בית החיים. מיר געהן אַרויף, און עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונזערע אויגען אַ שרעקליך בילד.

אַלטע, צובויגענע און פאַרגראָהטע מצבות שטעהן ווי אין אַ פאַר־חלש'טען שטיל־שווייגען. דאָס רוהיגקייט פון אַרום שרעקט מיט טויט און מיט מתים, נאָר אין אַ זייט ביים קבר פון זיין פאָטער און מוטער, שטעהט שלמה'לע דער יתום געבויגען. זיין קערפּער'ל ציקט זיך ווי אין אַ שטילען שלוכצען, און פון זיינען אומשולדיגע איבערגעשראָקענע אויגען קוקט אַרויס אַזוי פיעל תחנונים, אַזוי פיעל געבעט.

ווען מיר פרעגען איהם פאַרוואָס עס איז איהם פלוצים איינגע־פאַלען צו געהן צו די קברים, ענטפערט ער בזה הלשון:

מיינע ליבע חברים'לאך. איך האָב געזעהן ווי יעדער איינער פון אייך באַריהמט זיך מיט די שעהנע זאַכען, וואָס ער האָט, האָב איך זיך אויך געוואָלט מיט עפּעס באַריהמען. איך פאַרמאָג אָבער גאָרניט. האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איך פאַרמאָג אויך עפּעס, און דאָס זיינען די קברים פון מיינע עלטערען. די דאָזיגע צוויי קברים זיינען מיין איינ־ציג פאַרמעגען. בין איך דערפאַר געגאַנגען זיי אָנקוקען.

און טרערען, לויטערע, הייליגע, האָבען זיך געקייקעלט פון זיינע אויגעלאך.

* * *

ווען עס קומט צו הזכרת־נשמות, וועקט זיך אויף אין מיין זכרון די דערמאנטע פאַסירונג. עס דאַכט זיך מיר, אַז איך זעה אין איהר דאָס לעבעדיגע בילד פונ'ם אידישען פאָלק.

עס קומט פסח, וואָס דערמאנט אין גאולה, אין אַ פריי פאָלק אין זיין אייגען לאַנד; ס'קומט סוכות, וואָס דערמאנט אין חג־האסיף — אין פולע שפּייכלערס מיט תבואה; ס'קומט שבועות, וואָס דערמאַנט אין דער פרייד פון צו־וואַקסענע רייפע פעלדער און גערטנער, און עס טראַכט זיך: רבונו של עולם! אַנדערע פעלקער ווען עס קומען זייערע ימים־טובים, פרייען זיי זיך מיט דעם אַלעם, ווייל זיי פאַרמאָגען עס. זיי האָבען פרייע לענדער, שטאַרקע אַרמייען, רייכע פעלדער און גערטנער. זיי האָבען מיט וואָס זיך צו באַריהמען, מיט וואָס זיך פאַרצושטעלען. אָבער וואָס האָבען מיר? — גאָרנישט מיט גאָרנישט. יאָ — איין

זאַך האָבען מיר, און דאָס גראד אין אַ גרעסערער מאָס, אַ סך מעהר ווי אַנדערע פעלקער — קברים.

קברים פון יונגע קדושים, וואָס זיינען געשטאָרבען פריהצייטיג דורך הענד פון רוצחים; קברים פון יונגע טאַטעס און מאַמעס, וועמענס יתומים׳לאך בלאָנדזשען אַרום איבער דער וועלט אָהן שוץ און אָהן פריינד; קברים פון צושחט׳ענע, צופליקטע און צושענדעטע אידישע קינדער; קברים, אַ סך קברים.

און מיר בלייבען זיצען, ווי יענער שלמה׳לע יתום, ביי אַט די אַלע קברים, וואָס שטעלט מיט זיך פאַר אונזער איינציג פאַרמעגען, אַ פאַר־מעגען, וואָס קיינער קען נישט אַוועק נעמען פון אונז. און מיט טרערען אין די אויגען און אַ וויטאָג אין האַרץ, זאָגען מיר „יזכור אלקים את הנשמות״. . .

אַ מערקווירדיג פאָלק איז עס

האי מנאי דחזי לרבא דקא מעיין בשמעתא ויתיב אצבעי דידיה תיתי כרעי וקא מייץ לי וקא נבעי אצבעותו דמי וכו׳, א״ל אנו דסגינן בשלמותא כתיב בן תומת ישראל תנחם, הנך אנשי דסגו בערמומיתא כתיב וסלף בוגדים ישדם (שבת פח)

אַ מערקווירדיג פאָלק זיינען מיר אידען. אין דער צייט, ווען אונזער אייגענער פאָלקס־גוף לעבט אין אייביגער דיסהאַרמאָני: די פיס[1] דריקען די הענד[2] ביז בלוט. די הענד, ווידער, האָבען ווינציג דרך ארץ פאַר׳ן קאָפּ[3]. און בשעת עס געהט אָן דאָס דאָזיגע ארומרייסעניש, איז זיך דער קאָפּ פאַרטיפט אין זיינע תורות און לימודים, אָדער גאָר ער זוכט צו מוסר׳ן די וועלט, די גוי׳אישע וועלט, פאַרוואָס זי אַדאפּטירט נישט דעם גרויסען וועלט־שלום.

גוף! צושויבערטער און צופאַהרענער! זעה קודם־כל דיך אַליין געזונט צו מאַכען. לאָז צוערשט הערשען שלום אין דיין אייגען בינטעל אברים, דערנאָך וועסטו האָבען דאָס רעכט צו מוסר׳ן אַנדערע פאַרוואָס זיי האַלטען נישט פון שלום . . .

* * *

1) פיס — געלד־מענשען, ביזנעס־לייט. ממונו של אדם שמעמידו על רגליו

2) עוסקים בצרכי ציבור — די הענד וואָס ווילען בויען און שאַפען.

3) קאָפּ — ראשי העדה.

די דריי שלום׳ס

שלוש שלומות הן, שלום כנחל, שלום כקדרה, שלום כצפור.
(ברכות נו, ע״ב)

שלום כנחל —

מענש ! אויב דו ווילסט האָבען ערפאָלג אין לעבען, אויב דו ווילסט געפינען דעם וועג וואָס פיהרט צו ברכה[1], דאַן מוזטו קודם־כל פאַר־שפּרייטען אַרום דיר שלום. ווייל שלום איז דער נאָמען פון גאָט[2]. שלום איז דער פילאַר אויף וועלכען דאָס גאַנצע געזעלשאַפטליכע סיסטעם איז געשטעלט[3]. צוליעב שלום מעגסטו אפילו פאַרבייגען דיין אייגענעם אמת[3], און אפילו דאַן ווען דו האָסט זיך ביי גאָט פאַרזינ־דיגט, קענסטו זיך, מיט׳ן פאַרשפּרייטען דעם שלום, אויסקויפען[5].

און אויב דו ווילסט זעהן אַ בולט׳ן באַווייז, ווי גרויס עס איז דער כח פון שלום, וויפיעל קראַפט ער גיט צו דיע, וואָס האַלטען איהם, דאַן קוק זיך צו, צו דעם טייך. זעה ווי שטיל און דערקוויקענד עס זיינען זיינע וואַסערען. מענשען קיהלען און דערפרישען זיך אין איהם. פרויען וואַשען זייערע וועש. די לופט אַרום איז דורכגעלייטערט און אויסגערייניגט אַ דאַנק זיין וואַסער־פלוס. ער, דער טייך, איז אַ ברכה פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען.

און איצטער טראַכט —

פון וואָס, אייגענטליך, האָט זיך געשאַפען דער טייך, אויב נישט פון איינצעלנע, שוואַכע און אונבאַדייטענדע טראָפּענס, וואָס צונויפ־געגאָסען און פאַראייניגט, בילדען זיי אַזאַ ברכה־פולען טייך, און יעדער טראָפּען באַזונדער וואָלט פאַרשוואונדען און אויסגעטריקענט אָהן וועלכע נוצען צו אימיצען.

שלום — כנחל — זעה, אַז דו, מיט דיינע חברים, זאָלט אַרום זיך שאַפען דעם זעלבען שלום און האַרמאָניע, ווי דער טייך . . .

* * *

שלום כקדרה —

איך ווייס, אַז דו, מענש, וועסט מיר זאָגן: יאָ, ווען אַלע זאָלן זיין מיין גלייכען, וואָלט טאַקי געקענט הערשען שלום צווישען אונז. די צרה איז אָבער, וואָס איינער איז אַזוי אַנדערש פונ׳ם צווייטען, אַנדערש אין געדאַנק, אַנדערש אין וועלט־אנשויאונג, אַנדערש אין טעמפּראַמענט און אויך אין די אַמביציעס. וואָס ביי מיר איז גוט איז ביים צווייטען שלעכט. מיט וועלכען איך באַריהם זיך, שעהמט זיך גאָר דער אַנדערער. ניין! מיר זיינען געגענגעזעצטע און אָבגע־פרעמדעטע וועלטען, וואָס קאָנען זיך קיינמאָל נישט צוזאַמען קומען. — מיר זיינען פייער מיט וואַסער . . .

זאָג איך דיר, מיין ליבער מענש, אַז אפילו פייער און וואַסער קענען אויך שלום מאַכען צווישען זיך. מען דאַרף נאָר געפינען דעם וועג ווי אַזוי, מיט וואַסערע מיטלען און אויף וואָס פאַר אַן אופן, און דאַן וועסטו זעהן ווי נישט בלויז וועלען זיי זיך נישט באַקעמפען, נאָר איינער וועט דעם צווייטען נאָך העלפען.

אָט קוק זיך צו, צו אַ טעפּעל מיט וואַסער זידענדיג אויפ׳ן פייער.

געוועהנליך, וויל פייער פאַרצעהרען דאָס וואַסער און וואַסער זוכט תמיד אויסצולעשען און צו דערשטיקען דאָס פייער. זיי זיינען זיך די פאַרביסענסטע שונאים.

און דאָך —

האָט זיך געפונען דער מיטעל ווי אַזוי צו פאַראייניגען פייער מיט וואַסער, זיי זאָלען זיך געגנזייטיג העלפען. פייער איז וואַסער געווען רויה און קאַלט, פול מיט באַקצילען. קומט דאָס פייער און מאַכט עס הייס, מחיה׳דיג, און פול מיט רפואה. ווי אַזוי איז עס מעגליך? שונאים זאָלען זיך גאָר העלפען? — יאָ, ס׳איז מעגליך. מ׳דאַרף בלויז אויסזוכען דעם וועג, דעם אופן און די מיטלען דערצו.

שלום כקדרה—לערען עפּעס, מיין פריינד, פון דער דאָזיגער קדרה. זוך שלום צו מאַכען אפילו מיט אַזעלכע מענשען וואָס דיר דאַכט זיך, אַז זיי זיינען דער היפוך פון דיר. עס מוז זיך אויסזוכען אַ בריק פון איינעם צום צווייטען, אַ וועג ווי אַזוי זיך צו פאַרבינדען אין חבר׳שאַפט. יגיש׳קשה, וויל נאָר, וועסטו שוין דעם וועג געפינען. . .

* * *

שלום כצפור —

אָודאי וואָלט די גאַס אויסגעזעהן שענער און בעסער, ווען די מענשען, וואָס געהן אויף איהר וואָלטען זיך באַגעגנט מיט אויפריכ־טיגער ליבע, מיט געגענזייטיגע גוטע וואונשען. עס וואָלט דאָך דאַמאָלס גאָט׳ס ברכה גערוהט אין יעדען ווינקעלע פונ׳ם לאַנד, ווייל אמת׳ער וואוילזיין און פראָספעריטי קומט בלויז דורך געטרייער צו־זאַמענאַרבייט, געגענזייטיגער אַרויסהילף און חבר׳ישע פריינדליכקייט.

עס וואָלט אָבער נאָך אַלץ נישט געווען דער ענדע ציעל פונ׳ם שלום. ווייל דער אמת׳ער שלום, דער אידעאַלער, צו וועלכען אונזערע נביאים האָבען אַזוי שטאַרק געבענקט, טאָר זיך נישט באַגרעניצען אין איין לאַנד, ביי איין פאָלק. ער דאַרף ווייט אַריבער די גרעניצען פון לאַנד און פאָלק. ער דאַרף, ווי אַ מלאך, מיט פליגלען אַרומפליהען און אַרומשוועבען איבער אַלע לענדער און אַלע פעלקער.

שלום — כצפור — קוק זיך צו מענש! צו דעם פויגעלע וואָס שוועבט אַזוי לייכט אין דעם חלל פון דער וועלט. שטעלט זיך אָב, דאָ, אויף דעם צווייגעל, דאָ אויף אַ צווייטען. איז נישט געצוימט און נישט באַגרעניצט, פאַרמאָגט גאָרנישט און פאַרמאָגט אַלעס — אַלע וועלדער, אַלע בוימער, ווי נאָר עס געפונט זיך זון און לאַבעדיגע פרייד. און ווען דער זומער געזעגענט זיך מיט איין לאַנד און פאַרנעמט זיך צו אַ צווייטען, פליהט דאָס פויגעלע נאָך דעם זומער, איבער לענדער, ימים און בערג. ווייל פאַר׳ן פרייעם שטיפערישען פויגעלע זיינען נישט פאַראַנען קיין גרעניצען, קיין פּאַספּאָרטען, קיין גרעניץ־וואַכען, קיין אונטערשיעד פון פאָלק און ראַסע. די וועלט איז פאַר איהם, דעם פויגעלע, איין גרויס לאַנד פון זון און אומגעצוימטער פרייד.

שלום כצפור — ווי זעהט מען שוין די מענשהייט אין דער מדרגה פונ׳ם פויגעלע? ווען וועט שוין קומען די אויסגעבענקטע און פון לאַנג באַגעהרטע צייט, ווען עס וועלען אָבגעמעקט ווערען די גרעניצען פון לאַנד און לאַנד, די מחיצות צווישען פאָלק און פאָלק, די אָבגרונטען, אָנגעפולטע מיט שנאה און פאראורטייל, צווישען ראַסע און ראַסע? ווען, וועט די וועלט ווערען איין גרויס לאַנד פאַר איין גרויס פאָלק, וואָס רופט זיך „מענשהייט" און וואָס ווערט פאַראייניגט דורך „דעת־השם" — דורך דעם הויכען געטליכען שכל, וואָס איבערצייגט

צייט - מאַטיוועז

זיי, אַז נאָר אויף די פונדאַמענטען פון אהבה ואחוה, שלום און טאָלע־ראַנץ, קען די וועלט וואַקסען און פאַנאַנדערבליהען זיך אין אַ וואונדער־ליכען גאָרטען פון ברכה והצלחה?

ווען וועט דאָס זיין?

* * *

1) עוק׳ ג. אין לך כלי המחזיק ברכה אלא השלום.
2) ספרא נשא פ״ו, ויק״ר ט, במ״ר יא — ששמו של הקב״ה נקרא שלום.
3) אבות א. — על האמת, על הדין ועל השלום.
4) מד״ר בראשית — השליך אמת ארצה.
5) ספרי נשא פ״ו — גדול השלום שאפילו ישראל עובדים ע״ז אין מידת הדין פוגעת בהם וכו׳
6) תנה״ק צו, ספרא בחוקותי, ויק״ר ט, דב״ר ה.
7) שם — לא נתנבאו אלא בשביל השלום.

דער מנהיג — און זיינע עקסטרעמען

בשלושה דברים נתנה תורה — באש, ובמים, ובמדבר.

פייער און וואַסער, אויסער דעם, וואָס זיי זיינען נאַטירליכע שונאים, און איינער זוכט צו פאַרניכטען דעם צווייטען, פאַרמאָגען זיי אויך אַנדערע געגענגעזעצטע אייגענשאַפטען.

פייער איז דינאַמיש, אויפברויזענדיג און מיט־רייסענד. פייער רייסט זיך מיט אימפעטיגער געוואַגטקייט צו אַלץ און צו אַלעמען. וואַגט אַרויסרופעריש אפילו געגען אַזעלכע זאַכען וועלכע איהרע ציין קענען נישט איינבייסען. פייער קאַכט מיט ענערגי און עזות'דיגער גאוה, רייסט זיך אַרויף — און וואָס העכער און פאַרשפרייטער זיינע פלאַמען דערגרייכען אַלץ דורשטיגער און אונערזעטליכער איז זיין הייסער דראַנג צו די הויכען. פייער איז דער ריכטיגער אויסדרוק פון ענערגישען וואַגען, פון אַרויסרופערישען שטאָלץ און פון פלאַמענדען אַלץ־פאַרניכטענדיגען באַגעהר און שטרעבען.

וואַסער, דאַגעגען, איז —

— סטאַטיש, הכנעה'דיג און איינגעהאַלטען אין זיך. וואַסער זוכט נידעריגקייטען — אַנטלויפט פון באַרגיגע אויכען און פאַרנעמט זיך אַראָפּ. וואַסער האָט געדולד. די דאָזיגע, כמעט צניעותדיגע געדולדיגקייט, איז איהר שטאַרקסטער כח. טרעפט זי אַ שטערונג אויפ'ן וועג, צאַרנט זי נישט אויף, נאָר בלייבט שטיין רעזיגנירט. און מיט שטילען געדולד זוכט זי אויס די פאַרוואָרפענסטע אומוועגען. עס נעמט צייט, אָבער ענדליך געפינט זי זיי, און דאַן געהט זי איהר ווייטערדיגען וועג. וואַסער איז חבר'יש און צוגעלאָזט. אין איהר שפּילען זיך קינדערלאַך, פלוסקענדיג און פּאַטשענדיג איהרע כוועלען. צאַרטע זונען שטראַהלען וואַרעמען איהר שויס, ווי אויך די קלענסטע און שוואַכסטע ברואים'לאַך געפינען אין איהר אַן אָרט.

וואַסער סימבאָליזירט צוריקגעצויגענקייט, ענוות און איינגעהאַלטענע, חבר'ישע הכנעה.

דער תורה־איד, איבערהויפּט דער מנהיג, וואָס איז דער פאַר־שטעהער פון תורה ביים פאָלק, מוז אין זיך פאַרמאָגען די אַלע אויבען אויסגערעכענטע אייגענשאַפּטען און געגענזאַצען.

אַמאָל דאַרף ער אַרויסווייזען אויפדרינגליכקייט[1], עזות־דקדושה[2] און שטראָפענדען צאָרן[3], וואָס באַהערשט און פאַרניכטעט — ווי „אש"[4]. און אַמאָל — הכנעה און ליבליכע צוגעלאָזענקייט[5], חבר׳ישע אינטימ־קייט[6], און עקסטרעמען עניוות[7] — ווי „מים"[8].

אַ אידישער מנהיג דאַרף נאָך אַ דריטע אייגענשאַפט פאַרמאָגען, און דאָס איז — מדבר[9].

מדבר איז וויסטע און איינזאַמקייט. אָהן מעשליכען ישוב, און אָהן דעם אידעען־וואַלד, וואָס מאַכט אַזוי שטיקענד דעם חלל פון ישוב. אין דעם מדבר פיהלט מען זיך אַנזעהוודיג און וויכטיג. אַ באַוועגענדע לעבעדיגע וועלט אין אַן אונענדליכקייט, וואָס איז פול מיט ליידיגקייט און טויט.

ער, דער מנהיג, טאָר נישט באַאיינפלוסט ווערען פון דרויסענדיגען איינפלוס, אָדער גאָר חוזק. ער דאַרף זיך פיהלען, ווי איינער אַליין, וואָס דאַרף שאַפען לעבען אין אַ מדבר. און ווי אין מדבר, טאָר ער נישט וואַרטען אויף אַ צווייטען מען זאָל איהם העלפען, ווייל ער איז דאָרט איינער און מיט זיינע אייגענע כחות דאַרף ער בויען און שאַפען, אויסטרעטען אַ וועג און אויסגעפינען לעבען. דעם אידישען מנהיג באַגעגענט שטענדיג — מדבר׳דיגע גלייכגילטיגקייט — ער איז אַ קול קורא במדבר.

* * *

1) שבת פ"ח — כפה עליהם הר כגיגית.

2) סנהדרין קא — לא זכה ירבעם למלכות אלא מפני שהוכיח את שלמה.

3) כתובות קג — זרוק מרא בתלמידים.

3) ר"ה יז — שלא לשם שמים אסור להטיל אמה יתרה אבל לשם שמים — מותר.

4) תענית ז — דברי תורה נמשלו לאש.

5) הוריות י. ילק"ש — פרנס על הציבור נעשה עבד לציבור, סנהדרין צ"ב — פרנס שמנהיג הציבור בנחת זוכה ומנהיג לעוה"ב.

6) תנחומא דברים — אע"פ שמניתי אתכם לראשים כלכם שוים לפני. ברכות נ"ה — לא מת יוסף אלא שהנהיג ברבנות.

8) התורה נמשלה למים.

9) עירובין — אין התורה מתקיימת אלא במי שמשים עצמו כמדבר.

אברהם בעל צדקה און יאָסעל בעל תאוה

ואברהם זקן בא בימים וד׳ ברך את אברהם — באותן הימים שנאמר בהם והימים ימי רעה.

איך האָב זיי ביידע גוט געקענט. זיי זיינען געווען לאַנדסלייט. געקומען כמעט צוזאַמען, אין איין צייט קיין אַמעריקע. איינעם האָבען באַקאַנטע גערופען אברהמ׳עלע בעל־צדקה. דעם צווייטען — יאָסעל בעל תאוה.

נאָך אין דער אַלטער היים זיינען זיי געווען חברים, געלערנט אין איין חדר, געוואַקסען אויף דער זעלבער גאַס. שפּעטער, ווי אַזוי נאָר זיי האָבען דעם היגען באָדען באַטרעטען, האָבען זיך זייערע וועגען אָנגעהויבען פאַנאַנדערגעהן.

אברהמ׳עלע איז געבליבען דער היימישער, בעל־הבתישער, טיפּ. ער האָט געאַרבייט אין שאָפּ. זעהר שווער געאַרבייט. נאָך דער אַרבייט האָט ער שוין געהאַט זיין בית־המדרש, ווי ער פלעג לערנען אַן אידיש וואָרט, הערען אַ דבר־תורה, און אַמאָל אַ כאַפּ טאָן אַ מצוה׳לע, כלאחר־יד, ווי גיבען אַ נדבה, קאָלעקטען פאַר אַ ישיבה, וכדומה.

יאָסעל, דאַגעגען, האָט באַלד זיך געשניטען אויף אַן אַמעריקאַנער: אַראָפּגעוואָרפען פון זיך דעם צלם־אלקים; אָנגעהויבען צו באַקענען זיך מיט׳ן לוסטיגען לעבען; געוואוסט ווי מ׳קען, מיט אַ גוטען ברודער, כאַפּען דעם אמת׳ען טרינק; אַ ריכטיגע פאַרציע גראַשיצע און קאָר־ניצלאָך, און — חי׳ געלעבט . . .

אַז זיי איז זיך אַמאָל אויסגעקומען צו באַגעגענען אין גאַס, פלעג יאָסעל זיין דער ערשטער אָפּצושטעלען אברהמ׳ען און אָנצוהויבען איהם „קיביצען" מיט׳ן עכטען וואָוויליונגערישען שטעל:

נו אברהם־באַי, ביזט נאָך אַלץ דער זעלבער יאָלד ווי געווען? ליגסט נאָך ווייטער איבער צווישען די „אָלד פעשאָן" און גיסט אָוועק די געלט צו בטלנים? זעה! איך בין שוין קליגער פון דיר. איך לעב אַ גוטען טאָג, עס און טרונק אומעטום און אַלעס, כ׳לעב און לאַך. פאָלג מיך, זיי

נישט קיין נאַר און קום מיט מיר! איך וועל דיך שוין "אויפפיקסען", „דאָנט וואָרי אָלד באָי! . . . קאָמאָן !!" . . .

אברהם פלעג זיך דאַן אָוועקשלייכען ווי אַ שאָטען, און עפּעס אי אַ ווייטאָג, אי אַ רחמנות, האָט איהם אָנגעהויבען נאָגען . . .

* * *

יאָהרען זיינען פאַרלאָפען. צייטען האָבען זיך געביטען. די צוויי אַמאָליגע חברים האָבען שוין פון לאַנג חתונה געהאַט, ערוואַקסענע קינדער — אָבער יעדער אין זיין אייגען וועלטעל. אברהם איז געוואָרען אַ באַוואוסטער שוהל־איד, אַ באַרופענער עוסק בצרכי ציבור. געווען פּרעזידענט אין אַ צאָהל אינסטיטוציעס. גע'שמ'ט פאַר אַ נדבן און בעל־צדקה. ערוואַקסענע זיינע קינדער אין תלמוד־תורות און ישיבות. געבראַכט זיי אין שוהל אַריין און צוביסלאַך אַריינגעצויגען זיי אין די אידישע סביבות.

די קינדער האָבען פאַר איהם גרויס דרך־ארץ געהאַט. זיי האָבען געוואוסט, אַז ער לעבט נישט בלויז פאַר זיך; געוואוסט פון זיינע נאָבעלע מעשים. נישט איינמאָל גערעדט צווישען זיך וועגען דעם אידעלקייט מיט וועלכען ער באַציהט זיך צו זיין ווייב, זייער מוטער.

די שבתים און ימים־טובים זיינען זיי באַזונדער געלעגען אין טעם. טאַקי אַמעריקאַנער געבוירענע קינדער, אָבער דאָך האָבען זיי מיטגע־פיהלט דעם צויבער פון שבת'דיגע טישען, קידוש־מאַכען און זמירות־זינגען. יעדער מנהג באַזונדער האָט זיך איינגעגעסען אין זייערע נשמות און אַרויסגערופען רעספּעקט צו זייער פאָטער.

יאָסעל, דאַגעגען, איז זיך ווייטער געווען אַ „וואוילער יונג", געלעבט אַ "חזיר'ישען טאָג" — ווי ער אַליין האָט עס אָנגערופען מיט שטאָלץ; אויסגעקאָכט אין אַלע סאַלונס; אַ גאַנצער „העלד" ביי „ברידזש־פּאַרטיס" און „פּויקער־געימס"; געהאַט שוין זיינע „סטעדי" שטאַם־געסט מיט וועלכע ער האָט פאַרבראַכט.

זיינע קינדער האָבען אין זיין שטוב נישט געזעהן קיין סימן פון אידישקייט; געוואוסט אַלע זיינע גענג און תאוות. זיי פלעגען אַ סך מאָל רחמנות האָבען אויף זייער מוטער צוזעהענדיג ווי ער פאַרנאַכ־לעסיגט זי. עס איז איבעריג צו זאָגען, אַז זיי אַליין זיינען אויפגעוואַק־סען נישט בעסער: באַהאַנגען די ווענט מיט זייערע „היראָוס" — רויע,

ברוטאַלע פּנים׳ער, מיט איינגעפּלעטשעטע נעז, אָדער גאָר חציפישע, וואונקענדיגע, פּרויען. זייערע בוך־שאַנקען זיינען פול געווען מיט ביליגע דעטעקטיוו־געשיכטען און „קאָמיקס״. צו זייערע עלטערען האָבען זיי זיך באַצויגען מיט ביטול. העכסטענס זיי געשענקט אַמאָל, אַ פאַלשען קוש, אָדער אַ „דאַרלינג״, נישט באַהאַלטענדיג אפילו, אַז זיי טוהען עס בלויז יוצא צו זיין.

* * *

נאָך יאָהרען געהען פאַרביי. סיי אברהם און סיי יאָסעל זיינען שוין אַלטע לייט. אָבער ווי אַנדערש עס איז זייער לאַגע.

אברהם איז דער געאַכטעטער אַלטער מאַן, וועמענס ווירדע און אינערליכע רוהיגקייט עס וואַקסט מיט זיין עלטער. וואָס מעהר זיין קערפּער נעמט אויף זיך די סמנים פון זקנה, אַלץ מעהר פיהלט ער אינעוועניג, אין זיך, אַ צופרידענהייט, אַ פולקייט. ער הויבט אָן צו זעהן בחוש דעם שכר פאַר זיינע מיהפולע יאָהרען. אין שוהל איז ער פון די שעהנסטע בעלי־בתים. אין גאַס באַגעגענט איהם יעדער מיט ליבליכע באַגריסונגען. נישט איינמאָהל הערט ער אונטער זיך אַ ברכה פון אַ מענשען וועמען ער האָט געהאָלפען אין צייט פון נויט. ווי ער קומט, טראָגט מען איהם אַקעגען רעספּעקט און ליבע, ווייל אומע־טום האָט ער געהאָלפען. אַלע זיינען איהם דאַנקבאַר, ער האָט פאַר אַלע געטאָהן.

אין דער היים, צווישען זיינע קינדער, איז דאָך אָפּגערעדט. זיי זיי־נען אַלע אידישלאך ערצויגען; באַמיהען זיך צו געהן אין זיינע וועגען. איין זוהן איז שוין אפילו אַ שטיקעל כלל־טוהער אין אַן אינסטיטוציע. זיי, די קינדער זיינע, באַריהמען זיך פאַר זייערע פריינד מיט איהם, זוכען כסדר געלעגענהייטען ווי אַזוי צו „פליהזען״ זייער „פּאָפּ״, וועלכער איז „מאַרוועלעס״ און „סאָו וואָנדערפול״.

ביי יאָסעל׳ען איז די לאַגע גאַנץ אַנדערש.

ער איז אַלט און צובראָכען. די יאָהרען פון נישט־געצוימטע, הפקר׳דיגען לעבען האָבען צופרעסען זיין קערפּער. אינגאַנצען זעהט ער אויס ווי עפּעס אַן אָפּגעלעבטע זאַך פון וועלכער ס׳הערט זיך דער

ריח פון צופוילטקייט — דער טיפּישער ריח וואָס שלאָגט פון יעדען אַלטען בעל־תאוה.

ער פאַרבלאָנדזעט נאָך, אַמאָל אין די אַלטע זינד־מקומות, אָבער שוין בלויז צוצוקוקען זיך ווי אַנדערע געניסען. ער אַליין קען שוין גאָרניט אויפטוהען. זיינע הענט ציטערען, זיין גאַנצער קערפּער איז צובויגען און צוקרימט, די פיס טראָגען איהם קוים, און פונ׳ם מויל קוקען אַרויס פאַרגעלטע יאַסלעס. זיינע יונגערע פריינד רייצען זיך מיט איהם, רופען איהם „אויסגעשפּילטער״.

אין דער היים איז נאָך ערגער. די קינדער זיינען פרעמד, אָפּגע־קיהלט צו איהם. זייער לעבען איז צולאָזט הפקר׳דיג. די שטוב איז אין אַ שטענדיגען טומעל מיט „פּאַרטיס״ און „פּלעיס״. ווען ער פּריוּוט זיך פאַרקלאָגען אַמאָל, ענטפערען איהם די קינדער: פאַ! און דו ביזט דען געווען בעסער ?! — מוז ער שוין שווייגען פאַרשעהמט.

ואברהם זקן בא בימים וד׳ ברך את אברהם בכל — ערשט אויף די עלטערע יאָהרען, ווען דער מענש מאַכט דעם סך־הכל, ווען עס דערנענטערט זיך די ענדע, וועלכע וויזט דעם מענשען דעם טרויעריגען אמת פונ׳ם לעבען און פון די באַמיהונגען במשך דעם לעבען, ערשט דאַמאָלס וויזט זיך אַרויס ווער ס׳איז געווען גערעכט.

אברהם, דער פרומער, דער בעל־צדקה, דער איידעלער, וואָס האָט זיך אָנגעגרייט מיט דער קרוין פון שם־טוב און מיט אוצרות וועלכע לעבען אייביג און באַגלייטען דעם מענשען צום קבר, ער ווערט רוהיגער, מיושב׳דיגער. דאָס באַוואוסטזיין, אַז ער האָט מיט וואָס צו קומען פאַר גאָט, ציהט אַרויף אויף זיין געזיכט און אויף זיין גאַנץ וועזען, אַ פּאַטריאַרכאַלישע אויסזעהן. וואָס שוואַכער דער גוף ווערט, אַלץ בולטער און אַנזעהודיגער איז אויף איהם זיין גייסט־יגעס, זיין אינערליך פון־יאָהרען־לאַנג אויסגעאיידעלט תכונת־הנפש.

בא בימים — באותן הימים שנאמר בהם „והימים ימי הרעה״ — אין דער זעלבער צייט וואָס ביי די מגושמ׳דיגע, תאוה־זוכענדע מענשען איז עס די ערגסטע, די טרויעריגסטע. זייער גאַנץ פאַרמעגען איז געווען זייער קערפּער, די ליידענשאַפטען, די אויסערליכע גופניות׳דיגע מעלות, און איצט ווערט דאָס אַלעס אין אַש פאַרוואַנדעלט, צוברענט און צופוילט פון אַלטקייט, און פון צו פיעל געניסען. זיי פיהלען אַז זיי דערנעהנ־

טערען זיך צו אַ תהום, צו אַ ביטערען חשבון הנפש. זיי זיינען אין דער לאַגע פון איינעם, וואָס מוז מיט זיינע אייגענע אויגען צוזעהן דעם חורבן און צוזאַמענפאַל פון זיין גאַנצער וועלט.

* * *

עשר בשביל שתתעשר — גיב מעשר, זיי אַ בעל־צדקה, העלף דיינע אָרימע פריינד, כדי דו זאָלסט שפעטער זיין דער עושר, דער אַנזאַמלער פון אונשאַצבאַרע פאַרמעגענס, אַזעלכע פאַרמעגענס, וואָס ברייגגען כבוד, און קיינער קען זיי נישט אַוועקנעמען פונ׳ם מענשען . . .

אַ צדיק וואָס לאָזט זיך נישט נאַרען

אלה תולדות נח, נח איש צדיק תמים היה בדורותיו, מהו בדורותיו? — ר׳ יוחנן אמר בדורותיו ולא בדורות אחרים, וריש לקיש אמר בדורותיו וכש״כ בדורות אחרים (סנהדרין קח)

טראָץ דעם, וואָס ר׳ יוחנן און ר״ל זיינען געווען אַזעלכע נאָהענטע חברים, אַז ווען איינער האָט אַמאָל אויסגעפעהלט אין בית המדרש, איז דער צווייטער געבליבען ווי אָהן זיין אייגענער רעכטער האַנט[1], — זיי זיינען אויך געווען שוואָגערס[2] — דאָך איז זייער לעבענס־וועג געווען עקסטרעם אַנדערש, איינעמס פונ׳ם צווייטענס.

ר׳ יוחנן איז געווען אַ קדוש וטהור נאָך אין זיין מוטער׳ס בויך. און נאָך דאַמאָלס האָט אויף איהם דער גרויסער רבינו הקדוש מעיד געווען, אַז „בטרם אצרך בבטן ידעתיך"[3]. שפּעטער ווידמעט ער זיך אין גאַנצען דעם לימוד התורה. אפילו דאַן ווען זיין נאָהענסטער חבר פאַרלאָזט איהם כדי צו ווערען אַ וועלטס־מענש, אַ סוחר[4], בלייבט ער אַליין אין די ד׳ אמות של הלכה. עס איז מערקווירדיג, די געשיכטע וואָס אונזערע חז״ל דערציילען דערביי[5]. זיינע אויגען האָבען נישט געקוקט אויף קיין שלעכטס. זיי זיינען געווען איבערגעדעקט מיט גרויסע אַראָפּהענגענדיגע ברעמען[6] און מיט אַ זילבערען לעפעלע האָט ער זיי אויפגעהויבען נאָר דאַן ווען ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט זעהן אַן אדם כשר.

אַזאַ צדיק תמים, אַזאַ אויסגעטוהענער פון דער וועלט, האָט געלעבט אין אַ וועלט ווי אַלעס איז געווען הייליג און ריין, וואו יעדער איז געווען אַ בעל־מדרגה, וואו איינער האָט גער׳ן געהערט מוסר־רייד פונ׳ם צווייטען. האָט זיך איהם דעריבער געדוכטען, אַז נח איז נישט געווען קיין ריכטיגער צדיק ווייל, ווי שייך, ווען נח וואָלט זיי מוסר געזאָגט, וואָלטען זיי איהם זיכער געפאָלגט. דער חסרון איז אוודאי געווען אין נח׳ן. זיי, די מענשען, זיינען דאָך אַזוי איידעל, אַזוי געהאָרכזאַם...

ריש לקיש האָט שוין מיטגעמאַכט אַ גאַנץ אַנדער לעבען —

געוועז צוערשט אַ ישיבה־בחור[7], אָבער זייענדיג אָרים און נישט האָבענדיג קיין מיטלען צום אויסהאַלטען זיך, מוז ער זוכען פּרנסה. ער ווערט אַ היטער פון גערטנער[8]. אַ דאַנק זיין פיזישער גבורה, געלינגט איהם צו קריגען אַרבייט אין אַ צירק. ער ווערט אַ קעמפער מיט חיות אין דער אַרענע[9]. שפּעטער טרעפען מיר איהם שוין אַלס דעטעקטיוו[10]. אין יענער צייט שטעלט ער איין זיין לעבען צו ראַטעווען פון רויבער איינעם פון זיינע אַמאָליגע פריינד, ר׳ איסי[11] און אויך זיין שוואָגער ר׳ יוחנן׳ס פאַרמעגען[12].

עס איז פאַרשטענדליך, אַז אָפּגעבענדיג זיך מיט אַזעלכע אַרבייטען איז איהם אויסגעקומען צו טרעפען זיך מיט די פאַרשידענסטע טיפּען. מיט דער האַרטער און רויער זייט פונ׳ם לעבען. ער קאָן גוט דעם כאַראַקטער פון דרויסענדיגען מענש און ווייסט, אַז אַ סך מאָל זיינען זייערע הערצער אַזוי האַרט און טעמפּ, ווי דאָס האַרטקייט און טעמפּקייט פון שטאָל. ער ווייסט מיט וויפיעל חוזק און ווילקיר זיי באַציהען זיך צו זייערע מנהיגים. וואָס מעהר זייער פאַרדאַרבענקייט שטייגט, אַלץ וויגציגער איז די השפעה פון מנהיג אויף זיי. זיי פאָלגען נישט און ווילען אפילו נישט אויסהערען זיינע רייד. פאַרקעהרט, זיי ווילען איהם מיטשלעפּען מיט זיך . . .

איז דערפאַר ריש לקיש זיכער, אַז נח איז געווען גאָר אַ גרויסער צדיק, נאָר די שולד איז געלעגען אין דור, אין זייערע פאַרשטאָפּטע אויערען און הערצער.

> מאן דמישתעי בהדי ריש לקיש בשוקא יהבו לי׳ עיסקא בלא סהדי — (יומא ט)

פאַרוואָס גראָד מיט ריש לקיש׳ן און נישט מיט די אַנדערע פון זיין צייט ? — ווייל אַזעלכע מענשען, ווי ר׳ יוחנן, למשל, האָט מען געקענט לייכט אָפּנאַרען. זיי האָבען געלעבט אין אַ סביבה פון אויפריכטיגען באַהאַנדלען איינער דעם צווייטען, פון ריינקייט אין מדות, אין שפּראַך און אין באַציהונג. האָט זיך זיי געדוכטען, אַז אַלע מענשען זיינען אַזוי, און אויב איינער שטעלט זיך פאַר אַלס אַ פיינער מאַן, איז ער עס מן הסתם — וואָס דען, ער וועט אָפּנאַרען ? ס׳איז דאָך נישט שעהן ! . . .

צייט - מאַטיוועז

ריש לקיש׳ דאַגעגען, ווי מיר האָבען פריהער דערמאָנט, איז געווען אויסגעקאָכט מיט די פאַרשידענסטע טיפען און כאַראַקטערען. ער האָט געוואוסט פון דעם מענשעג׳ס נידעריגקייטען און אומפאַרשעהמטקייטען. ער האָט זיך אויסגעקענט אויף די שווינדלערס, וואָס וויקלען איין זייערע זינד אין זיידענע מלבושים. ער איז אויך זיי געווען אַ גוטער מבין. איהם האָט מען ניט געקענט אָפּנאַרען, און אויב ריש לקיש האָט אָנערקענט איינעם פאַר אַ ראַיעלען מענשען, האָט מען זיך געקענט אויף איהם פאַרלאָזען, ווייל ריש לקיש האָט קיין טעותים נישט געמאַכט . . .

* * *

1) סנהדרין פ״ב.
2) ב״מ פ״ד.
3) יומא פ״ב.
4) תענית כ״א.
5) שם.
6) תענית ט, רש״י, ב״ק קיז.
7) עירובין סה בתוס׳ ד״ה ר״ל, ירושלמי ביצה פ״ה הל׳ ב.
8) מו״ק יז.
9) גיטין סז. ירושלמי תרומות פ״ח הל׳ ה.
10) ב״מ פ״ד.
11) תרומות סוף פ״ח.
12) שם.

דאָס אומרוהיגע פאָלק ישראל

זכו, איכה אשא לבדי טרחכם, משאכם וריבכם, לא זכו, איכה ישבה בדד. (מדרש)

צווישען די אַנדערע אונצעהליגע כאַראַקטער־שטריכען מיט וועלכע דאָס אידישע פאָלק טיילט זיך אויס פון די איבעריגע אומות, איז פאַראַנען איין הויפט־שטריך, וואָס טראָגט אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער, און וואָס לאזט זיך פיהלען אין דער גאַנצער לענג און ברייט פונ׳ם פאָלק׳ס לעבען.

ביי אַנדערע אומות, אונטער דער השפעה פון שטענדיגער איינגעוואָרצעלטקייט און זיכערען עגזיסטענץ, איז דער גייסט און געמיט׳ס־צושטאַנד, שטאַטיש, איינגעפונדעוועט, ווי איינגעגראַבען אין טראַנשייען וועלכע קיינער קען נישט שטורמען און איינברעכען. זייער געדאַנק און באַוועגונג איז פאַמעלעך און זיכער, ווי דאָס זיכערקייט פון אַ מעכטיגען שלאָס, וואָס איז אויסגעהאַקט פון גראַניט, און דרימעלט אין זיין שטאַטישער גבורה און פעסטען גלויבען אין זיך.

אויף די ריין גוי׳שע שטאָט־טיילען, ליגט אויסגעגאָסען, אָט די אויבען דערמאנטע זיכערקייט און געמיטהליכקייט. מען איילט זיך נישט דאָרט, מען טומעלט נישט, אַלעס איז יאָהרען־לאַנג אין איין־און־דעמזעלבען צושטאַנד. עס קומען פאָר וויניציג ענדערונגען און איבערראַשונגען.

דאָס אידישע פאָלק, דאַגעגען, איז דינאַמיש און פול מיט אומרוהיגער באַוועגונג. אויף די ספּעציפיש־אידישע גאַסען קאָכט עס אייביג, מיט נערוועזען און קאָלירפולען רויש און טומעל. מענשען לויפען און האָבען קיינמאָל נישט קיין צייט. מענשען שטויסען זיך איינער אין אַנדערען, קנוילען זיך און ווילען עפּעס אָביאָגען. וואָס און ווען? — ווייסען זיי אַליין נישט.

ווייל עס ליגט שוין אין אידישען כאַראַקטער צו זיין וואולקאַניש און אופברויזענד. די טויזענדער יאָהרען פון גיין און באַוועגען זיך; פון לויפען און אַנטלויפען, האָט אין אונזער איבער איינגעפלאַנצט יענע

רירעוודיגקייט און אַמביציעזע אומוועקסלונג. מיר גלייכען דעם פאַרבען שפיל פון ענדערונגען און איבערראַשונגען, און דאַמאָלס ווען עס זידט מיט סתירות און עקספּלאָדירענדע צוזאַמענשטויסען איז אַ סימן, אַז אידיש בלוט בליהט און געהט אויף...

מערקווירדיג איז, וואָס אפילו אין דער וועלט פון גייסט פאַרמאָגען מיר אויך די זעלבע אייגענאַרטיגקייטען. אפילו די שפּראַך און אויס־דרוקען פון אונזערע רוהיגסטע געלערענט טראָגען אויף זיך דעם שטעמ־פּעל פונ׳ם דערמאָנטען שטורם און דראַנג.

דער בית המדרש ווערט געגליכען צו אַ שלאַכט־פעלד אויף וועלכען עס ווערט אויסגעקעמפּט די „מלחמה של תורה"[1]. גאָט האָט ליעב און שיקט הצלחה צו ת"ח, וואָס שאַרפען זיך אין דעם פלפול־שטרייט[2] מעג עס אפילו נישט זיין ע"פ האמת, איז אָבער דער קאַמף אַר־און־פאַר־זיך אַ גרויסע זאַך[3]. כביכול אַליין פרעהט זיך און זאָגט: „קעמפּט מיינע קינדער[4], שטורעמט די טויערען מיינע". ווען יהודה בר נחמני באַזיגט ר׳ טרפון׳ען אין אַן הלכה־שטרייט, שיינט זיין פנים מיט׳ן נצחון־גלאַנץ פון אַ זיגער אויפ׳ן שלאַכט־פעלד[5], און ווען ר׳ טרפון וויל געבען אַ כאַראַקטעריסטיק פון צוויי חברים זיינע: ר׳ עקיבא און ריוה"ג, שילדערט ער זיי ווי „צוויי מעכטיגע קעמפערישע אקסען, וואָס פיהרען צווישען זיך אַ פירטליכען קאַמף מיט די הערנער"[6].

אין דער בית־המדרש סביבה האָט עס תמיד געזאָטען מיט היציגע דעבאַטען, פלאַמיגע ויכוחים און שווערד־שאַרפען ווערטער געפעך. דער בית־המדרש אַלס דער בית היוצר פון דער אידישער אומה, האָט געמוזט פאַרמאָגען אין זיך דעם דינאַמיט מיט וועלכען עס איז אויס־געבויט די נשמה און מהות פונ׳ם פאָלק.

דערפאַר —

זכו — ווען איז אַ סימן אַז די לאַגע איז אַ נאָרמאַלע, דער גורל פון פאָלק איז נישט צוטרייסעלט.

אכה אשא לבדי, טרחכם, משאכם וריבכם — גראַד די רייסערייען, טומעלנישען און אומרוהיגער געפילדער, איז דער בעסטער באַוויז, אַז אַלעס איז ווי ס׳דאַרף צו זיין, אַלעס איז אין איינקלאַנג מיט דער אידישער טבע.

דאַגעגען, לא זכו — נישט נאָרמאַל איז, ווען —

צייט - מאַטיוועו

אכה ישבה בדד — ס'הערשט אין די אידישע בתי מדרשים אַ גוי׳־אישע רוהיגקייט, אַ געזעצטקייט, וואָס שמעקט מיט פרעמדען איינפלוס. לכאורה דאַכט זיך, אַז אדרבא, ס'איז פיינער. אין דער אמת'ען אָבער, דראָהט עס מיט פרעמדס, איינגעוואָנדערטס, און נישט אידישעס...

* * *

„שנים שישבו" — אַז צוויי אידען זיצען, „ואין ביניהם" — און זיי האָבען גאָרנישט צווישען זיך, ס'הויבט זיך נישט אָן טומלען און רודערען אַרום זיי, דאָן איז: „דברי תורה" — איז עפּעס אַזאַ נייעס, אַזוי מאָדנע, ממש „דברי תורה"...

* * *

1) סנהדרין קיא:, מגילה טו:
2) שבת סג.
3) שם, ובתוספת עבודה זרה כב, ע"ב, ד"ה רגלא.
4) ב"מ נט:
5) מנחות סח. ספרי במדבר קמח.
6) ספרי חקת קכד. תוספתא סוף מקואות.

צדיקים במיתתן קרואים חיים

בשעה שהפיל נבוכדנצר את חנניה מישאל ועזריה לתוך כבשן האש אמר לו הקב״ה ליחזקאל: לך והיה מתים וכו׳ (סנהדרין ס״ב)

אין צייט פון פולשטענדיגען פאַנאַנדערפאַלן, ווען אידיש לעבען ווערט צוריסען אומ׳רחמנות׳דיג פון שונאים, ווען אידיש בלוט מאַכט נאַס די ערד פון דער וועלט, ווען אפילו די מנהיגים פונ׳ם פאָלק, דיע וועלכע ברענגען תמיד טרייסט און בטחון, פאַלען אויך ווי זאַנגען אונטער דער שאַרף פונ׳ם שונא׳ס שווערד —

בשעה שהפיל נבוכדנצר את חנניה, מישאל ועזריה לתוך כבשן האש — זיי, די גייסטער צו וועלכע דאָס פאָלק קוקט אַרויף נאָך הילף און רעטונג, זיי אַליין זיינען קרבנות, זיי אַליין ווערען געוואָרפען אין די פייערען פונ׳ם פיינדס קאַלך־אויבען.

דאָס פאָלק בלייבט עלענד און פאַרלאָזט, נישטאָ קיינער פון וועלכען מען זאָל קענען אָ טרייסט־וואָרט הערען. די אַמאָליגע שטאַרקע מענשען, די אַמאָליגע אונבויגזאַמע בטחון־פּרעדיגער, זיינען אַליין גע־בויגען אונטער אָ שווערער משא פון יאוש.

לך והחיה מתים — דאַן דאַרפען מיר גיין אויף „קבר־אבות״. לע־בעדיג מאַכען פאַר אונזערע אויגען די אַמאָליגע גרויסע אידען, וואָס האָבען מיט אַזאַ מעכטיגער גייסטיגער גבורה אויסגעהאַלטען די גע־פעהרליכע קלעפּ פון שונאים. מיר דאַרפען אָט די גרויסע קעמפער טראָגען אין אונזערע הערצער און אין אונזער באַוואוסטזיין, ווי געטליכע קמיעות, און מיט פרישען מוטה, מיט ניי־געבוירענער ווידער־שטאַנדס־קראַפט, זיך שטעלען אויפסניי אין די רייען פון קאַמף און אויסדויער ביז צום נצחון.

* * *

אזלא לאגמא חזו צפרי דמטללי, אמרו שמע מינה התם הוא, ספדוהו תלתא יומא ותלתא לילותא וכו׳. — (ב״מ פו)

ווען דאָס פאָלק איז געגליכען צו „אַ פויגעל וואָס וואַרפט שאָטענס״ — פאַרוואָגעלט און געיאָגט, שוועבענדיג אין דער לופט, אהן אַ באָדען אונטער די פיס —

דמטללי — שוואַרצע שאָטענס, שלעכטע בשורות, פלאַגענדיגער יאוש, נישטאָ אפילו ווער ס׳זאָל אַ טרייסט-וואָרט שענקען —

דאַן איז די צייט צו געפינען דעם קבר פון דעם מנהיג-הדור, וואָס האָט געלעבט און געקעמפט אַמאָל, און וואָס האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ ירושה פון רוהם-רייכען עקשנות׳דיגען אויסהאַלטען און איבער-לעבען, פון אַנטקעגען שטעלען זיך דעם שונא מיט׳ן פאַנצער פון תורה און אמונה, אַנשלאָגענדיג זיין שווערד אין אַזאַ פאַנצער וועט ער, דער פיינד, זיכער צובראָכען ווערען און מיר וועלען דאַן אַרויס מיט טריאומף. — א מ ן.

* * *

נר יהא דלוק במקומו, שולחן יהא ערוך במקומו וכו׳ — כל בי שמשי הוה אתי לביתיה וכו׳. — כתובות קג)

דער גרויסער תנא איז נישט געשטאָרבען, ער האָט געלעבט אין זיין שטוב. און ווען עס איז געקומען דער שבת-קודש, איז דער טיש געווען געדעקט מיט שבת׳דיגע מאכלים, די ריינע בלענענדיגע לייכטער האָבען מיט זייער ליכט אַריינגעבראַכט אַ האַרציגע, הייליגע שבת אַטמאָספערע, אין יעדען ווינקעלע האָט געררוהט קדושה וטהרה. פון די פנים׳ער, ביי די שטוב-מענשען האָט אַראָפגעשיינט אַזאַ צוריק-געהאַלטענע צניות׳דיגע פרייד, מען האָט עמפאַנגען די שבת-מלכתא מיט פראַכט און גלאַנץ.

דאַמאָלס האָט מען דייטליך געקענט זעהן דעם גייסט פון אָט דעם תנא, ווי ער גייט אַרום אין זיין היים. אמת זיין גוף איז טאַקע געווען טויט, אָבער זיינע אידעען, זיינע טראַדיציעס, זיינע לעהרען, זיינען געבליבען לעבעדיג און פריש צווישען זיינע שטוב-מענשען.

ער איז מיט זיי געזעצען ביים שבת׳דיגען טיש...

* * *

צייט ־ מאָטיווען

ההוא בי שמשא אתאי שבבתא אמרה אמתיה שתיקו דרבי יתיב
כיון דשמע שוב לא אתא. —(כתובות קג)

מיט פרומקייט טאָר מען נישט שטאָלצירען און נישט פאָרשטעלען זיך דערמיט. פרומקייט איז נאָר דאַן שעהן און גאַנץ, ווען ס׳איז באַגלייט מיט צוריקגעצויגענקייט, עניוות, און הצנע־לכת. טראָגט מען זיך אָבער אַרום דערמיט, צווישען די שכנים, דאַן —

ווערט עס ווערמדיג — מיט אַ שלעכטען ריח...

דער סוד פון אברהם׳ס ערפּאַלג

מה בין אברהם לנח. באברהם כתיב האלהים אשר התהלכתי לפניו.
בנח כתיב, את האלהים התהלך נח. (מדרש רבה)

מיר ווילען דעם מאמר חז״ל פאַרשטעהן מיט׳ן פאָלגענדען עפּיזאָד:

* * *

ביי אונז אין שטאָדט, אין דער אַלטער היים, זיינען געווען צוויי בכבוד׳דיגע בעלי־בתים, אידען, גבירים, יחסנים, און דערצו תלמידי חכמים. איז נישט קיין וואונדער וואָסביידע האָבען צו זיך ערוואָרבען דעם רעספּעקט פון אַלע איינוואוינער.

אין גאַנצען אַנדערש איז געווען די באַציהונג פון די אָרימע דורך־פאָהרער צו די דאָזיגע צוויי גבירים. איינעם פלעגען זיי ליבען און בענטשען און פון דעם צווייטען האָבען זיי געוואָהכט מיט שנאה. איך האָב קיינמאָל נישט געקענט פאַרשטעהן פאַרוואָס דאָס איז אַזוי, דאָכט זיך, אַז ביידע זיינען גלייכע מכניסי אורחים, האָבען גלייך ליעב צו טאָהן צדקה, און דאָך, וואָסער אונטערשייד עס זיינען די מיינונגען וועגען זיי!

ווען איך בין אַ ביסעל עלטער געוואָרען האָב איך אויסגעפונען די סיבה:

דער גביר וועמען אַלע האָבען געבענטש, האָט זיך נוהג געווען אַזוי:

אַהיים קומענדיג פרייטאָג־נאַכט, פון דער שוהל, מיט׳ן אורח, האָט ער מקצר געווען מיט׳ן ״שלום עליכם״ אבגעזאָגט גיך דעם „אשת חיל״ און באַלד באַפוילען דעם וויב, זי זאָל אַריינברענגען די געשמאַקע געפילטע פיש, די וואַרימע פעטע זופּ, און טאַקי באַלד — דאָס פלייש. ער האָט געוואוסט, אַז דער אורח איז אַן עלענדער, אויסגעמאַטערטער, וואַנדערער, אויסגעטריקענט און זשעדנע נאָך אַ ביסעל היימיש קע־קעכטס. ער וואַרט נעבאך אַ גאַנצע וואָך מיט אַ ליידיגען מאַגען אויף דער שבת׳דיגער סעודה. טו, זאָל ער זיך צוערשט אָנעסען, זאָט ווערען.

דער אָרימער איד האָט זיך טאַקי צוגעכאַפּט צו די מאכלים מיט׳ן אמת׳ען הונגער, געגעסען מיט חשק, זיין פּנים האָט אויפגעלויכטען. פון די אויגען איז פאַרשוואונדען דער וואָלפישער הונגעריגער בליק. ער האָט זיך באַרוהיגט, זאַט געוואָרען.

ערשט דאַמאָלס, האָט דער בעל־הבית אָנגעהויבען צו זינגען זמירות, זאָגען תורה, זיך מפלפל זיין מיט׳ן אורח אין לערנען. דער אורח איז געוועזן אויפגעלעבט, פריילאַך, האָט זיך איהם געגלוסט צו ריידען און צו פאַרברענגען אין דברי־תורה.

נאָך דער סעודה איז דער אורח אַהיים געגאַנגען באַפרידיגט, סיי גייסטיג און סיי פיזיש. מיט אַ מאָגען אָנגעשטאָפּט מיט די בעסטע מאכלים, און מיט אַ קאָפּ פול מיט די שענסטע פערעלדיגע געדאַנקען און תורות.

איז דערפאַר נישט קיין חידוש, וואָס דער בעל הבית איז געבליבען אין דעם זכרון פונ׳ם אָרימאַן, מיט ליבע און רעספּעקט.

דער צווייטער גביר, דאַגעגען, האָט זיך נוהג געווען אַזוי: —

אַהיים געקומען מיט׳ן אורח און זיך ברייטליך צוזעצט אויף זיין שטול. געוואָלט זיך פאַרשטעלען פאַר׳ן איידעלעם אורח, אַז ער איז נישט גלאַט אַ פּראָסטאַק, וואָס כאַפּט באַלד און פרעסט, האָט ער זיך דערפאַר בהרחבה׳דיג צוזינגעןביים „שלום עליכם״, זיך אויסגעשפּרייט ביים „אשת חיל״. פּאַמעלעך, מיט דער געמיטהליכקייט פון אַן איינ־געפונדעוועט׳ן בעל־הבית האָט ער געציקעלט יעדעס וואָרט, אויסגעגאָרגעלט עס מיט די שענסטע קנייטשעלאַך, און דערנאָך ערשט, געזאָגט לכבוד דעם אורח — אַ דבר־תורה...

ער האָט זיך נישט געאיילט, ווייל זאַט איז ער געווען נאָך פון ביי טאָג, ווען ער האָט פאַרזוכט פון אַלע מאכלים, צוביסלאַך „לכבוד־שבת־קודש״... ט.ו וואָס איז דאָס איילעניש?!... ס׳וועט נאָך זיין גענוג צייט צו עסען...

דער אורח, ווידער, איז געזעסען ביים טיש מיט אַ ליידיגען מאָגען. זיינע נאָז־לעכער האָבען אַריינגעצויגען די וואַרימע פּאַרע פון דער שטוב, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט געשמאַקע ריחות פון געפילטע פיש, פעטע פליישען, זיסע קאָמפּאָטען. די ריחות האָבען איהם גערייצט, געקרעמפּט איהם די געדערים, אין מוח איז געוואָרען אַ טשאַד, ער האָט

אָנגעהויבען צו פּיהלען אַ מידקייט אין אַלע אברים און אָנגעהויבען אונטערדרימלען...

ערשט שפּעטער, ווען דער בעל הבית האָט שוין געהאַט אויסגע־זונגען אַלע זמירות, אָבגעזאָגט די תורות, האָט ער באַפוילען אַריינצו־ברייגען די עסענס.

אמת, די מאכלים זיינען געווען געשמאַק און געגעבען מיט דער ברייטער האַנט, נאָר דער אָרימאַן האָט פון זיי שוין קיין הנאה נישט געהאַט. דער הונגער איז שוין ביי איהם געווען איבערגעברענט. דער גאַנצער קערפּער האָט, ווי צוזאַמענגעבראָכען פון ערשעפּטקייט, אַלעס האָט זיך איהם שוין דערעסען. איין זאַך האָט ער איצטער געוואָלט — אַנטלויפען פון דער שטוב, וואָס גיכער...

דאַכט זיך, אַזביידע האָבען גלייך געגעבען דעם אָרימאַן „עסען און תורה". דער חילוק איז נאָר געווען, ווען און ווי אַזוי זיי האָבען עס געגעבען.

דער ערשטער האָט געהאַט שכל, געוואוסט, אַז דאָס ערשטע וואָס דערנעהנטערט און מאַכט אויפגעלעבט דעם מענשען איז — צו זיין זאַט. דערנאָך, וועט ער די תורה אויסהערען מיט אַ גאַנץ אַנדערען אינטערעס און ווילען.

דער צווייטער, האָט געשטופּט די תורה אויפ'ן ליידיגען מאַגען און געוואַרט מיט די עסענס אויף דערנאָך, איז דערפאַר אי זיין תורה, און אי זיינע עסענס געווען דערווידער...

* * *

דער אונטערשיד צווישען אברהם און נח אין באַצוג צו פרעמדע אורחים, איז געווען כמעט, דער זעלבער וואָס צווישען די דערמאָנטע צוויי גבירים.

אברהם, דער וועלטס־מענש, וואָס האָט גוט געקענט די נאַטור פון מענשען, האָט געוואוסט, אַז דאָס ערשטע וואָס געווינט דעם צוטרויען פון אַ פרעמדען אויסגעמאַטערטען וואַנדערער איז: פריינדליכקייט און אַ גוטער מאָלצייט. ערשט דערנאָך, ווען דער אורח איז שוין געווען זאַט און באַרוהיגט, און דערמיט פּסיכאָלאָגיש נאָענט צום בעל הבית, האָט ער, אברהם, אָנגעהויבען אַרויסווייזען זיין אידישקייט.

האלקים אשר „התהלכתי" „לפניו" — אברהם—דער מענש, דער פילאַנטראָפּ, דער וואַרימער עמפּאַנגער פון פרעמדע, איז געגאַנגען פאַר גאָט, ער האָט צוערשט איבערראַשט דעם געקומענעם מיט זיין מענשליכער פריינדליכקייט און רירענדער התקרבות, ערשט שפּעטער, ווען יענער איז שוין געווען זאַט, און גערירט פון אברהם'ען, דעם מענש, ערשט דאַן, האָט איהם אברהם אָנגעהויבען לערנען אַ פּרק אין גאָטהייט[1].

ביי נח'ן, דאַגעגען, שטייט —

„את האלקים" התהלך נח — ער האָט אַרומגעטראָגען דאָס „אלקות" באַלד מיט זיך. און ווי אַזוי נאָר ער האָט באַגעגענט אַ מענשען, האָט ער איהם באַלד אָקעגען געטראָגען אַ פּאַרציע תורה...

דער פרעמדער, — אַ הונגעריגער, אַ מידער, מיט אַ ניכטערען מאָגען, האָט באַלד געזוכט ווי אַזוי צו אַנטלויפען פון איהם, ווייל עס איז דאָך אַ פסיכאָלאָגישער אמת, אַז ווען מ'איז הונגעריג איז מען אויפגע־רעגט און מען האָט דאַן כלל־נישט קיין פעאיגקייט אויפצונעמען גייסטיגע זאַכען[2].

דעריבער איז אברהם'ס ערפאָלג געווען אַזוי גרויס[3] דאַגעגען נח'ס ערפאָלג איז געווען אַזוי נישטיג[4]...

* * *

1) בראשית רבה נד. אבדר"נ פח.

2) ב"ב פ"א — יש לו שתי לבבות.

3) בראשית רבה לט. ב"ב טז.

4) סנהדרין קח.

די שיטות פון שמאי און הלל

הלל אומר הוי מתלמידיו של אהרן, אוהב שלום ורודף שלום, אוהב את הבריות ומקרבן לתורה וכו׳. שמאי אומר עשה תורתך קבע, וכו׳, והוי מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות (אבות פ״א)

אויבערפלעכליך, דאכט זיך אויס, אַז סיי הלל און סיי שמאי באַהויפּטען דאָס זעלבע: אַז מ׳זאָל לערנען תורה און מקרב זיין מענשען, און עס איז דאָ בלויז אַן אונטערשייד אין דער שפּראַך, וואָס דרוקט אויס דעם דאָזיגען געדאַנק. קוקט מען אָבער אַריין אַ ביסעל טיפער, דאַן אַנטפּלעקט זיך פאַר אונזער אויג, אין דעם דערמאַנטען מאמר, דער גאַנצער אונטערשייד פון זייערע שיטות און השקפות.

נאָר צוערשט איז כדאי אַרומצוריידען אַביסעל וועגען מהות פון הלל ושמאי בכלל.

* * *

די אידישע, ווי אויך די וויסענשאַפטיכע וועלט האָבען אָנגענומען הלכה למעשה, אַז הלל איז געווען דער גוטיטשקער, ווייכער מענש, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט אויפגערעגט, און וואָס האָט געקענט אויסקומען מיט די משונה׳דיגסטע כאַראַקטערע.

דאַגעגען שמאי, איז געווען אַ בייזער, אַ כעסן, שטענדיג אָנגעכמורעט, שטענדיג גרייט זיך צו וואַרפען אויף יענעם מיט רגזה. אַ סך מאָל אפילו אהן דער מינדסטער סיבה דערצו.

איז זיכער, אַז וועגען הלל׳ס גוטסקייט, האָט די וועלט רעכט. פון צענדליגע מאמרי חז״ל קען מען זעהן, אַז זיין תמימות׳דיגע עניוות און אהבת הבריות איז אַריבער אַלע גרעניצען פון אונזער פאַרשטעלונג.

אָבער וועגען שמאי׳ס כעס צווייפעל איך שטאַרק.

עס איז כדאי צו דערמאַנען בלויז עטליכע מאמרים וועגען כעס, און מיר קענען זיך איבערצייגען, אַז כעס ווערט באַטראַכט ביי די חז״ל נישט בלויז פאַר אַ מדה־מגונה, נאָר בכלל פאַר אַן אוממעגליכקייט צו

זיין אַ מענש און אַן איד באַזיצענדיג די דאָזיגע מדה. די חז״ל זאָגען:

—צו בייזערען זיך איז פונקט ווי צו דינען עבודה זרה[1], עס מאַכט דעם מענשען נאַריש, און מאַכט איהם אויך פאַרגעסען דאָס לערנען[2]. עס ווייזט, אַז דער מענש איז פול מיט זינד[3], און בכלל איז זיין לעבען קיין לעבען נישט[4]. אַלע מיני גהינום זיינען שולט אין דעם מענשען[5], און ער וועט סוף־כל־סוף קומען צו בעטעל־ברויט[6]. אויב אפילו ער איז אַ יחסן, דאַרף מען צווייפלען אין זיין יחוס[7], און דעם טאָג וואָס ס׳קומט אויפ׳ן מענש׳ן כעס, איז נישט כדאי מתפלל צו זיין[8]...

—איז עס מעגליך, אַז אַ מענש ווי שמאי, וואָס איז געווען דער אב־בית־דין[9], און איינער פון אונזערע גרעסטע גייסטער, זאָל זיין אין דער מדרגה פון דעם אויבען־דערמאָנטען?

שוין צוליב דעם אַליין דאַרפען מיר זאָגען אַ פעסטען און ענטשלאָסענעם: ניין! זיכער נישט!

איבערהויפט, ווען מיר קלויבען אויף פון די חז״ל עטליכע שטריכען פון זיין לעבענ׳ס־געשיכטע, ווי אויך פונ׳ם לעבען פון זיין תלמידים, וועלכע זיינען אַ לעבעדיגע אָפּשפּיגלונג פון זייער רבי׳ן, דאַן אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז אַ גאַנץ אַנדערער שמאי. גאָרנישט דער געשוואוירענער כעסן, וועלכען מיר קענען ביז איצט.

די חז״ל דערצעהלען:

ווען שמאי האָט געהאַט א ויכוח מיט יונתן בן עוזיאל — הלל׳ס אַ תלמיד, און פיעל אינגערער פון זיך — רעדט צו איהם דער לעצטער שאַרפע, שניידענדיקע ווערטער, און שמאי, נישט בלויז בייזערט ער זיך נישט, נאָר ענטפערט איהם מיט ליבשאַפט און הכנעה: „ער האָט מיך באַזיגט, האָט מיר גוט אַריינגעזאָגט״[10]. ער פלעגט ליעב האָבען צו שפּייזען קליינע קינדער[11], און ווען ער האָט נישט געוואָלט געבען עסען אַ קינד אין יוה״כ מיט איין האַנד, האָבען איהם די חכמים געמאַכט געבען עסען מיטביידע הענד[12]. בשעת זיין שנור ליגט אין קינפּעט, ברעכט ער דעם סופיט, כדי זי, מיט׳ן נייגעבוירענעם קינד זאָלען שוין קענען זוכה זיין אין אַ מצוה (מצות סוכה)[13]. בשעת הורדוס באַלאַגערט ירושלים מיט׳ן כח פון פרעמדע לעגיאָנען, איז שמאי דער איינציגער וואָס רופט צו שלום אונטער יעדען באַדינג[14]. אין דער צייט פונ׳ם גרויסען מחלוקת צווישען די בית שמאי און בית הלל, טרעט אַרויס אָפען בבא בן בוטא —

אַ תלמיד פון שמאי — לטובת די בית הלל[15] אַבי ס׳זאָל זיך איינשטילען דאָס מחלוקת. ווען אַ פרוי — אַנגערעדט פון איהר מאַן — צוברעכט אַ כלי אויף זיין קאָפּ, בייזערט ער זיך גאָרנישט, נאָר פרעהט זיך וואָס זי איז אַזאַ אשה כשרה, וואָס פאָלגט אַלעס וואָס דער מאַן הייסט איהר טוען[16]... און ווען הורדוס שטעכט איהם אויס די אויגען, טראָגט ער אויף איהם נישט קיין כעס אפילו אונטער די אויגען[17]. ר׳ צדוק — וועל־כער איז אויך געווען שמאי׳ס אַ תלמיד[18] — פסק׳נט עפענטליך ווי הלל למען השלום[19], און ווען עס ברעכען אויס די מלחמות אין א״י, פאַסט ער פערציג יאָר בעטענדיג אויף שלום[20]. ר׳ טרפון — אויך אַ תלמיד פון שמאי[21] — רופט זיין יונגערען תלמיד־חבר ר׳ עקיבא׳ן: עקיבא, דער וואָס גייט אַוועק פון דיר איז ווי איינער זאָל אַוועק גיין פון לעבען[22].

מיר קענען פון די געצעהלטע מאמרי חז״ל האָבען אַ באַגריף, אַז שמאי און די בית־שמאי, האָבען זיך אויסגעצייכענט אויך מיט גוטסקייט, ליעבשאַפט צו חברים, און צו קלענערע פון זיך, ווי אויך מיט דער מדה פון הלל׳ן — צו זיין אַ מעביר־על־מדותיו און ענטפערען מיט אהבה אפילו צו די וועלכע האָבען עס נישט פאַרדינט.

וואָסזשע איז פאַרט געווען דער אונטערשייד צווישען זייערע שיטות?

—דער אונטערשייד ליגט אין דעם צוזאַמענשטעל פון די ווערטער אין דעם מאמר פון אבות, וואָס איך האָב געבראַכט.

* * *

ביידע גלייך לערנען טאַקי ליעב צו האָבען מענשען און לערנען תורה מיט זיי. דער חילוק צווישען זיי איז נאָר, וואָס ביי הלל׳ן שטעהט צוערשט „אהוב את הבריות" און דערנאָך „ומקרבן לתורה". דאַגעגען ביי שמאי שטעהט צוערשט „עשה תורתך קבע" און שפעטער ערשט שטעהט „והוי מקבל את כל אדם בסבר פנים יפות".

הלל האָט געהאַלטען פון דער שיטה, אַז מען דאַרף צוערשט מקרב זיין דעם פרעמדען פיזיש: מיט אַ גוט וואָרט, מיט מאכל ומשתה, מען דאַרף איהם אַרויסווייזען מענשליכקייט און ליעבע, נישט אינטערע־סירענדיג זיך פון אַנהויב אין זיין גייסטיגען צושטאַנד, און ערשט שפעטער, ווען דער „אוהב את הבריות" איז שוין מקוים געוואָרען, דער פרעמדער איז שוין זאַט, צוגעלאָזט און היימיש, הויבט מען איהם

אַן אַריינצופיהרען אין דער תורה וועלט; דעקט מען פאַר איהם אויף דעם „ומקרבן לתורה״...ווי די שיטה פון אברהם׳ן (פריער אַרומגע־רעדט).

שמאי, דאַגעגען, האָט ביים אָנהויב אַרויסגעשטעלט דעם „עשה תורתך קבע״ — באַלד ביים ערשטען „שלום־עליכם״ עגזאַמינירט ער דעם פרעמדען מיט דער מאָס פון תורה, ער וויל איהם שוין באַלד, אויפ׳ן הונגעריגען מאָגען, לערנען כל התורה כולה. אמת איז, אַז אויך ער האָט אָנגעגרייט התקרבות און ליעבשאַפט, ער האָט אויך אַ „והוי מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות״. ער האַלט דאָס אָבער אויף דערנאָך...

דער פרעמדער מענש וואַרט אָבער נישט ביז צולעצט, ער איז פרעמד, פול מיט חשד, נאָך גאַרנישט היימיש, און דאָ טראָגט איהם שמאי צוין אַנטקעגען אַ פאַרציע תורה, ווערט ער דערשראָקען און אַנטלויפט... ער לויפט צו הלל׳ן...

דער סוף איז, אַז ביי הלל׳ן האָט דער פרעמדער סיי די התקרבות און סיי תורה; און ביי שמאי, האָט ער גאַרנישט...

און נאָר דערפאַר, וויל פסיכאָלאָגיש איז הלל׳ס שיטה די אמת׳ע. דער „אוהב את הבריות״ דאַרף קומען צוערשט און ערשט דערנאָך — דער „ומקרבן לתורה״...

* * *

1) שבת קה: נדרים כב.
2) נדרים כב. פסחים סו. ויק״ר יג. ספרי מטות.
3) נדרים כב.
4) פסחים קיג.
5) נדרים כב.
6) אדר״נ ג.
7) קידושין ע:
8) עירובין סה.
9) חגיגה טז.
10) ב״ב קלד וברשב״ם שם.
11) תוספתא יומא פ״ח.
12) יומא עז.
13) סוכה כח.

14) קדמוניות ליאָזעפ׳ס 17, דורות הראשונים ח״ב.
15) ביצה כ. ובירושלמי שם.
16) נדרים סו.
17) ב״ב ד.
18) יבמות טו ובתוס׳ שם.
19) אבות פ״ד.
20) גיטין נ:.
21) יבמות טו וברש״י שם. ירושלמי שביעית פ״ד.
22) אדר״נ פ״ו. קידושין סו. זבחים יג.

דער מוסר־השכל פונ׳ם בלעטעלע

ונוהגין לשטיח עשבים בשבועות בביהכ״נ והבתים (ש״ע או״ח תצ״ד)

איז געשטאַנען אַמאָל אַן אַלטער שטאַרקער בוים מיט אַ געדיכטען קאָפּ צווייגען, און אויף די צווייגען האָבען גרינע בלעטער געבליהט. האָבען ליכטיגע טעג פאַרביי געפלאָטערט ווי די שמעטערלינגען, און מיט זייער זון האָבען זיי דעם בוים און די בלעטער אָנגעזויגען. גאַנצע עמערס גאָלד און בליה האָבען אָט די טעג, די בלעטער געשענקט.

און די נאַכט האָט אויך איהר מתנה געגעבען. זי האָט יונגען זילבערנעם טוי אויף דעם בוים געשפּריט, האָט אַריינגעאָטעמט אין זיינע אָדערען יענעם סוד פון וועלכען קנאָספּען געהן אויף און גרינע רייפקייט שפּראָצט אַרויס.

האָבען די בלעטער געלעבט אויף זייער מוטער־שטאַם, און, געווען צופרידען.

טרעפט זיך אַ מאָל, און אַ זינגענדיגע פּלעיאַדע פון פויגלען קומט אָן. זיי שוועבען אַרום מיט פרעהליכען געטשוויטשער, דרעהען זיך זאָרגלאָז אין אַ קאַראַהאָד אין דעם לויטער׳ן בלויקייט פונ׳ם חלל.

קוקען זיך צו די בלעטלאך צו דעם אַלעם און שאַרכען איינעם צום אַנדערען —

ווי גליקלאך די פייגעלעך זיינען! זיי באַוועגען זיך פריי, שווימען אַרום אונטער גאָט׳ס הימעל אַזוי לייכט, אַזוי פלינק, קיינער האַלט זיי נישט געבונדען, זיי קענען פליהען ווען זיי ווילען און ווי זיי ווילען!

און מיר? —

אָה, ווי אומגליקליך מיר זיינען! אייביג צוגעבונדען צום שטאַם, געפּענטעט ווי מיט קייטען, מיר קענען זיך נישט אַלאָז טאָהן פריי אין דער לופט — אָה! אונגליקליכע אַרעסטאַנטען זיינען מיר!

קומט צו לויפען אַ בייזער, שרייענדיגער ווינט, רייסט אַראָפּ מיט רציחה אַ בלעטעלע פון בוים, און גיט עס אַ הויב אין דער לופטען.

גיט אַזש דאָס בלעטעלע אַ געשריי פאַר שמחה. אַך, ווי ליעב דער ווינט איז! ער האָט מיך געראַטעוועט! פון איצט אָן וועל איך מעהר נישט זיין צוגעבונדען צו דעם פאַרהאַסטען שטאַם! איך וועל אַרום שוועבען פריי און זאָרגלאָז, ווען און ווי נאָר איך וועל וועלען!

באַרוהיגט זיך דער ווינט. דאָס בלעטעלע הויבט אָן פאַלען אַראָפּ. ס׳בלייבט ליגען אויף דער ערד.

שעה׳ן פאַרגעהן, און דאָס בלעטעלע הויבט אָן וועלקען, איינדאַרען, אַ טויטליכע געלבקייט פאַרציהט זיך אויף איהר. דאָס בלעטעלע פיהלט, אַז די לעצטע מינוטען פון לעבען זיינען געקומען. ליגט עס, דאָס בלע־טעלע, פאַר׳חלש״ט, פאַרווייטיגט, און קוקט מיט טיעפען טרויער און בענקשאַפט צו די גרינע זאַפטיגע בלעטער אויפ׳ן בוים, וואָס בליהען און לעבען — און עס קלאָגט:

—אָה, ווי נאַריש איך בין געווען. געמיינט, אַז דער שטאַם איז מיין שונא. געפיהלט זיך ווי געפּענטעט און געבונדען. ערשט איצט זעה איך, אַז דער שטאַם האָט מיר יניקה געגעבען, אָנגעטרונקען מיך מיט כחות צום לעבען, ווי אַ געטרייע מאַמע זויגט אָן איהר קינד. און נאָר דאָס צוגעבונדענקייט צום שטאַם — וואָס האָט מיך אַזוי געשראָקען — האָט מיך געזיכערט מיט לעבען. איצט בין איך פאַר׳משפּט צו טויט, נאָר דערפאַר ווייל איך האָב מיך אָפּגעריסען פון מיין מוטער־שטאַם. אָה, ווי אומגליקליך איך בין!...

קוקען זיך צו די בלעטער אויפ׳ן בוים צו די גסיסה־וויהען פון זייער אַמאָליגער חבר׳טע, און טילען זיך שטאַרקער צו זייער שטאַם...

* * *

ווען עס קומט דער יום טוב שבועות, דער טאָג וואָס דערמאָנט אונז אַז מיר זיינען אַ תורה־פאָלק געוואָרען, געפינען זיך אָבער, אַ סך אידען וואָס שמייכלען און זאָגען:

„אַ שעהנע פרייד איז דאָס! מ׳האָט דאָך אונז — דורך די תורה — געזעצען, ווי מיט קייטען געבונדען: ,דאָ שטיי נישט׳, ,דאָרט זיץ נישט׳, ,דאָס מעגסטו יאָ׳, און ,דאָס טאָרסטו ניט׳. . . אָהן דער תורה וואָלטען מיר געווען פריי און נישט געבונדען.״

פאַר אַזעלכע אידען האָבען אונזערע חכמים געהייסען אַרויסהענגען בלעטער פון ביימער כדי זיי זאָלען זעהן, און לערנען, ווי אַזוי מען זעהט אויס, זייענדיג אָפּגעריסען פונ'ם שטאָם —

— ווי עס איז אויבען געשילדערט —

ווייל די תורה איז אונזער לעבענס־שטאָם פון וועלכען מיר ציהען יניקה זייט טויזענדער יאָהרען. נאָר דאָס געבונדענקייט צו די תורה־געזעצען האָט אונז געראַטעוועט פון אונטערגאַנג און אויסמישונג. אָהן דער תורה זיינען מיר פאַר'משפט צו וועלקונג און טויט. און מיט דער תורה — צו אַ לאַנג לעבען ביז ביאת הגואל במהרה — א מ ן .

„אדם״ און „פרא אדם״

אדם כי יקריב מכם קרבן (ויקרא א—ב) — והוא יהיה פרא אדם (בראשית טז — אדם כי יהיה בעור שברו שאת או ספחת (ויקרא יג—ב) — אדם כי ימות באהל (במדבר יט—יא) באהלה של תורה (חז״ל) — נעשה אדם (בראשית א—כו) — זה ספר תולדות אדם (בראשית ה) מסורה.

איך האָב צוזאַמענגעקליבען זעקס פאַרשידענע פסוקים, וואָס, לכאורה, איז נישטאָ קיין שום צוזאַמענהאַנג צווישען זיי. יעדער פסוק באַציהט זיך אויף אַ גאַנץ באַזונדערען ענין. און דאָך, געפון איך אַ פאָדעם, וואָס פאַרבינדעט זיי איינהייטליך, און שאַפט פון זיי אַ וואונ־דערליך בילד וועגען „מענש און אונמענש״.

* * *

אדם כי יקריב — עס איז פאַראַן אַ טיף מענש, וואָס רעדט שטענדיג מיט הויכע פראַזען, און פרעדיגט ביי יעדער געלעגענהייט הויכע אידעאַלען. ער בייזערט זיך פאַרוואָס די וועלט איז נאָך נישט געוואָרען יושר׳דיג און גוט. ער האַלט אין איין דרש׳ענען, אַז מען דאַרף בויען אַ געזעלשאַפט וואו יעדער איינער וועט זיין אַן אידעאַליסט, און וואו יעדער איינער וועט גרייט זיין צו ברייגנען קרבנות פאַר זיינע אידעאַלען און פאַר זיינע חברים.

ער האָט אבער אַ קליינעם חסרון, וואָס —

כי יקריב מכם — אייך הייסט ער טאָהן די אַלע גוטע זאַכען. אייך הייסט ער קרבנות ברייגנען.

והוא ? — און ער אַליין ?

והוא יהיה פרא אדם — אַליין איז ער אַ ווילדער מגושם׳דיגער בשר־ודם, אַ גרויסער עגאָאיסט, אַ קאַריערע זוכער. ער פאַשעט זיין בייכעל און פרעהט זיך מיט די פראָפיטען וואָס זיין „כלל־ארבייט״ און „מוסר־זאָגען״ ברייגנט איהם אַריין. ער האָט טאַקי אַ פול מויל מיט געפליגעלטע ווערטער, זיין מוח אָבער, און זיינע געדאַנקען, קריכען

נישט אַרויס פון זיינע אייגענע ד׳ אמות. ער איז קיינמאָל נישט מסיח־דעת פון זיינע אייגענע אינטערעסען און פניות, און ווי נאָר ער געפונט די געלעגענהייט, זוכט ער צו באַפרידיגען זיין געפיעשעשטעטען „איך״.

אַזאַ מענש איז:

אדם כי יהיה בעור בשרו שאת או ספחת — ווי אַ געשוויר אויפ׳ן גוף פונ׳ם פאָלק, ווי אַ געפעהרליכע צרעת, וואָס מ׳דאַרף וואָס גיכער אויסרוימען און פאַרשליסען אין אַן אָפגעזונדערט אָרט.

ווייל אַזעלכע מענשען זיינען אַ שלעכטער ביישפיל פאַר׳ן פאָלק. זיי פלאָדען אַן, סטאַדעס מיט תלמידים, זייער׳ס גלייכען, מיט שוואַרצע נשמות פאַרדעקט מיט יראת־שמים פנים׳ער.

און שפּעטער, ווען די אומשולדיגע מאַסע דערזעהט זייער אמת געשטאַלט, וואַרפט זי אַ האַס אויך אויף די אידעאַלען אַליין, מיינענדיג, אַז אויב די כהנים־גדולים זיינען פסול, איז מסתמא אויך זייער גאָט אַ פסול׳דיגער. און דאָס איז דאָך נישט ריכטיג, ווייל וואָס איז שולדיג דער אמת ווען אומווירדיגע מענשען ניצען איהם אויס פאַר זיך.

אויב אָבער —

אדם כי ימות באוהל — באהלה של תורה — איהר ווערט באַגעגענען אַן איידעלעם מענשען, וואָס אַליין איז ער אַ לעבעדיגער מוסטער פון אידעאַליזם און עהרליכקייט. ער האָט שוין אַ סך געליטען און אַ סך געקעמפט אין זיין פערזענליכען לעבען, פאַר תורה און אידישקייט. זיין אייגענער גוף איז ווי אַ מצבה פון די אַלע יסורים און פיינען, וואָס ער איז דורכגעגאַנגען און דורכגעליטען. ער קען אייך אויפווייזען ווי פיעל קרבנות ער האָט שוין געבראַכט אַבי צו זיין אַ איד און אַ מענש,

און דערצו —

נעשה אדם — ער זאָגט: „לאָמיר צוזאַמען״ שאַפען און בויען אידעאַלען אין לעבען, ער נעמט זיך אַריין אין חשבון. קומט מיט מיר — זאָגט ער — און איך אַליין וועל זיין דער ערשטער צו געהן אין דער מלחמה פאַר דער בעסערער וועלט און פאַר׳ן בעסערען און שענערען מענש׳ן.

זה ספר תולדות אדם — אַזאַ מענש איז אויף אַן אמת, ווירדיג צו זיין אַ לעהרער און אַן עצה־געבער. זיין לעבען איז אַ הייליג ספר.

זיין יעדער טאָג און יעדע טאָאַט איז אַ בלאַט אין אַט דעם בוך, פון וועל־
כען איהר דאַרפט און זאָלט לערנען.

* * *

ווען איך קום אַריין אין די לייברעריס און זעה די צענדליגער טויזענדער ביכער, ווי זיי פאַרדעקען די ווענט, קלעטערען אַרויף ביז צום סופיט און שפרייטען זיך אין דער לענג און אין דער ברייט — עגבערט אויף, אין געדאַנק די אַלטע, אייביגע פראַגע: פאַרוואָס האָבען די אַלע ביכער, אָנגעפילטע מיט די שעהנסטע לעהרען, און העכסטע אידעאַלען, געהאַט אַזאַ קליינע השפעה אויף דער מענשהייט? וואָס איז די סיבה, וואָס וואָס־מעהר די אַלע גרויסע מחברים האָבען געזוכט אַרום צו הובלען און אַרום צו פיילען דעם כאַראַקטער און די מדות פונ׳ם מענשען, איז ער — דער מענש — אַלץ רויהער, אַלץ שטעכעדיגער געוואָרען?

איז עס אפשר דערפאַר, וואָס די אַלע גרויסע מענשען האָבען געפרעדיגט זייערע אידעאַלען פאַר אַנדערע, פאַר׳ן פאָלק, און אַליין אין זייער פריוואַטען לעבען, זיינען זיי געווען דער היפוך פון זייער לעהרע?...

געוויזען האָבען זיי פאַר אַנדערע ווי שעהן ס׳איז צו זיין אַן „אדם־השלום” און אַליין האָבען זיי פראַקטיצירט דעם „פרא־אדם”?...

* * *

אמת קנה ואל תמכור (משלי כג) — פאַראַן מענשען, וואָס האָבען זעהר ליעב צו פאַרקויפען דעם אמת — צו אַנדערע, אָבער נישט פאַר זיך... זאָגט דערפאַר דער פסוק: קויף דעם אמת פאַר זיך, פאַר׳ן אייגענעם געברויך... — ואל תמכור — האַלט איהם נישט בלויז צום פאַרקויפען פאַר יענעם... — רבי מענדעלע קאָצקער.

* * *

ואתה תצוה — פריער דאַרף זיין „ואתה” — דו אַליין זאָלסט קודם־כל זיין אין אָרדנונג און ערשט דאַן „תצוה”—האָסטו רעכט צו דיקטירען און אָנזאָגען דעם צווייטען...

דער וועג צו ערפּאָלג

ועלה האיש ההוא (שמואל א—ג) נתעלה בביתו, נתעלה בחצרו, נתעלה בעירו, נתעלה בכל ישראל, וכל עליתו לא היה אלא משל עצמו. — (ילקוט שמעוני, שמואל)

עס איז די נאַטור פון׳ם מענש׳ן צו קוקען אין פרעמדע גערטנער און זוכען דאָרט פעהלערען, אין דער זעלבער צייט וואָס אין זיין אייגענעם גאָרטען האָט ער נאָך, גאָר אַ סך מתקן צו זיין.

דאָס מערקווירדיגסטע איז, וואָס ער געפונט ביי יענעם גראד די זעלבע פעהלערען[1], וועלכע ער אַליין האָדעוועט אין זיך און באַמערקט זיי אפילו נישט[2]...

עס איז זעלבס־פאַרשטענדליך, אַז אַזאַ מענש קען נישט האָבען קיין השפעה אין זיין סביבה, ווייל מען וואַרפט איהם באַלד אין פנים אַריין דעם באַקאַנטען „טול קורה מבין עניך״[3].

אונזער חכמים האָבען גוט געקענט די פסיכאָלאָגיע פון׳ם פאָלק. זיי האָבען געוואוסט, אַז ביים מאַסען־מענש איז די ראיה פאַר דער שמיעה. ער — דער פשוט׳ער מענש — האָט ליעב צו באַקוקען גוט, דעם מענש׳ן וואָס קומט צו איהם מיט עצות אָדער מיט תוכחות. ער באַטראַכט זיין התנהגות און משפט איהם לויט זיינע אייגענע מעשים[4]. זיינע פּריוואַטע האַנדלונגען דערנעהנטערען איהם — דעם פאָלקס־מענש — צו זיך, אָדער, פאַרקערט, דערווייטערען איהם פון זיך[5].

האָבען דערפאַר די חז״ל געלערענט, אַז „איידער מען קומט מוסר׳ען און לערנען אַ צווייטען, דאַרף מען זיך אַליין צוערשט משלים זיין״[6], און, „אַז זיינע אייגענע פעהלערען זאָל מען נישט אַנהענגען אין חבר״[7].

און די השלמה זאָל נישט זיין אַן אויבערפלעכליכע, נאָר אַ גרינטליכע אַן אמת׳דיגע. ער דאַרף זיך אויסבויען און פאַרפאָלקאָמען אַזוי, אַז אפילו זיינע שטוב־מענשען, וועלכע זעהען איהם אין די אינטימסטע סיטואַציעס, אָהן דעם „כחל ושרק״ וואָס יעדער מענש ציהט אויף זיך

אַרויף, געוועהנליך, זייענדיג אין געזעלשאַפט — אויך זיי זאָלען אין איהם נישט באַמערקען קיין שמץ פסול.

נתעלה בביתו — ווען דער מענש וועט צוערשט אַנערקענט ווערען אַלס גייסטיג דערהויבען אין זיין הויז, וואו מען זעהט איהם דורך־און־דורך.

נתעלה בחצריו — צווישען זיינע נאָהענסטע שכנים, וועלכע האָבען אויך גענוג געלעגענהייטען איהם צו קענען אינטימער און גרינטליכער.

ערשט דאַן קען דער מענש האָפען אַז: —

נתעלה בעירו, נתעלה בכל ישראל - וויל אַזאַ מענש האָט השפעה און מעגליכקייט צו וואַקסען און ענטוויקלען זיך ביז צו דער מדרגה פון אַן אמת׳ען מנהיג־הדור.

* * *

בקרובי אקדש ועל פני כל העם אכבד — פריער דאַרף זיין „בקרובי אקדש" — די אייגענע, די שטוביגע, וועלכע קענען בעסער אפשאַצען און קענען גיכער וויסען דאָס פנימיות, זיי דאַרפען צוערשט אַנערקענען די הייליגקייט, און דאַן: „ועל פני כל העדה אכבד" — קען מען קריגען די אַנערקענונג פון דער וועלט. — (ספרים)

* * *

1) קידושין ע. — כל הפוסל, במומו פוסל.
2) שבת קיט — אין אדם רואה חובה לעצמו.
3) ערכין טז.
4) יומא לח. — בשמך יקראוך, ובמקומך יושיבוך.
5) עדיות ה. — מעשיך יקרבוך ומעשיך ירחקוך.
6) ב"מ קז — קשוט עצמך ואח"כ קשוט אחרים.
7) ב"מ נט — מום שבך אל תאמר לחברך.

ברכת כהנים — און וואָס זי לערענט

יברכך ד׳ — בממון, וישמריך — מן המזיקים

אונזערע חז״ל האָבען קיינמאָל נישט געזוכט אַרויסצורייסען דעם מענשען פונ׳ם לעבען, און פון זיינע נאַטירליכע נייגונגען און באַגעהרען. זיי האָבען גאַנץ גוט געוואוסט, אַז די ערגסטע תאוות פונ׳ם מענש, קען מען אויסניצען צום גוטען, אויב נאָר מען ווייסט ווי אַזוי זיי איינ־צושפאַנען און באַהערשען.

אַט ווערט, למשל, געלד באַטראַכט ביי יעדען איינעם, ווי דער סינאָנים פון שלעכטס. און אויב איינער הויבט אָן שטייגען מאַטריעל, קוקט מען מיט מורא, טאָמער וועט איהם די רוב־טובה, אַראָפפיהרען פונ׳ם וועג.

אונזערע גרויסע חכמים האָבען, אָבער, געוואוסט אַז דאָס איז נישט קיין אייביגער און אומבאַדינגטער כלל, ווייל אַ סך מאָהל איז, אדרבא, דאָס געלד די סיבה פון אינערליכען גרויס־מוטה און גוטסקייט[1], און גראַד די שעהנע דירה און און דאָס ברייטע גביר׳ישע לעבען, קען אַ סך מאָל דעם מענשען שאַפען הרחבת הדעת[2] און ווילען צו טאָהן גוטס פאַר אָרימע.

האָבען דערפאַר די חז״ל נישט בלויז, נישט געזוכט צו פאַרהאַסען דאָס לעבען אין די אויגען פונ׳ם מענש, נאָר פאַרקערט, איהם ערמוטיגט צו שטרעבען און וועלען, איהם געגעבען אפילו גוטע עצות ווי אַזוי צו מאַכען סוקסעס אין ביזנעס און אין אונטערנעמונגען.

„אַ מענש זאָל קיינמאָל נישט אַריינבראָקען זיין גאַנץ געלט אין איין אונטערנעמונג, נאָר ער זאָל דריטלען זיין פאַרמעגען. אַ דריטעל אין אונבאַוועגליכע גיטער, אַ דריטעל אין מסחר און אַ דריטעל האַלטען אין „קעש״[3]. . . „אויב דו ווילסט גיך רייך ווערען זאָלסטו זיך נעמען צום בהמה מסחר״[4]. . . ״פאַרמעגען, אויב מ׳וויל עס זאָל וואַקסען, מוז מען עס איבערקוקען כאָטש צוויי מאָל אַטאָג״[5]. . . ״אַ ריכטיגער ביז־

נעסמאַן ווייזט צו ערשט די געמיינערע סחורה און די בעסערע האַלט ער אויף צולעצט"[6]...

דאַכט זיך גאַנץ פּראַקטישע כללים אפילו אונטער די איצטיגע אומ־שטענדען אין ביזנעס. און הלוואי וואָלטען אַ סך פון די גרויסע סוחרים, די „ריעל־עסטעיטניקעס", געפאָלגט די עצות פון אונזערע חכמים, וואָלטען זיי זיך איינגעשפּאָרט אַ סך האָרץ־ווייטאָג און אַ סך געלד־שאָדענס. זיי וואָלטען געהערט, למשל, אַזאַ עצה:

פאַררעכט דאָס אַלטע און בויע נישט קיין נייעס, ווייל דער וואָס לאָזט זיך אַריין אין בויען, שטאַרבט אַן אָרימאַן[7]... „האַלט דיך ביי איין גאָרטען און ער זאָל זיין אין גאַנצען דיינער, איידער ביי אַ סך גערטנער און האָבען אין יעדען אַ פּיצעל חלק, ווייל אַ פאַרמעגען פון איין גאָרטען און אַ גאַנצען, וועט דיר געבען צו עסען פויגעלעך, אָבער אַ סך גערטנער, און פון יעדען אַ שטיקעל צו פאַרמאָגען, איז ווי האָבען אַ סך פויגעלעך, וואָס וועלען דיך אויפעסען"[8]...

מ'וואָלט עס געדאַרפט זאָגען די „גבירים", וואָס פאַרמאָגען צו „דרייסיג הייזער", נאָר מיט גרויסע „מאָרטגעדזשעס", וואָס דער סוף איז, אַז די מאָרטגעדזשעס פרעסען אויף די הייזער מיט'ן בעל־הבית צוזאַמען...

פון דעם אויבען אָרומגערעדטען קענען מיר ציען דעם שלוס, אַז —

יברך ד' — בממון — געלד קען זיין אַ ברכה פון גאָט. מ'דאַרף בלויז זיך היטען, אַז דאָס געלד זאָל נישט זיין אַזאַ געלד, וואָס פיהרט אַראָפּ דעם מענשען פונ'ם גלייכען וועג.

וישמריך — מן המזיקים — ווייל פונקט ווי דו מעגסט בעטען און שטרעבען צו האָבען פאַרמעגען און געלד, אַזוי דאַרפסטו פאַרקערט, אַנטלויפען און האַסען דאָס געלד, וואָס איז אַ „מזיק" פאַר'ן מענש, וואָס פאַרפיהרט איהם און וואָס רויבט ביי איהם דאָס אידישקייט.

כן יהי רצון בזכות אברהם —

אברהם, איז געווען אַ מוסטער פון וויסען, ווי אַזוי מען דאַרף אַנט־לויפען פון יצר־הרע־געלד, און, פאַרקערט, זאַמלען אַ סך פאַרמעגען און ניצען עס צום גוטען.

זיין פאָטער איז געווען רייך, געהאַט אַ פאַבריק פון „געטער", וואָס געוועהנליך האָט מען פאַר זיי גוט באַצאָהלט. אברהם האָט געהאַט אַ

ברירה צו בלייבען אין זיין פאָטערס הויז, מאַכען אַ סך געלד, זיין אַ ליבלינג ביים דאַמאָלסדיגען הערשער, נמרוד. און דאָך, האָט ער דאָס רייכקייט אָוועק געוואָרפען, אַרויסגעטראָטען איינער אַליין געגען אַלע, פאַר׳משפט דורך דעם זיך אַליין, צו אַ לעבען פון אָרימקייט און גלות, ווייל געוואוסט האָט ער, אַז עס שטעהט איהם פאַר אויסצווועהלען צווי־שען געלד וואָס איז א יצר־הרע און אַ לעבען פון אַן עהרליכען איד, אָבער אָהן געלד. האָט ער אַוועקגעוואָרפען דאָס געלד און גיכער גע־וואָלט לעבען אין אָרימקייט, אַבי אַן עהרליך לעבען[9].

קען מען דאָך מיינען, אַז ער האָט בכלל געהאַט אַ נעגאַטיווע באַצי־אונג צו געלד„ ווייזט אָבער זיין שפּעטערדיג לעבען, אַז ער איז געווען אַ גאַנץ גוטער „ביזנעס־מאַן״, געוואוסט אָפּצושאַצען דעם ווערטה פון געלד, נאָר פון אַזאַ געלד וואָס האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט אויפצועפענען „הכנסת־אורחים׳ס״ און „בית־מלון׳ס״ פאַר אָרימע דורכ־געהער[10].

ער איז געווען דער לעבעדיגער מוסטער פונ׳ם „יברכך ד׳ — בממון״, און „וישמריך — מן המזיקים״.

* * *

יאר ה׳ פניו אליך ויחנך — בבנים הגונים.

מיר געפינען אין מדרש[11] אַ קורץ אָבער קלאַסיש בילד פונ׳ם מענשענס לעבען:

„רב שמואל בר ר׳ יצחק זאָגט עס אין נאָמען פון ר׳ שמעון בן אלעזר: זיבען „הבלים״ וואָס קהלת האָט געזאָגט, זיינען געגען די זיבען פעריאָדען און איבערגאַנגען אינ׳ם מענשענס לעבען.

ווען דער מענש איז נאָך אַ קינד, איין יאָהר אַלט, איז ער געגליכען צו אַ קעניג — אַלע ליעבען איהם, אַלע ציטערען איבער איהם, ער איז דאָס געצערטעלטע און געפּיעשטשעטע ביי אַלע.

ווען ער ווערט שוין צוויי און דריי יאָהר, גייט ער אַריבער צו אַ פעריאָדע אין וועלכער ער איז געגליכען צו אַ חזיר׳על... שטופּט די הענטלאך וואו מען דאַרף נישט... כאַפּט אַלעס צום מויל...

ווערט ער צעהן יאָהר אַלט, הויבט ער אָן צו טאַנצען ווי אַ ציגעלע...

ביי צוואַנציג יאָהר איז ער שוין געגליכען צו אַ יונג פערדעל, וואָס האָפּעט אַרום, פּוצט זיך, און גרויסט זיך, מיט דער גלאַטער פעל, און הויבט שוין אָן צו זוכען אַ „זי".

האַלט ער שוין נאָך דער חתונה, איז ער שוין דאָן, ווי אַ פערדעל וואָס מ'האָט איינגעצוימט אין אַ צום... און איינגעשנורעוועט אין אַ זאָטעל...

מיט'ן אָנקומען פון קינדער ווערט ער פאַרוואַנדעלט אין אַ הונט וואָס זוכט אַ ביין, און בילט אויף יעדען. ער לויפט שוין אַרום זוכען פּרנסה, איז ער שטענדיג הונגעריג נאָך פאַרדינסטלאָך. ער דאַרף דאָך שוין אויסהאַלטען אַ שטוב מיט קינדער...

עס קומט דאָן די לעצטע פעריאָדע — די עלטער.

ער איז דאָן שוין אָפּגעלעבט, אויסגעשפּילט, און יעדער קוקט אויף איהם ווי אויף אַ מאַלפּע... וואָס קרומט זיך נאָך און רעדט זיך איין, אַז ער איז נאָך אַ מענש...

אפילו די אייגענע קינדער קוקען אויף איהם מיט ביטול, און, אין בעסטען פאַל — מיט טאָלעראַנץ און פאַרבאַרגענעם שמייכעל...

דער דאָזיגער מאמר שליידערט אונז אין פנים אַריין, אין אַ סאַרקאַסטישען טאָן, דעם טרויעריגען סך־הכל פונ'ם מענשענס לעבען, פון זיינע באַמיהונגען, און פון דער פיאַסקאָ מיט וועלכער עס ענדיגט זיך זיין וועג. דער שאַרפסטער און טראַגישסטער אמת איז געזאָגט געוואָרען וועגען די לעצטע צוויי פעריאָדען אינ'ם מענשענס לעבען — די תקופה פון אַרבייטען שווער פאַר זיינע קינדער, און שפּעטער די תקופה, ווען די קינדער באַצאָהלען איהם מיט ביטול און מיט באַטראַכ־טען איהם „כקוף" — ווי אַ מאַלפּע...

ער — דער פאָטער — האָט אַזוי פיעל צער און וועהען געהאַטביים ערציהען די קינדער, האָט אין זיי אַריינגעפּלומפּט זיינע אייגענע כחות, זיין אייגען בלוט און פלייש. און געטאָהן האָט ער דאָס, מיט פרייד. מיט'ן וויטאַגליכען פאַרגעניגען פון אַ טאַטען ווען ער ווייסט, אַז ער ליידעט צוליעב זיינע קינדער און פאַר זייער טובה־וועגען. ווי רבן גמליאל האָט דאָס אַזוי שעהן אויסגעדרוקט אין זיין ברכה צו זיין טאָכטער[12]: „זאָל דיר גאָט העלפען, אַז פון דיין הויז זאָל זיך קיינמאָל נישט אָפּטאָן דער ,אוי' קרעכץ". און ווען זיין טאָכטער וואונדערט זיך

פאַרוואָס דער פאָטער איהרער שעלט זי, ענטפערט איהר דער גרויסער תנא: „מיין קינד, דאָס איז די גרעסטע ברכה פאַר עלטערען, דאָס איז די ברכה פון האָבען קינדער און אַרום געהן און ציטערען, „אוי" דאָס קינד האָט נאָך נישט געגעסען!, „אוי", דאָס קינד איז שיעור נישט געפאַלען!...„אוי", מ'דאַרף שוין געבען אַ טרונק דעם קינד!"...

און, נאָך די אַלע „אויס", באַצאָהלען די קינדער מיט ביטול און שנאה...נישט אומזיסט בעט מען אַזוי שטאַרק אויף „בנים הגונים" — גוטע קינדער, און דער וואָס האָט די זכיה צו האָבען גוטע קינדער איז באמת „געלייטזעליגט" פון גאָט.

— ויחנך — בבנים הגונים...

כן יהי רצון בזכות יצחק — ווייל יצחק איז געווען דער מוסטער־זוהן, דאָס געטרייע קינד, וואָס האָט געהאַט אַן אומבאַגרעניצטען צו־טרויען צו זיין פאָטער. אפילו דאַן, ווען זיין פאָטער פיהרט איהם צו דער עקידה פאָלגט ער איהם אָהן איבערפרעגען דעם פאָטער אַ וואָרט.

* * *

ישא ד' פניו אליך וישם לך שלום.

מיר בעטען אויף דריי שלום'ס:

שלום בגופו — דער גוף זאָל זיך לעבען בשלום. די אברים זאָלען זיך נישט אַרומקריגען צווישען זיך...עס זאָל הערשען צווישען זיי די האַרמאָני, וואָס גיט דעם מענש בריאות, פיזישע גבורה און דעם באַקאַנטען „חילוץ עצמות".

שלום בממונו — דאָס געלד זאָל נישט ווערען דעם מענשענס שונא...עס זאָל נישט אַריינברייגגען אין דער משפחה די באַקאַנטע מחלוקת'ען וועגען ירושה...וועגען אָפשרייבען חלקים...צוליעב'ן געלד זאָלען די קינדער נישט וואַרטען אויף זיין טויט. — אין קורצען, דאָס געלד זאָל איהם ברענגען שלום און נישט דעם היפוך פון שלום...

שלום בתורתו — ער זאָל זיך לעבען גוט מיט דער תורה וואָס ער האָט אַמאָל געלערענט. דאָס הייסט, ער זאָל זיין אַ פרומער איד, און פאָלגען די תורה.

כן יהי רצון בזכות יעקב — וואָס ביי איהם זאָגט עדות דער פסוק — ויבא יעקב שלום — שלום בגופו, שלום בתורתו, שלום בממונו[13].

* * *

1) ירושלמי תרומות פ״ח — הלב תלוי בכיס.
2) פסחים — שלשה דברים מרחיבין דעתו של אדם וכו׳
3) ב״מ מב — לעולם ישליש אדם את מעותיו וכו׳
4) חולין פ״ד — יעסוק בבהמה דקה.
5) חולין קה — דאילו אבא הוי סייר נכסיה תרי זמנא ביומא וכו׳.
6) מדרש תנחומא שלח — דרך התגרין מראין את הפסולת תחלה.
7) מדרש שמות סג — שפץ ולא תבנה שכל העוסק בבנין מתחסכן.
8) ויק״ר ג —השוכר גן אוכל צפרים; גנים, צפרים אוכלים אותו.
9) תדב״א, ב״ר פ׳ לח.
10) סוטה י, שהש״ר, ב״ר פ״ מט
11) קה״ר, ילקו״ט שם.
12) ב״ר פ׳ כ״ז.
13) שבת לג:

קוואַנטיטעט און קוואַליטעט

אזיל אשכחיה דיתיב תלמידי' קמיה ומחוי להו הלכות קמיצה וכו'.
— (מגילה טז)

אין אַ צייט פון אַזאַ קאַטאַסטראָפע, וואָלט מרדכי דער מנהיג, געדאַרפט אין זינען האָבען עפעס וויכטיגערס, ווי לערנען מיט קינדער שווערע הלכות, אין הלכות קמיצה. וויזשע קומט עס טאַקי, אַז דער גרויסער און געלערנטער[1] מרדכי זאָל זיין אזוי אומפראַקטיש אין אַזאַ ערענסטען מאָמענט ?

מיר ווילען פאַרשטיין דעם מאמר חז"ל מיט אַ באַוואוסטען רשב"א.

אויף דער באַוואוסטער קשיה, פאַרוואָס דאָס געבליבענע פון „קומץ" ווערט אָנגערופען „שריים", טראָץ דעם וואָס געבליבען איז אַ סך מעהר ווי דער „קומץ" איז, און דאָס וואָרט „שריים" באַצייכענט דאָך איבער־בלייבעכץ ווינציגער פון העלפט[2] ?

ערקלערט דערויף דער רשב"א, אַז דאָס ענין קמיצה טראָגט אין זיך אַ סימבאָלישע לעהרע. ס'ווייזט דעם איד, דעם גרויסען ווערטה פון גייסטיגער קוואַליטעט טראָץ דעם וואָס די קוואַנטיטעט, דער חומר, איז ווינציג און קליינליך. אָט זעהט מען ווי דער כהן נעמט אַרויס אַ קליין ביסאלע מעהל, ס'בלייבט איבער אין דער שיסעל דער גרעסטער טייל, און דאָך, איז דאָס ביסעלע דער עיקר, דאָס וויכטיגסטע, און דאָס איבעריגע — געבליבענע, מעג עס זיין ווי פיעל, איז עס נישט מעהר ווי „שריים" — „איבערבלייבאכטץ", מינדערווערטיגס און אָהן שום באַדייטונג געגען דעם אויף וועלכען עס איז געזאָגט געוואָרען דער „קודש לד'".

דאָס לערענט דעם איד נישט צו בלייבען געפאַלען ביי זיך אין צייטען פון פיזישער, אָדער פאָליטישער שוואַכקייט. ער דאַרף זיך נישט פיהלען קליינליך ווען ער זעהט די מאַכט און גרויסקייט פונ'ם שונא. ווייל דער סוד פון זיין — דעם איד'ס —קיום, איז אָבהענגיג

אינ׳ם רוחניות׳דיגען שטאַנד, אינ׳ם איכות׳דיגען ווערטה זיינעם. נאָר אין דעם ליגט זיין כח און אויבערמאַכט און מיט דעם קען ער זיך דאָך פאַרמעסטען מיט די שטאַרקסטע און מעכטיגסטע וואָס געפינען זיך אַרום איהם.

מרדכי האָט מיט זיין בליק אַרומגענומען די לאַגע פון די אידען אין יענעם מאָמענט. ער האָט אַרויסגעפיהלט זייער הילפלאָזיגקייט אַנט־קעגען דעם אַזוי־שטאַרקען שונא. ער האָט געזעהען דעם יאוש, די רעזיגנאַציע וואָס האָט באַהערשט יעדען אינעם, דאָס געפאַלענקייט, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון יעדענס בליקען; אַ געפאַלענקייט, וואָס ברייננגט מעהר שאָדען ווי די קלעפּ פונ׳ם פיינד. ער האָט דאָס אַלעס געזעהן, און געפונען פאַר נויטיג דאָס ערשטע, צו פאַרזיכערען און פאַרהיטען די יוגענד פון די דאָזיגע שעדליכע שטימונגען; איינצופלאַנצען אין זיי אַ געפיהל פון ווירדע, פון גלויבען אין זייערע אייגענע גייסטיגע ווידערשטאַנד־כחות און אַזוי אַרום פאַרזיכערען דעם עתיד פונ׳ם פאָלק, דאָס שפּעטערע קומענדע דור.

לערענט ער מיט זיי, „הלכות קמיצה״ — נישט צו קוקען אויף דער אויסערליכער פיזישער שוואַכקייט, נאָר געפינען אין זיך דעם אינערליכען רוחניות׳דיגען כח, וואָס פאַרזיכערט דעם עתיד און באַזיגט אַלע דרויסענדיגע פינסטערע עלעמענטען וועלכע וואַרפען זיך אויפ׳ן איד כדי איהם צו פאַרטיליגען און פאַרניכטען.

* * *

אם מזרע היהודים הוא, נפול תפול לפניו — (מגילת אסתר)

המן, דערצעהלענדיג פאַר זיינע חכמים און יועצים מרדכי׳ס טע־טיגקייטען: ווי אַזוי ער גיט זיך אָפּ מיט דער ערציהונג פון דער יוגענד, האָבען זיי פאַרבראַכען מיט די הענד און פאַרצווייפעלט געזאָגט: — אויב זיין כח איז פון דער יוגענד, ער דערציהט זיי צו האַלטען זיך שטייף און ווירדיג; מוטיג און האָפענונגס־פול — אויב אַזוי — איז דיין קאַמף אויף זיכער פאַרשפּילט.

* * *

1) מנחות סד־סה, שקלים פ״ה ב.

2) ט״ז יו״ד סי׳ מ״ג, מדרש רות א.

אויסדרויערליך און האפענונגס פול

רב בקעה מצא וגדר בה גדר (חולין קי) — רב צייר כורא (ב״ב קסא)
א״ל רב לר׳ שמואל בר שילת אחים בהספידא דהתם קאימנא (שבת)
מקברו של רב היו נוטלין לאשתא בת יומא. — (סנהדרין מז)

בכדי מיר זאלען פארשטעהן די דערמאנטע מאמרים, וועלען מיר געבען א באגריף, אין קורצען, וועגען רב׳ס פערזענליכקייט און וועגען זיין ראלע אין אידישען לעבען פון זיין צייט.

רב איז געווען פון די זעלטענע פערזענליכקייטען וואס באזיצען אלע מעלות און אלע השלמות. נישט אומזיסט האט מען איהם גערופען „גבר בכולא״[1] — דער מענש וואס פארמאגט אלעס אין זיך. געבוירען איז ער אין א יחסנ׳ישער פאמיליע[2]. געווען הויך און שעהן געבויט[3]. דערצו האט ער זיך ליעב געהאט אנצוטאהן אין שעהנע[4] און באציהרטע[5] בגדים. זיין פלפול אין הלכה איז געווען אזוי שארף, אז אפילו אזא גרויסער מענש ווי ר׳ יוחנן איז מודה, אז ער קאן איהם קוים פארשטעהן[6]. איז נישט קיין וואונדער וואס מען טיטולירט איהם מיט׳ן נאמען „תנא״[7], און אפילו די גרעסטע חכמים רופען איהם „רבינו שבגולא״[8] און „בר פחתי״[9] — גרויסער מענש.

זיין געביטה איז אבער נישט געווען באגרעניצט בלויז אויפ׳ן הלכה־פעלד. ער איז אויך א גרויסער משורר, א פארפאסער פון תפילות[10], א מיטגליד פונ׳ם העכסטען אידישען טריבונאל — פון די סנהדרין[11], און דערצו א שטענדיגער באזוכער אין קעניגליכען הויף[12].

ער האט געלעבט אין א צייט פון אומרוה און שטורם. די שכנות׳דיגע פעלקער האבען געהאלטען אין איין אטאקירען דאס יהדות. מיט פאר־שידענע גזרות ותחבולות האבען זיי געוואלט איינברעכען דאס פעלזן־פעסטקייט פונ׳ם אידישען כאראקטער. דאס פאלק איז געווארען מיד, ערשעפט; נישט געהאט מעהר קיין כח אויסצוהאלטען. האט זיך טאקי אנגעהויבען מערקען א נאכגעביגקייט, א מין אנהויב פון רעזיגנאציע.

האָט דאַמאָלס רב — דער מנהיג און ראש — אָנגעהויבען זיין קאַמף פאַר יהדות. ער האָט אַ גרויסע ישיבה געגרינדעט[13], פאַרזאָרגט זיינע טויזענדער תלמידים מיט פרנסה[14] און מיט שלאָפען[15], אַבי זיי זיי זאָלען תורה לערנען. ער האָט אויך אָנגעהויבען עפענטליך רופען און מונטערן דאָס פאָלק, רופען זיי צו דויערהאפטיגקייט און צו קאַמף. זיינע פייערדיגע דרשות[16] האָבען מיטגעריסען די מאַסען, אַריינגעבלאָזען אין זיי פרישע האָפענונגען און פרישע יוגענד.

רב בקעה מצא וגדר בה גדר — ער האָט געטראָפען אַ וויסטען טאָל, אין גייסטיגען זין, און ער האָט אָנגעהויבען מתקן־צו־זיין אַלעס.

אמת איז, אַז עס איז געווען זעהר אַ שווערע אַרבייט. נישט איינמאָל האָט זיך יאוש און פאַרצווייפלונג אַריינגעכאַפּט אין זיין האַרץ. נישט איינמאָל האָט אַ וואָרים געטאָטשעט זיין געדאַנק, ווער ווייסט צי די מיה איז נישט אַרויסגעוואָרפען! — אין אַזעלכע מינוטען האָט איהם איין זאַך געטרייסט. דאָס איז געווען דאָס באַקאַנטע משל פון רבי עקיבא׳ן[17], אַז מיר אידען, זיינען געגליכען צו אַ פיש. אַזוי ווי דער פיש טאָר נישט אַרויס פונ׳ם וואַסער טראָץ דעם וואָס צעהנדליגער נעצען ווילען איהם פאַנגען, אַזוי טאָרען מיר נישט פאַרלאָזען אונזערע וואַסערען — די תורה.

רב צייר „כורא״ — פון דעם דאָזיגען משל פונ׳ם פיש האָט ער פרישע כחות געשעפּט, פרישען מוטה און אויסדויער אין דער מלחמת־מצוה פאַר תורה און יהדות.

* * *

די צייט איז דערוויל נישט געשטאַנען. די כחות האָבען זיך ביי איהם אויסגעפּלומפּט. אַלט, פאַרמאַטערט און געבראָכען, זעהט ער, אַז ס׳האַלט שוין ביי איהם, צום סוף. אַט, אָט, פאַרלאָזט ער דאָס זינדיגע וועלטעל. דער דור וועט בלייבען עלענד, אָהן אַ נאָכפאָלגער וואָס זאָל וויסען ווי אַזוי צו שטאַרקען און ווי אַזוי אָנצוצינדען אויסגעלאָשענע האָפענונגען. מען מוז טראַכטען וועגען איבערלאָזען עמיצען, אַ שטעל־פאַרטרעטער.

א״ל רב לר׳ שמואל בר שילת — מלמד תנוקות (רש״י) — רופט ער דעריבער צו זיך ר׳ שמואל׳ן, אַ מענש וואָס האָט זיך אָפּגעגעבען מיט חינוך און ערציהונג פונ׳ם יונגען דור. ער זאָגט צו איהם: — ר׳ שמואל, דו האָסט דאָך דעם צוגאַנג צו יוגענדליכע הערצער; ביזט דאָך

זייער פיהרער און ערציהער, וועהל איך דיך דערפאַר אויס אַלס מיין איינציגער ווירדיגער נאָכפאָלגער און פאַרטרעטער. איך בין זיכער, אַז דו וועסט פיהרען דאָס פאָלק אויף די וועגען וועלכע איך האָב אין מיין לעבען אָנגעצייכענט.

אחים בהפסידא — ווען דו וועסט זיך אפילו געפינען אין אַ צייט פון „הספד״ — ס'וועט זיך דוכטען, אַז אַלעס איז טויט... נישטאָ מעהר קיין האָפענונג — בלייב, אויך דאַן, נישט פאַרצווייפעלט. צעוואָרעם דיך ערשט דאַמאָלס. גורט אָן דיינע לענדען. ציה אַרויף אויף דיין געזיכט אַן אויסדרוק פון באַגייסטערונג, פון התלהבות, און אין אַט אַזאַ צושטאַנד ערשיין פאַר'ן פאָלק. זאָלען דיך אַלע אַזוי זעהן און אויך באַאיינפלוסט ווערען צום גוטען...

* * *

דהתם קאימנא — זאָל דיך שטאַרקען דאָס באַוואוסטזיין, אַז דו ביזט נישט דער ערשטער אין אַזאַ לאַגע. אויך איך בין געווען נישט איינמאָל אין אַזאַ שווערער דעפּרעסיע. כ'האָב געפיהלט און איבערגעלעבט אַזעלכע מורה'דיגע אינערליכע יסורים, און דאַך, בין איך געשטאַנען פעלזען־פעסט און מוטהיג; געשטאַרקט מיט'ן בטחון, אַז גאָט וועט זיכער העלפען, ווייל נאָכאַלעמען איז אַלעס וואָס ער טוהט, צום גוטען[18], און מיר אידען זיינען איבער אַלע מזלות[19] און מיר מוזען זיגען...

* * *

מקברו של רב היו נוטלין לאשתא צמירתא בת יומא — דורות זיינען פאַרביי; באַגראָבען אונטער זיך וועלטען גאַנצע; מענשען האָבען געלעבט, געקעמפט און — געשטאָרבען. נייע מענשען זיינען געבוירען געוואָרען, געלעבט, געקעמפט און — ווייטער געשטאָרבען... — אַזוי האָט זיך דאָס רעדעלע פון וועלט געדרייט. רב איז שוין לאַנג אויף דער וועלט נישט געווען. אַ קליינער גרויער קבר האָט איהם געהאַלטען אין זיך. זיין השפעה האָט אָבער נאָך אַלץ געלעבט. מען האָט איהם געדענקט. ווער עס איז „געשטאַנען אויף זיין קבר״ — זיך דערמאָנט אין זיינע קאַמפען און אין זיינע באַמיהונגען פאַר'ן קיום הדת; קיינמאָל נישט זייענדיג נאָכגעלאָזט, פאַרזאָרגט,

נאָר כסדר רופענדיג, וועקענדיג און פאַרטרייבענדיג די וואָלקענס פון דעפּרעסיע און יאוש, פון זיך און פון'ם פאָלק.

ווער עס האָט זיך אין דעם אַלעמען דערמאָנט, האָט אין דעם גע־פונען גענוג אָנלעהן און רפואה צו די פאַרשיידענע „צייט־קראַנקהייטען" וואָס לאָקערען אויף דער נשמה פון'ם איד און ווילען איהם אין די אָפּגרונטען פון פאַרניכטונג אַריינשליידערען...

* * *

1) חולין נד.
2) כתובות נב סנהדרין ה.
3) חולין קלז.
4) סנהדרין ז.
5) ירושלמי ברכות פ"ד, א.
6) חולין קלז.
7) עירובין ג.
8) מגילה כט.
9) ברכות יג. מו"ק ט — הי' נשוא פנים בעיני הזקנים.
10) ברכות טז.
11) גיטין נט.
12) ע"ז ו.
13) ירושלמי ב"ב פ"ה, יומא כ.
14) כתובות קו.
15) ברכות כה.
16) סנהדרין נז.
17) ברכות סא.
18) ברכות ס.
19) שבת קנו, נדרים לב. — אין מזל לישראל.

דער קאַמף אַרום דעם „סורג״

לפנים ממנו סורג גובה י׳ טפחים, וי״ג פרצות היו שם, שפרצום מלכי יון וכשגברו החשמונאים חזרו וגדרום (מידות פ״ב משנה ג, שקלים פ״ג מ״ב)

דער סורג — זאָגען די חז״ל — איז געווען אַ דין ווענטעלע אויף וועלכען עס איז געשטאַנען אָנגעשריבען: „עכו״ם אל יכנסו בו״.[1] ביז צו דעם ווענטעל האָבען גויים געמעגט קומען צוגלייך מיט אידען. פון דאָרט אָן און ווייטער, האָבען נאָר אידען געמעגט געהן, פאַר גויים איז דאָס אַריבערטרעטען געווען פאַרבאָטען.

האָט דאָס דאָזיגע, דערמאַנט יעדען אידען, וואָס האָט באַזוכט דעם מקדש, אַז ער טאָר נישט פאַרגעסען אין זיין אָבגעזונדערטקייט און אייגענאַט. ער מעג זיך חבר׳ען מיט פרעמדע,[2] זיין צו זיי פריינדליך און טאָלעראַנט,[3] ער טאָר אָבער נישט פאַרגעסען אָפּצוהיטען אין זיך —אין דעם מקדש פון זיין האַרצען—אַ קליין ווינקעלע וואָס זאָל זיין ריין, אידיש, אָפּגעטיילט און אָפּגעזונדערט פון דעם דרויסענדיגען נישט־אידישען. מיט אַ מחיצה זאָל ער דאָס דאָזיגע ווינקעלע אַרומצוימען... און אויפשרייבען זאָל ער דאָרט: „עכו״ם אל יכנסו בו״. — דאָס פרעמדע, נישט־אידישע, קען געפינען אַן אָרט אומעטום, אין אַלע ווינקעלעך פון זיין מוח, נאָר נישט אין דעם אויסגעהיטענעם ריין־אידישען ווינקעלע. דאָרט אַהין, טאָר ער נישט אַריינלאָזען דעם מינדעסטען שפור פון דרויסען; בלויז הייליג, בלויז אידיש געפיהל, בלויז אידישער „איך״. יעדעס ברעקעלע, יעדעס פינטעלע פון אידישקייט וואָס ער געפונט אין זיך, זאָל ער דאָרטען אַריינלייגען, באַהאַלטען און אָפּהיטען.

און ווען דאָס פאַרשייטע לעבען וועט איהם וועלען אַראָפּשלעפּען פונ׳ם גלייכען וועג, פרעמדע וועלטען וועלען איהם רייצען און רופען, דאַמאָלס, זאָל ער אַריינבליקען אַהין, אין זיין הייליג ווינקעלע אַריין, אַרויסנעמען פון דאָט אַ שטיקעלע איד... אַ ברעקעלע אידיש געפיהל און דערמיט אויסוואַשען די פאַרשמירטע הערטער אין זיין נשמה...

דאָס האָט דער איד געלערענט, זעהענדיג דעם סורג אין מקדש.

די יונים, אין זייער קאַמף צו אַסימילירען דאָס פאָלק[4] האָבען דאָס ערשטע געפונען פאַר נויטיג אַרונטערצורייסען דעם סורג; פאַנאַנדערצוּוואַרפען דאָס דאָזיגע ווענטעל און ווייזען דערמיט, דעם פאָלק, אַז אַנדערע צייטען זיינען געקומען. די צייט פון אויפהאַלטען אייגענאַרט און ספּעציפישקייט, איז פאַרביי. מען דאַרף זיך אָנהויבען אויסמישען, איינלעבען און צוזאַמענלעבען מיט די גוי׳אישע שכנים. מיט דער צייט זאָלען אַלע צונויפגעשמאָלצען ווערען אין איין גרויס יונ׳יש פאָלק, מיט איין־און־דיע־זעלבע קולטור אינטערעסען[5]. — אַזוי האָבען זיי געוואָלט לערנען דעם פאָלק בשעת זיי האָבען דאָס לאַנד באַזיגט.

וי״ג פרצות פרצו בו — דרייצען שפּאַלטען, אַנטקעגען די דרייצען עקרי־הדת. זיי האָבען געמיינט אויף אַן אמת, אַז מיט גבורה און פיזישער איבערמאַכט וועט זיי געלונגען איינצונעמען די נשמות פונ׳ם פאָלק ישראל.

וכשגברו החשמונאים חזרו וגדרום — די העלדישע חשמונאים, וואָס האָבען אונטערגענומען זייער ריזיקען קאַמף, כדי צו ראַטעווען אידישקייט און אידיש לעבען[6], האָבען פאַרשטאַנען, אַז די ערשטע און וויכטיגסטע אַרבייט, נאָכ׳ן זיג, איז, אויפצובויען דאָס איינגעפאַלענע מחיצה׳לע — סימבאָליש — לערנען דערמיט דעם פאָלק, אַז ווייטער דאַרף דער איד אָפּהיטען זיין אייגענעם פרצוף, זיין אָריגינעל אייגענאַרטיג אויסזעהן. ער טאָר נישט אַריינלאָזען צו זיך קיין פרעמדע השפעות, ווייל נאָר דאָס איז דער סוד פון קיום היהדות...

* * *

1) כלים פ״א משנה ח.

2) נתפרדה החבילה — גיטין נט. ע״ז יא.

3) מפני שבה תקום, אפילו מפני ארמאי — קידושין לג. מפרנסין עניי עכו״ם עם עניי ישראל — גיטין סא. מקבלים קרבנות מעכו״ם — זבחים, ועוד.

4) ויקרא רבה פ״יג, ר״ה יח.

5) שם ובחשמונאים יד, לג.

6) בחשמונאים יא, ח. מגילה יא. מגילת תענית פ״ח. יומא טז.

אהבת ה׳ און יראת ה׳

בשעה שהוציאו את ר״ע להריגה, היה מקבל עליו מלכות שמים בקריאת שמע, א״ל תלמידיו, רבינו עד כאן! א״ל כל ימי הייתי מצטער מתי יבא לידי ואקיימנו (ברכות ס״א)

אַ גרויסער מענש, אַז ער קומט צו די מאַסען און וויל זיי באַקענען מיט אַן אידעע אָדער שיטה פאַר וועלכער זיי זאָלען קעמפען, מוז ער צו זיי ריידען אין אַ לייכטער שפּראַך. ער טאָר נישט צוגלידערען און פאַנאַנדערלייגען פאַר זיי אַלע שרייפעלאַך און טיילען פון דעם ריזיגען געבוי פון דער אידעע. ער דאַרף זיי לערנען דעם „אלף־בית״, דעם אַנהויב; דאָס וואָס איז קורץ און טרעפליך, נישט דאַרפענדיג זיך גריבלען און מאַטערען, נאָר לייכט דערפיהלען און אָנטאַפּען מיט דער האַנד.

די מאַסען וועלען קיינמאָל נישט פאַרשטעהן די אַלע טיעפקייטען און הויכקייטען, וועלכע פאַרנעמען דעם געדאַנקען־גאַנג פון דעם פיהרער, וועלכע לעבען אין זיין בלוט און צינדען אין איהם אַ ברענענדע ליעבע צו מסירת־נפש.

דאַגעגען, וועלען זיי יאָ פאַרשטעהן די אידעע, פון איהר נעגאַטי־ווער זייט. זיי וועלען פיהלען די ברכה פון איהר אָנקום, דורך דער קללה, וואָס זיי טאַפּען אָן, מיט די פינגער איצטער איידער זי איז דאָ.

און נאָר זייער איבערצייגטע נויטווענדיגקייט צו באַזייטיגען דאָס איצטיגע שלעכטע, די מורא פאַר דער געגענוואַרט וועקט אין זיי אַ מסירת נפש צום קאַמף פאַר דער נייער אידעע און אָרדענונג.

בנוגע דער שיטת היהדות, זיינען אויך פאַראַן די זעלבע צוויי פאַרשיידענע באַגריפען:

ס׳איז פאַראַן די ערנסטערע, טיפערע השקפת היהדות, וועלכע נעמט אַרום איהר גאַנצען היקף אַלע איהרע יסודות, אַלע איהרע פאַרבאָרגענע שטעגעלאַך, מיט וועלכע מען קען אַרויפקלעטערען אין די העכסטע הימלען פון השגה. אַזאַ מין בליק אויפ׳ן יהדות, פאַר־

פלאַנצט אין מענש אַ געוואַלדיגע ליעבע צו איהר. אַ ליעבע וואָס פלייצט אַרויס פונ׳ם באַוואוסטזיין און פילט אָן זיינע אַלע אָדערען און בלוטען מיט ברענענדער תשוקה צו מסירת-נפש, אפילו פאַר אַ „קוצו של יוד״.

אין דער תלמודישער ליטעראַטור ווערט אַזאַ מדרגה אָנגערופען: „מסירת־נפש מחמת אהבה״[1].

פאַראַנען איז אָבער, אַ צווייטע, איינפאַכע השגה, וועלכע באַגרע־ניצט זיך בלויז מיט׳ן וויסען, אַז „ד׳ אלקינו ד׳ אחד״. — דאָס איז דער רעליגיעזער אָנהאַלט פון יעדען פשוט׳ען איד. ער איז נישט קיין בעלן צו מאַטערען זיין מוח אין די קליינע אותיות׳לעך. זאָלען זיך אַנדערע גריבלען דאָרטען. ער ווייסט איין זאַך: אַז ס׳איז דאַ אַ גרויסער גאָט אין הימעל, וואָס וואַכט איבער איהם און אַלעמען, וואָס שיצט די וואָס גלויבען אין איהם. איז דעריבער, דאַרף מען איהם לויבען און דיענען; מוז מען זיך מוסר־נפש־זיין פאַר איהם, ווייל אָהן איהם איז אַ מורא אַ פחד...

דאָס איז די מדרגה פון „מסירת־נפש מחמת יראה״[2].

ר׳ עקיבא, דער גרויסער אידישער פאָלקס פיהרער, וועלכער האָט זיך נישט בלויז אָפּגעגעבען צום ענגען קרייז פון אנשי מעלה ויחידי סגולה, נאָר האָט אויסגעשפרייט זיין לעהרע פאַר די ברייטע פאָלקס־מאַסען[3] ער, דער אונערמידליכער קעמפער און שטורמער[4], האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז אין אַזעלכע אומרוהיגע צייטען דאַרף מען קודם־כל רופען דאָס פאָלק צו קידוש השם; דאַרף מען אָנוואַרעמען זייערע הערצער מיט ווילען און גרייטקייט צו מסירת־נפש. האָט ער דעריבער הויך און פייערליך אויסגערופען „שמע ישראל ד׳ אלקינו ד׳ אחד״ — די זעלבע פשוט׳ע ווערטער, וואָס אַלע פאַרשטעהן און וועלכע אַלע האַלטען פאַר׳ן יסוד היהדות.

די תלמידים, שטעהענדיג דערביי, וואונדערען זיך: רבינו עד כאן?! — דו דאַרפסט דאָך נישט בלייבען שטעהן ביים „שמע ישראל״, דיין מסירת־נפש פלייצט דאָך אַרויס פון אַ טיעפערער, גרינדליכערער השגה; פון אַ קלאָרען, אַ דורכגעטראַכטען און דערגרונטעוועטען הויכען באַוואוסטזיין, וואָס זויגט אויס דעם גאַנצען אינהאַלט און גיסט איהם איבער אינ׳ם בלוט און אין דער נשמה פון וועלכער עס שלאָגט

דערנאָך אַרויס, אַ דאַנק דעם, אַ קוואַל מיט ברענענדיגער ליעבע און זעלבס־אָפּפערונג.

דו, גרויסער מענש, נידערסט גאָר אַראָפּ פון דער אַהבת־ד׳־מדרגה, צו דער המונ׳ישער מדרגה פון יראת־ד׳? !...

ענטפערט רבי עקיבא:

כל ימי היתי מצטער מתי יבא לידי ואקיימנו — כ׳האָב תמיד געשטרעבט צו מאַכען מקיים זיין אַנדערע, פשוט׳ערע פון מיר. נישט געגוג איז פאַר גאָט, מיין קרבן אַליין. מען דאַרף אויך מיטרופען די גאַנצע מאַסע. זאָלען זיי הערען אַזאַ שפּראַך, וואָס איז זיי נאָענט; וואָס איז פאַר זיי לייכט צו פאַרשטעהן, און דאַמאָלס וועלען זיי אויך נאָכטאָהן מיין משל — זיך וואַרפען מיט מסירת־נפש אין די פייערען און אונטער די מעסערס פונ׳ם שונא און דערמיט גרויסען דעם נאָמען פונ׳ם אלקי־ישראל און פון זיין תורה.

* * *

1) יעיין ראשית חכמה שער האהבה פ״א, ספרי דברים סי׳ מא ומח, זהר בראשית מד.

2) ספרי דברים לב, סוטה לה.

חלום און וואָהר

וידבר שלשת אלפים משל ויהי שירו אלף וחמשה (מלכים א׳ ה)
וד׳ נתן חכמה לשלמה (שם)

פון צוויי פאַרשידענאַרטיגע טיילען שטעלען זיך צוזאַמען די ליטעראַטורען פון פעלקער און לענדער: פון פּאָעזי און פון פּראָזאַ.

די פּאָעזי בילדעט די טייל, אין וועלכער עס קומען צום אויסדרוק אַלע חלומות און באַגעהרען, אידעען און שטרעבונגען פון די פאַרשי־דענסטע טרוימער און דיכטער, וועלכע זוכען צו פאַרשענערען און פאַרבעסערען דעם עתיד פון זייערע פעלקער.

זי איז דערפאַר די פאַרשטעהרין פון טרוים, פון צוקונפט־וויזיעס; פון דעם וואָס דאַרף און זאָל זיין, אָבער איז נאָך נישט.

דאַגעגען די פּראָזאַ שטעלט מיט זיך פאָר דעם באַשייד פון די טרוימען — דאָס לעבעדיגע בילד פון דעם אַלעם, וואָס האָט שוין באַ־קומען ממשות אין רעאַלען לעבען, אויף דער גאַס און צווישען מענשען.

די פּאָעזי איז תמיד העל, פול־בלוטיג און אויפגעלאָפען, מיט פאַרריסענע השגות. ס׳שלאָגט פון איהר אַרויס דאָס, וואָס דער מענש־ליכער געדאַנק גלוסט נאָך איידער די פאַרוויקעלטע אומשטענדען פונ׳ם לעבען האָבען זיי פאַרניכטעט.

די פּראָזאַ איז שוין דערפאַר בלאַסליך, טרוקען, און אַמאָל, אפילו אומעטיג. זי ווייזט, אַז די ווירקליכקייט איז אַ סך, אַ סך, אונטער־שטעליג צו דעם אַלעמען וואָס פאָדערט און וואונשט זיך דער בוך, דער פערז, אָדער דער אַרויסגעזאָגטער געדאַנק פונ׳ם פאָלקס־נביא.

גאַנץ אַנדערש איז עס, ווען ס׳איז נוגע דעם יהדות, דער תורה.

אמת, נישט אַזוי לייכט איז אָנגעקומען אַריינצובריינגען אין לעבען אַריין פון פאָלק, די אַלע אידעען און שטרעבונגען וואָס פאַרשידענע נביאים האָבען געפּרעדיגט במשך אונזען לאַנגען היסטאָרישען וועג. אָבער, סוף־כל־סוף, ווען זיי זיינען שוין יאָ פאַרפלאַנצט געוואָרען איב׳ם פאָלק, האָבען זיי זיך פאַנאַנדער געבליהט, צוואַקסען און אויסגעבויט

אין אַ רייכערען, ברייטערען און פאַרביגערען פאַרנעם, ווי עס האָט זיי געזעהן אין דער מחשבה זייער שעפּפער און ערשטער אַרויסזאָגער.

דאָס ערשטע מאָל אין אונזער געשיכטע, ווערט דער דאָזיגער געדאַנק און וואונדערליכער אמת דערצעהלט דורך שלמה המלך.

ויהי שירו אלף וחמשה — זיין ליעד, וואָס דרוקט אויס די טיעפּ־סטע אינערליכע באַגעהרען און פאַרלאַנגען, האָט דערגרייכט ביז טוי־זענד מיט פינף — גענוג הימעל־הויכע השגות.

און דאָך —

וידבר שלשת אלפים משל — די טייל, וואָס ברייגגט אַרויס דאָס משל — די אָפּשפּיגלונג פון דעם אַלעם, וואָס איז פאַרווירקליכט געוואָרען, וואָס איז שוין געקומען צום אויסדרוק אין רעאַלען לעבען — דאָס ממשות'דיגע, שוין עקזיסטירענדע — האָט איבערגעשטיגען דעם געדאַנק, איז איהם פאַרלאָפען דעם וועג און געוויזען אַ ריזיגען אומגלויבליכען ערפאָלג און איבערוואוקס.

די סיבה דערפון איז געווען, ווייל —

וד' נתן חכמה לשלמה — נישט מיט אייגענע כחות האָט ער זיינע געדאַנקען אויסגעוועבט. נאָר אַ דאַנק דער השפעה פון גאָט, פון זיין תורה; דאָס געטליכקייט האָט קערנער אין זיין מוח פאַרזייעט. פון זיי זיינען זיך צוואַקסען און צובליהט די אַלע פרוכטען וועלכע ער האָט שפּעטער פון זיין געדאַנק אָפּגעריסען און אַוועקגעשענקט זיי, דעם אידישען פאָלק . . .

דאָס געשריי פון בלוט

כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים.

ווי אַזוי נאָר דער קליינער איד עפענט אויף זיינע אייגעלעך און קוקט אַן גאָט׳ס וועלטעל, לערענט מען איהם שוין ווי אַזוי קרבנות צו ברייגגען. ער ווייסט נאָך נאָרנישט, פאַרשטעהט נישט און הערט נישט און שוין, שניידט מען שטיקער פון זיין קערפּערעל, נאָר דערפאַר בכדי איהם אויסצולערנען די תורה פון ליידען, פון ווייטיגען און פון אָפּ־געהן אין אייגענעם בלוט.

כשם שנכנס לברית, כן יכנס לתורה — בשעת עס צאַפּעלט און פּישטשעט דאָס קינד פאַר צער און יסורים, זאָגט מען איהם:

יונגער איד! זיי וויסען, אַז דאָס איצטיגע איז בלויז אַן אָנהויב, אַן אַריינגאַנג! וואַרט!... ווען דו וועסט עלטער ווערען, דיין שכל וועט זיך רייפען, וועסט גלוסטען און דאַרשטען נאָך תורה — נאָך בילדונג; וועסט פּרובירען אויפעפענען די טויערען פון אוניווערזיטעטען, אַריינצו־געהן אַהין, אויך אַביסעלע צו געניסען פון דעם „עץ הדעת" וואָס די מענשהייט פאַרמאָגט — געדענק! אַז מען וועט אויף זיבען שלעסער אַט די טויערען פאַר דיר פאַרשליסען. נישטאָ קיין אָרט פאַר קיין איד, וועט מען דיר זאָגען! אויב דו וועסט זיך אפילו געפינען אין אַ לאַנד וואו ס׳וועט דיר יאָ געלונגען אַריינצוקומען אינענווייניג, וועלען דיך אויך נישט קיין אַפּלאָדיסמענטען באַגעגענען! — בייזע בליקען, קרומע מינעס, איינגעהאַלטענע שנאה וואָס שלאָגט אַרויס פון אַלע ווינקעלעך, נישט־פאַרגינערישקייט, אַט דאָס אַלעס וועט דיך דאַרטען ווי אַ בייזער שאָטען פאַרפאָלגען!

ס׳וועט דאָס צווייטע מאָל דיין בלוט רינען און רינען!...

ולחופה — שפּעטער, ווען דו וועסט אַ ביסעל עלטער ווערען, געפינען פאַר זיך אַ לעבענס־חבר, און ממילא אָנהויבען צו טראַכטען וועגען אויפבויען פאַר זיך אַ שטיקעלע היים, אַ היימיש משפחה־ווינקעל, וועסטו דאָך אַן אָנהאַלט זוכען, אַ מאַטעריעלע מעגליכקייט פאַר דעם

אַלעם — דאַמאַלס וועט זיך ערשט פאַר דיין אויג אַנטפּלעקען די מלחמת־החיים, וואָס באַגעגענט דעם איד אין דער וועלט פון ביזנעס און אינדוסטרי.

אומעטום, וואו דיין אויג וועט זיך ווענדען, וועלען מויערען שטעהן אַנטקעגען. דיקע, הויכע, מויערען, וואָס פאַראורטייל און ראַסען־שנאה האָבען זייער ליים געקנעטען, זייערע שטיינער געטעסעט, און דערנאָך שטיין אויף שטיין געלייגט און אָט די דיקע מויערען באַשאַפען. דו וועסט זיך פיהלען אומשולדיג, נישט פאַרשטעהן פאַרוואָס קומט דיר דאָס. אָבער קיינער וועט דיך נישט מיטפיהלען. איינער אַליין וועסטו זיך שטיקען אין די ענגע געטאָס פון עקאָנאָמישע דיסקרימינאַציעס. פאַרצווייפעלט און פאַרביטערט וועסטו זיין.

און נישט איינמאָל וועט דיר אויסקומען, אַז אפילו אין דיין אייגע־נער היים וועסטו קיין רוה נישט געפינען.

דעם „דזשאָב" וועסטו האָבען שוין פון לאַנג אָנגעוואוירען. די צוויי בייזע חברים פון אַלע אָרימע, וואָס רופען זיך מיט די נעמען: „הונגער" און „נויט", וועלען זיך צוביסלאַך אַריינשאַרען אין דיין היים. מיטברייינגען מיט זיך דעם באַקאַנטען אומעטיגען שטיל־שווייגען, וואָס מ'זעהט אַזוי אָפט אויף די פנים'ער פון מענשען, וואָס האָבען אָנגע־וואוירען האָפענונג. אַ שטיל־שווייגען, וואָס שרייט און צוברעכט הערצער. ווייב און קינדער וועלען אַרומגעהן מיט פאַרשטיקטען טרויער און צווייפעל. דו וועסט פּרובירען נאָך אַמאָל אַרום לויפען איבער די „איידזשענסיס", אָבער דיין „אידישע נאָז" וועט דיר אַלץ שטעהן אין וועג צום „דזשאָב"...

עס וועט נאָכאַמאָל רינען דיין בלוט, ווי ביים ברית־מילה...

ולמעשים טובים — וועסט שוין זיין אַ פאַרזאָרגטער. גאָט וועט דיר העלפען און דו וועסט שוין האָבען אַ שטיקעל מאַטריעלען יסוד אונטער די פיס. וועט זיך דיר דאַמאָלס גלוסטען צו טאָהן עפּעס פאַר אַנדערע, פאַר אַזעלכע וואָס דאַרפען הילף. עס וועט זיך דיר דאַכטען אַז טאָהן פאַר אַזעלכע איז אַ גרויסע מצוה. וועסטו אָנהויבען באַלאַנגען צו אינסטיטוציעס, שאַפען און לייסטען פאַר'ן כלל מיט מעשים־טובים. וועסטו דאָך מיינען, אַז אויף דעם געביטה כאָטש, וועט מען דיך באַגע־גענען מיט ליבליכע בליקען, אַ יישר־כח אַמאָל צו וואַרפען. אַ קליינִיג־

קייט אַביסעל! ביזט דאָך מקריב טעג און נעכט, לעבען און געזונט פאַר'ן כלל. פּאַרוואָסזשע זאָל מען דיר נישט טאָהן אַזאַ קליינע גע־פעליגקייט? — אַזוי וועסטו זיכער טראַכטען...

זאָלסט דו וויסען, אַז לעבסט אין טעות! מען וועט דיר שטיינער לייגען אויפ'ן וועג, שטערונגען אַנטקעגען טראָגען. וועסט באַוואָרפען ווערען מיט טענות ומענות. פון בייזע צונגער וועסטו ווערען באַרעדט, באַשמוצט און, אויפ'ן בעסטען פאַל, אויסגעלאַכט. פּרואוו נאָר זיך צוצוריהרען צו מעשים־טובים — טאָמער וועט זיך נאָר געפינען אין דיר אַ ביסעל בלוט, וועט מען עס אויסצאַפּען...

* * *

כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים.

כשם שנכנס לברית — פונקט ווי מיט דעם מקיים זיין די מצוה פון ברית־מילה האָט מען אויף זיך גענומען אַ מצוה, וועלכע מען וועט שוין קיינמאָל נישט קענען אַראָפּנעמען פונ'ם גוף... די מצוה בלייבט אייביג אויפ'ן קערפּער...

כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים — אַזוי זאָל גאָט העלפען, אַז דאָס אידישקייט וואָס דאָס קינד וועט זיך ערווערבען שפּעטער, זאָל ביי איהם בלייבען צוגעקלעפּט אויף אימער און אייביג, — פונקט ווי עס איז די מצוה פון ברית־מילה... (כתב סופר)

* * *

דער מענש איז קיינמאָל נישט זיכער מיט זיין אידישקייט און מיט זיינע מצוות. ער האָט געקענט אָפּלעבען יאָהרען־לאַנג אַלס פרומער איד און מיטאַמאָל זאָל אין איהם אַריין אַ רוח שטות, און ער זאָל פון זיך אַראָפּוואַרפען אַלעס — סיידען ער האָט שוין ביי „רוב שנותיו", ווי די חז"ל זאָגען: „כיון שעברו רוב שנותיו של אדם ולא חטא שוב לא יחטא".

דערפאַר — זאָגט די וועלט — גיט דער מלאך המות אַוועק די געבליבענע יאָהרען צו אַ מעביר־על־מדותיו, כדי ס'זאָל ביי דעם פרומען מעביר־על־מדותיו נאָך נישט זיין קיין „עברו רוב שנותיו" און ממילא וועט ער נאָך האָבען האָפענונג איהם אַראָפּצופיהרען פונ'ם גלייכען וועג...

אַפּגעזונדערט אָדער אויסגעמישט

תניא ר׳ שמעון העמסוני היה דורש וכו׳ כיון שבא לאת ד׳ אלקיך תירא, מיד פירש, עד שבא ר׳ עקיבא ודרש: את ד׳ אלקיך תירא — לרבות תלמידי חכמים. (פסחים כב:, בכורות ו.)

ר׳ שמעון איז געווען אַ מענש, וואָס האָט זעהר פיעל צייט אַוועק־געגעבען פאַר לערנען און פאַרשפּרייטען תורה. הונדערטער תלמידים האָט ער מעמיד געווען. גע׳דרש׳נט פאַר׳ן פאָלק די געזעצען פון גאָט — ר״ש היה דורש . . .

ווען ער האָט אָבער, אַמאָל זיך פאַרטראַכט און געזוכט אין זיך דאָס שלימות, דעם ענד־ציעל, צו וועלכען אַ מענש פון זיין ראַנג דאַרף גרייכען, האָט ער גאָר אויסגעפונען, אַז מען דאַרף אַביסעל מעהר אָפּגעבען זיך צו דער אייגענער נשמה, אָנצוגרייטען זיך אַליין אַביסעל מעהר תורה ומצוות, און נישט מבטל זיין צייט מיט אַנדערע, פרעמדע מענשען. בעסער וועט ער וואָס מעהר בלעטער גמרא אַריינ־כאַפּען, וואָס מעהר און מעהר קונה־שלימות זיין; שטייגען און קלעטע־רען אַרויף, גאָר אַרויף . . . נאָכוואָס שענקען אַזוי פיעל צייט פאַר פּראָסטע מענשעלאַך, קנעלען מיט זיי אַזעלכעס, וואָס איז פאַר איהם קליינליך און צו גרינג? נישטאָ מעהר קיין צייט דאַרויף! מען דאַרף זיך אַליין אין זינען האָבען —

כיון שבא לאת ד׳ אלקיך תירא, מיד פירש — ער האָט זיך דער־שראָקען; געמיינט, אַז ביז איצט איז ער געשטאַנען אויף איין אָרט, האָט ער זיך דערפאַר צוריקגעצויגען צו זיך, אין די אייגענע ד׳ אמות פון תורה.

עד שבא ר׳ עקיבא ודרש:

את ד׳ אלקיך תירא — אויב דו ווילסט טאַקי צוקומען צו דער העכסטער מדרגה פון יראת ה׳ אויב דו ווילסט פאַר דיר איינקויפען שלימות; שטרעבסט צו דערגרייכען דעם ענדע־ציעל פונ׳ם אידיש־קייט; צום תכלית, וועלכען גאָט פאַרלאַנגט פון דיר, דאַן —

לרבות תלמידי חכמים — דאָן פאַרשפּרייט וואָס מעהר תורה צווישען פאָלק. לערען זיי וואָס מעהר די געזעצען פון גאָט. פאַר־ברענג צווישען זיי וואָס נעהנטער און וואָס אָפטער. נישט צוריקציהען זיך און זיין פאַרשלאָסען וויל גאָט, נאָר אדרבא, וואָס מעהר תלמידים מעמיד זיין.

לרבות תלמידי חכמים — מעהרען און גרעסערען די צאָהל תלמידים, אָט דאָס, איז דער וועג צו „את ה' אלקיך תירא" — צום תכלית און ציעל פונ'ם אידישקייט. נאָר אַזוי אַרום געהט מען אויף די וועגען צו השלמה...

* * *

קדושים תהיו כי קדוש אני (קדושים יט)

קדושים תהיו — זייט קדושים, אָבער נישט קיין פּרושים. נישט אָפּגעשייד און אָפּגעזונדערט פון דער וועלט . . .

כי קדוש אני ה' — אוידאָיך בין אַ קדוש און פונדעסטוועגען גיב איך זיך אָפּ מיט אַלעמען, אינטערעסיר זיך מיט'ן לעבען און בין אין צענטער פון לעבען — מלא כל הארץ כבודו — אומעטום און איבעראַל... (כתב סופר)

* * *

פון וואַנען שטאַמט דאָס ווערטעל: „אַ צדיק אין פעלץ"?

די באַדייטונג דערפון איז אַזוי — זאָגט דער קאָצקער רבי, זצ"ל — בשעת עס איז קאַלט, זיינען פאַראַנען צוויי מיטלען, ווי אַזוי אָנ־צעוואַרעמען זיך: אָדער מען הייצט איין דעם אויווען, אָדער מען טוהט זיך אָן אין גראָבען וואַרעמען פעלץ. אין ערשטען פאַל ברענגט מען דערמיט נוצען, נישט בלויז פאַר זיך, נאָר אויך אַנדערע. עס ווערט דאָך וואַרעם פאַר אַלעמען וואָס געפינען זיך אין שטוב. דאַגעגען, אין צווייטען פאַל, ווערט וואַרעם בלויז איהם אַליין... דעם בעל הבית פון פעלץ...

פאַראַן, ליידער, אַזעלכע צדיקים, וועלכע זאָרגען דער עיקר, אַז זיי זאָלען זיין וואַרעם... אָפּזונדערענדיג זיך און פאַרזאָרגענדיג זיך מיט וואָס מעהר מצוות; דער עיקר גייט עס זיי, אַז זיי אַליין זאָלען זיין אין אָרדנונג מיט'ן רבונו של עולם, — דער כלל־ישראל אינטערעסירט זיי נישט... אַזעלכע צדיקים הייסען אמת'ע „צדיקים אין פעלצען"...

דיני פסח—אַ קוואַל פון מאַראַל און עטיק

איד! ווען דו זיצט איבער'ן שולחן ערוך און לערענסט, זאָלסטו נישט זעהן דאָרטען בלויז טרוקענע דינים, לאַנגווייליגע דאָגמען, וואָס זיינען באַגרעניצט און אַקטועל בלויז אויפ'ן הלכה-געביט. גראָב אַביסעל טיפער, קוק אַריין אין זייער סימבאָלישען מיין, וויל פאַרשטיין די נשמה, דעם עטישען תוך זייערען. דאַן וועסטו איבערראַשט ווערען, געפונענדיג אין די פשוט'סטע דינים, די העכסטע מאָראַל-עטישע פערל.

און כדי קלאָהרער צו מאַכען פאַר דיר מיין כוונה, לאָמיר זיך אַנידערזעצען, ווי צוויי חברים, און לאָמיר צוזאַמען אַדורך לערנען עטליכע הלכות אין עניני פסח, און אדרבא, זעה אַליין, און וואונדער זיך, ווי אַזוי פון האַרטער און שטיינערדיגער הלכה-ערד, קענען אַרויסשלאָגען די וואונדערליכסטע קוואַלען פון מוסר און מידות.

(א)

דער ערשטער געבאָט פאַר אַ מענש, וואָס וויל מאַכען סוקסעס אין לעבען איז, נישט צו זיין געאיילט און אונבאַרעכענט. נאָך יעדע זאַך, יעדען טאַט, פריער איבערלייגען, פאַנאַנדערגלידערען און גוט אַדורך טראַכטען[1]. ערשט דערנאָך דאַרף מען ציהען די שלוסען און דעצידירען וואָס צו טאָהן.

דער קלוגסטער מענש איז נישט בכח, אויף אָרט-און-שטעלע, אַרומצונעמען אַ סיטואַציע און דערגרונטעווען איהרע מעלות און איהרע פעהלערען אויף אַזוי פיעל, אַז ער זאָל קענען אַרויסגעבען אַ מיינונג אָדער באַשליסען ווי אַזוי צו האַנדלען[2]. עס מוז נעמען צייט און געדולד[3], און ערשט דאַן ווען עס איז שוין פון לאַנג פאַרביי דער ערשטער אימפּאַלסיווער אויפפלאַם פון חשק און באַגייסטערונג, מען קוקט שוין מעהר-ווייניגער ניכטער און אָביעקטיוו אויף דער זאַך, — ערשט דאַן, קען מען זיך דעצידירען, וואָס צו טאָהן.

דאַכט זיך, אַז מיר לערנען דאָס אויבען-דערמאַנטע אין די דיני פסח.

אין לשין את המצה אלא במים שלנו[4] — אויב דו גייסט טאָהן אַ זאַך, טוה עס נישט פלוצים, מיטאַמאָל, אָהן פריהערדיגע הכנות, נאָר גרייט זיך צו פון פריהער, ווייס שוין פון נעכטען, וואָס דו וועסט טאָהן מאָרגען, ווייל אַ סך מאָל טרעפט זיך, אַז—

לינת לילה פוגמת[5] —עס נעכטיגט איבער ; עס געהט אַוועק דער ערשטער חשק, דער ערשטער בריה. מען איז באַרוהיגט, איז מען מעהר אָביעקטיוו, באַטראַכט מען ניכטערער די זאַך און עס ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז דאָס,וואָס איז נעכטען געווען אַזוי שעהן און ניצליך, איז גאָר היינט מיאוס און אומווירדיג צו טאָהן. — די נאַכט האָט עס געמאַכט „פגום״ . . .

(ב)

איך זאָג דיר טאַקי אָן, אַז מתינות איז אַ וואונדערליכע און נוצליכע מידה. פאַרגעס אָבער נישט, אַז אין שכנות פון מתינות וואוינט עצלות. און עצלות איז שוין גאָרנישט אַזאַ וואוילער שכן.

עצלות שלעפערט איין די ענערגי, מאַכט טעמפּ דעם געדאַנקען־גאַנג און צולייגט אַ מין מיאוס׳ען געניץ אויפ׳ן גוף און אויף אַלע אברים באַזונדער.

דער פוילער קומט אָן אומעטום מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער . . .

דו פרעגסט מיך דעם חילוק פון מתינות ביז עצלות ?

וועל איך דיר זאָגען :

אַ מתון דאַרף מען זיין איידער מען האָט זיך דעצידירט. איידער מען האָט באַשלאָסען וואָס צו טאָן. האָט מען אָבער שוין דערגרייכט די דעציזיע, מען ווייסט שוין וואָס צו טאָהן און ווי אַזוי צו האַנדלען, דאַן מוז מען האַנדלען געשיקט[6], מיט אימפּעט, און מיט זריזות[7]. מען טאָר נישט זיין פויל און שלאַבעריג.

שאין מחמיצין את המצה — את המצווה[8] — זיי אַ זריז ! טוה געשיקט און קריך נישט ! גאָט אַליין האָט ליעב זריזות[9] און אין זיין מקדש איז עס געווען פון די וויכטיגסטע געבאָטען[10] און בויטיגקייטען[11].

(ג)

עס איז איבעריג צו שילדערען דאָס שעדליכקייט פון גאווה. איך גלויב, אַז יעדער איינער ווייסט און פיהלט איהר עפוש׳דיגען ריח,

כאַטש נישט אַלע ווייסען ווי אַזוי זיך אויסצוהיטען פון איהר...

דער בעל־גאווה קען נישט זיין קיין גוטער חבר און קיין געטרייער פריינד. ער איז געגליכען צו איינעם, וואָס שטעהט אויף אַ הויכען באַרג און קוקט אַראָפּ פון אויבען צו דער וועלט און צו מענשען [12]. אין זיינע אויגען זעהען־אויס אַלע, קליין און נישטיג.

דער באַרג, וואָס העכער ער איז, אַלץ שיטערער ווערען זיינע בוימער און גראָזען. אויף די שפּיצען פון די גאָר הויכע בערג, הערשט תמיד אַ קעלט, און דער באָדען איז נאַקעט און פעלזענדיג. — אַזוי איז אויך דער בעל־גאווה.

ער איז נאַקעט און מאָגער, אהן פירות און אָהן גראָזען[13].

כדי זיינע צווייפעלהאַפטע מעלות זאָלען זיך אַרויסזעהן, אונטער־שעצט ער דעם צווייטענס מעלות, און נישט איין מאָל אונטערדריקט ער זיי מיט געוואַלד. זיין וואָפען איז: חוזק און שפּאָט. — נישט אומ־זיסט איז אַזעלכער פאַרהאַסט ביי גאָט[14] און ביי לייט[15].

די דיני חמץ ומצה לערנען אונז אויך עפּעס וועגען דעם אויבען־דערמאַנטען.

מצה.—איז איינגעפאַלען, דאַר, אָהן געוירענקייט. מצה דערמאָנט אין באַשיידענקייט, אין עניוות, איז עס דערפאַר אַ כשר'ער ביסען...

חמץ, דאַגעגען, איז אויפגעוירען, אויפגעבלאָזען, איז עס דערפאַר אַן אכילת־איסור, אַ טרפה'נער ביסען.

עס איז אפילו אסור במשהו[16]...

און דער, וואָס איז נזהר אין אַ „משהו חמץ" — ער דערווייטערט פון זיך אפילו די ברעקעלאך און פיצלאך פון גיאות, — האָט ער פאַר זיך אַן אָפענעם וועג צו פרומקייט און צו עהרליכקייט[17].

(ד)

מען קען דערקענען, אַז ס'איז חמץ, אין דריי סימנים:

א) השמעת קול בבצק[18] (אם האדם מכה על הבצק)

ב) כסיפת פנים[19] (שהכסיפו פניו של הבצק)

ג) אם נראו סדקים בבצק[20].

צו דערקענען אַ בעל־גאווה זיינען אויך פאַראַן די דאָזיגע דריי סימנים:

א) השמעת קול — ער רעדט הויך[22] און חוצפה'דיג, אומעטום איז ער דאַ און, ווי מען פאַרלאַנגט איהם נישט, דאַרט זאָגט ער דיעות.

כסיפת פנים — צו פאַרשעהמען אַ צווייטען איז ביי איהם אַ געוועהנליכע זאַך. ער טרונקט דאָס בלוט פון אַנדערע און וויל בויען זיין גליק אויפ'ן צווייטענס אומגליק.

ג) נראו סדקים — אַ מחלוקת פאַרשפרייטער; אַ צושטערער און צושפאַלטער. ער איז ווי אַ קללה, וואָס צוברעכט אַלעס און פאַרזייעט דערנער און ווילד־גראָזען.

(ה)

אַ לייבליכע שוועסטער פון עניוות איז צניעות.

צניעות, וואָס דאָס הייסט אויךבאַשיידענקייט, איז דער חן פונ'ם מענש'ן, וואָס באַנוצט עס. צניעות דערלאָזט נישט קיין שטויב און קיין שמוץ צו דער נשמה און צום כאַראַקטער. זי איז, ווי אַ זיידענער וואוֹאַל, וואָס פאַרשלייערט און וואָס גיט צו, גלייכצייטיג, אַן איידעלקייט און אַ פיינקייט[23]. דער ליבליכסטער חבר און פאַרטרויאונגס־מאַן איז דער וואָס פאַרמאָגט אין זיך צניעות.

אפילו ווען מען טוהט די בעסטע זאַך, די גרעסטע מצוה, זאָל עס אויך זיין, באַשיידען און באַהאַלטען[24], ווייל דאָס אַרומטראָגען זיך אין דער אָפענער גאַס מיט גוטע מעשים, מאַכט זיי וואָכעדיג[25] און פניות'דיג.

לא תוציא מן הבית מן הבשר חוצה — טראָג נישט אַרום דיינע מצוות אין דער גאַס. טוה דיינע זאַכען אין שטוב — באַשיידען און אינטים.

און ווי מען זאָגט נאָך פונ'ם ליעווער אויפ'ן מאמר „איזהו גבור הכובש את־יצרו" — אַ גבור הייסט דער, וואָס האַלט איין זיין יצר־טוב אין זיך... ער וואַרפט זיך נישט צו פיעל אין די אויגען מיט זיין פרומקייט, ער „אַדוועטייזט" נישט זיינע מצוות, ער שרייט נישט אין די גאַסען: זעהט, וואָס פאַר אַ טייערען יצר־טוב איך האָב, ווי פרום איך בין...

* * *

וירא העם — דאָס פאָלק זעהט — ויניעו — ווי די צריקים שאָקלען זיך און וואַרפען זיך — עס איז אַזעלכע צדיקים וואָס טראָגען אַרויס

זייער פרומקייט און עבודות־הד׳ אין דרויסען אַרויס, בפני קהל ועדה — איז עס אַ סימן אַז — „ויעמדו מרחוק״ — אַזעלכע צדיקים שטעהען נאָך גאַנץ ווייט.... (קאָצקער)

(ו)

די וועלט זאָגט פון ר׳ מיכעלע זלאָטשעווער אויפ׳ן באַוואוסטען תרגום יונתן בן עוזיאל: „וכדי חמא משה ענותנותיה דיהושע קרא משה להושע בן נון יהושע״.

ביי אַן אמת׳ען עניו דערקענט מען נישט דאָס עניוות. מען זעהט עס נישט אַרויס, און דעריבער „כדי חמי משה ענוותנותיה״ — אַז משה האָט דערזעהן יהושעה׳ס עניוות — עס איז געווען אַן עניוות, וואָס איז געווען קענטיג: עס האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען — האָט ער אויף איהם מתפלל געווען „יה יושיעך מעצת מרגלים״...

דעם זעלבען געדאַנק דרוקט אויס אַ דין פון הלכות פסח:

אין לשין המצה כנגד השמש[26] — אויב דו פאַרמאָגסט די מצוה פון „מצה״ — ווי מיר האָבען פריער אַרומגערעדט, אַז דאָס איז די באַצייכענונג פון עניוות — זאָלסטו עס נישט אַרויסטראָגען „פאַר דער זון״, אין גאַס אַריין. שרייען צו דער וועלט: „האָטס פאַר מיר דרך־ארץ, ווייל איך בין אַן עניו״ — „מצה״ „כנגד השמש״ — ווערט גיך, אין חמץ פאַרוואַנדעלט...

* * *

איך האָב געהערט פון מיין רבי׳ן מהר״מ שאַפּירא זצ״ל, אויפ׳ן מאמר חז״ל: „במאי זכה משה לקרני הוד? טפות דיו נשארו לו בקולמתו״:

ווי קומט עס, אַז עס זאָל בלייבען טינט דאָרט ווי אַלעס איז געווען על פי ד׳?

ווייל דער מדרש זאָגט: „מה בין משה לבלעם, במשה כתיב ויקרא אל משה, בבלעם כתיב ויקר ד׳ אליו — כעבד לפני אדוניו, דרך מקרה ועראי.

משה איז אָבער געווען אַן עניו און נישט געוואָלט אַרויסשטעלען זיין גרויסקייט, האָט ער דעריבער, געשריבען „ויקרא״, מיט אַ קליינער

„אלף" כדי מען זאָל זי נישט אַרויסזעהן און לייענען ביי איהם אויך „ויקר"...

גאָט האָט דאָך איהם געגעבען טינט אויף אַ גרויסער „אלף", איז דערפאַר געבליבען טינט... און ווייל עס איז געווען צוליב זיין עניוות איז די טינט געוואָרען „קרני הוד"...

איך האָב דערנאָך געטראָפען אַביסעל פונ׳ם וואָרט אין בעל הטורים.

די וועלט גיט צו אויף דער קשיה, פאַרוואָס שטעהט נישט אין פ׳ יתרו ביי „ויקרא ד׳ למשה אל ראש ההר", און „ויקרא אליו מן ההר" — מיט אַ קליינער אלף דער ויקרא?

זאָגט די וועלט אין נאָמען פון ר׳ יצחק׳ל וואָרקער:

ווייל דאָ, אין פ׳ ויקרא, האָט קיינער, אויסער משה, נישט געהערט, אַז השי"ת האָט איהם גערופען, ווי רש"י ערקלעהרט אויפ׳ן אָרט: „הקול הולך ומגיע לאזניו וכל ישראל לא שמעו", און צוליעב עניוות האָט משה געוואָלט פאַרקלענערען זיין באַדייטונג און חשיבות, שרייבענ־דיג ויקר — דרך מקרה וארעי, ווי ביי בלעם. דאָרט אָבער, אין פ׳ יתרו, איז עס פאָרגעקומען אין אַנוועזענהייט פון כל ישראל; אַלע אידען האָבען געהערט דעם רוף פון גאָט צו משה׳ן, און אין אַזאַ פאַל צו פאַר־ווען עניוות איז נישט שעהן... אַרויסצוווייזען בפני קהל ועדה, אַז מען איז אַן עניו, וואָלט געהייסען די גרעסטע גאווה... עניוות איז אַ זאַך, וואָס מען דאַרף עס פראַקטיצירען בצנעה און נישט פאַר׳ן גאַנצען עולם, אין דער אָפענע גאַס...

* * *

ר׳ נפתלי ראָפשיצער האָט אַמאָל געזעהן אַן איד, ווי ער געהט מיט אַן אָראָפּגעלאָזטען קאָפּ, אַנגעטאָהן אין אַ זאַק. ער געהט אָבער צוקנעפּעלט אַזוי, אַז יעדער זאָל זעהן דעם זאַק...

רופט זיך אַן דער ראפשיצער: אָט דעם איד האָט דער יצר-הרע אַריינגענאַרט אין זאַק אַריין...

(ז)

עס זיינען פאַראַן מענשען, וואָס האָבען ליעב צו קומען שטענדיג צום גרייטען... אַנדערע האָבען די וועהען פון געבורטה; אַנדערע מאַ־

טערען זיך אויסצופלאַסטערען וועגען, אַרויסצורייסען שטיינער, צו קנעטען ליים און ברענען ציגעל, און דערנאָך, מיט שווייס און מיט בלוט, די ציגעל צונויפצוקלעבען און בויען פון זיי מויערען. ערשט שפּעטער, ווען אַלעס איז שוין פאַרטיג, קומט ער — איינער פון די דערמאָנטע פאַרשוינען — צו געהן און, מיט אַ מינע פון איינעם, וואָס אַלעס קומט איהם, ציהט ער זיך אַריין און — וואוינט...

אין אוכלין את הפסח אלא למנוייו[34] — נאָר די, וועלכע זיינען געשטאַנען ביים שחט'ן, ביים אָפּציהען די פעל; נאָר די וועלכע האָבען פריהער געאַרבייט ביים צושניידען און ביים בראָטען, — נאָר זיי, האָבען אַ רעכט צו זיצען ביי דער סעודה[28]...

(ח)

נישט איינמאָל באַגעגען איך ביי סאָסייעטי־פּאַרטי'ס, אָדער ביי אַנדערע געזעלשאַפטליכע אונטערנעמונגען, אַרויפגעאַרבייטע לאַנדס־לייט", וועלכע וואוינען אין די „הויכע פענסטער", זוכען, אין פּריוואַטען לעבען, אָפּצומעקען פונ'ם פּנים דאָס ביסעל „אידישע קנייטשען", זייער אידעאַל און דער אידעאַל פון זייערע סנאָבישע פאַמיליעס, איז, זיך אַריינצוכאַפּען אין דער „בעסערער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט".

נאָר, אַמאָל, זייענדיג אין אַ גוטער שטימונג, טוען זיי די „געפעליגקייט" צו זייערע אַמאָליגע לאַנדס־לייט, און „באַוויליגען" צו קומען צו אַן אונטערנעמונג.

זיי זיצען ביי די טישען מיט פאַרריסענע נעזער, מיט מינעס פון גרויסע יחסנים, וואָס האָבען זיך נעבאַך אַראָפּגעלאָזט צו נידעריג...

ווען די שקלאַפּישע „סאָסייעטי ברידער" האַלטען „טאָסטען" אין זייער כבוד וועגען, דערלאַנגען זיי גאַנצע עמערס מיט שמייכלערייען און לויב, נעמען זיי דאָס צו, מיט דער נויטיקער „ווירדע". אַמאָל געהן זיי „אַזוי ווייט", ווי אויפצושטעלען זיך און מיט געמאָסטענע ווערטער צו זאָגען אַלע, אַז „זיי האָבען זייערע אַלטע חברים נישט פאַרגעסען"; זיי געדענקען זיי „אימער און אייביג".

פאַרגליסט זיך אָבער אַן אָרימען לאַנדס־מאַן צוצוגעהן צום „עהרען־גאַסט" און בעטען ביי איהם אַ טובה, ציהט ער אויף זיך באַלד אַרויף דאָס גביר'ישע קאַלטקייט. ער דערקענט איהם שוין נישט. ער איז נאָך בייז, פאַרוואָס מען האָט איהם קאַליע געמאַכט זיין שטימונג...

אויף אַזעלכע פּערשוינען זאָגט דער דין:

אסור להפך פניו מן החבורה, שכל המהפך פניו הרי זה כשתי חבורות[20] — גאָט האָט פיינט פּאַרשוינען, וועלכע זיצען ביי איין טיש מיט באַקאַנטע, עסען פון איין טיש און אַמאָל, פון איין טעלער, און זייערע „פּנימ׳ער זיינען אויסגעדרעהט אין אַ זייט״.

זייערע אויגען ווילען נישט זעהן די גויטען פון די וואָס זיצען ביים טיש. זייערע אויערען ווילען נישט פאַרנעמען זייערע בקשות. דער גוף זיצט דאָ און דער פּנים איז ערגיץ אַנדערש; ערגיץ אין ווייטע גוי׳ישע וועלטען[30].

אַזאַ זיצען ביי איין טיש איז אומווירדיג און פּסול...

* * *

אַז איהר וועט אַמאָל באַגעגענען איינעם פון יענע סנאָבישע „לאַנדסלייט״, וואָס קומען צו דער סאָסייעטי מיט אַ פולען בויך מיט „בלאָזאכץ״ און קוקען אויף יעדען פון אויבען אַראָפּ, זאָלט איהר איהם דערצעהלען פאָלגענדע געשיכטע:

אַ מלמד האָט אַמאָל אַריינגעקלאַפּט אין אַ קינד׳ס קאָפּ אַריין, אַז צוויי „יודען״ זיינען אַ „שם״, דאָס הייסט: גאָט׳ס נאָמען. און אַ „יוד״, האָט דאָס קינד שוין געוואוסט פון לאַנג, זעהט אויס ווי אַ קליין פּינטעלע...

לייענט אַמאָל דאָס קינד דעם חומש. קומט צום סוף פּסוק, זעהט דאָרט די געוועהנליכע צוויי פּינטעלעך, וואָס געפינען זיך ביי יעדער ענדע, און זאָגט: הד׳ — גאָט׳ס נאָמען.

ווען דער מלמד הויבט זיך אָן צו בייזערען, זאָגט איהם דאָס קינד: רבי איהר האָט דאָך מיך אַליין געלערענט, אַז צוויי „יודען״ זיינען גאָט׳ס נאָמען!

— יאָ, ביזט טאַקע גערעכט, אַז דו וועסט זעהן צוויי „יודען״ זאָלסטו וויסען, אַז עס איז גאָט׳ס נאָמען. דאָס איז אָבער נאָר דאַמאָלס ווען די צוויי „יודען״ שטעהען גלייך, איינער לעבען צווייטען. דאַמאָלס, אָבער ווען איין „יוד״ שטעלט זיך אויף דעם צווייטען, איבער דעם צווייטען, איז עס שוין נישט גאָטס-נאָמען, נאָר פּראָסטע פּינטעלעך... און דערצו נאָך דער סוף פון דער תורה... די ענדע...

ציי ט ־ מאָטיוועָן

1) שבת קנ. — אסור לו לאדם שיעשה חפציו קודם שיבדיל (בין טוב לרע) בדרך דרוש...

2) ברכות לג — תקנו הבדלה בחונן הדעת, (דעת בלי הבדלה, דהיינו בלי מתינות, אי אפשר...) בדרך דרוש...

3) מתון מתון ד׳ מאות זוזי שויא — ברכות כ. הוי מתונים בדין — אבות א.

4) פסחים מב. רמב״ם פ״ה מה׳ חמץ ומצה.

5) עבודה זרה עו. וברש״י שם ד״ה בת יומא.

6) תהלים קי״ט — חשתי ולא התמהמתי וכו׳.

7) פסחים נ — יש זריז ונשכר.

8) מכילתא בא על הפ׳ ושמרתם את המצות.

9) שבת ל — שאין השכינה שורה מתוך עצלות.

10) שבת כ׳ — כהנים זריזים הם, — במקום זריזין איכא וכו׳

11) עירובין קה. זבחים לה.

12) דרך ארץ זוטא ג׳ — כמשקוף העליון שאין יד האדם יכול ליגע.

13) שבת לג. קידושין מט: — סימן לגסות רוח — עניות של תורה.

14) ויק״ר ז. מדה״ג לח — גבה לב אינו רוצה ה׳. — סוטה ה — כאילו עובד עבודה זרה.

15) פסחים קיג — אין הדעת סובלתן, סוטה מז — אפילו על אנשי ביתו אינו מקובל.

16) רמב״ם הל׳ חמץ ומצה.

17) האר״י, מובא בבאר היטב הל׳ פסח: — „הנזהר ממשהו חמץ שוב לא יחטא כל השנה״.

18) פסחים מח. רמב״ם פ״ה מהל׳ חו״מ.

19) שם, וברמב״ם

20) שם, וברמב״ם

12) ב״מ פה — קיש קיש קריא.

22) קה״ר ז — הסיחים הללו קולם הולך — אף אנו מן העצים...

23) דא״ז ה — הדר מצוה — צניעות.

24) סוכה מט — ומה דברים שדרכן לעשות בפרהסי׳ אמרה תורה והצנע לכת וכו׳

25) חגיגה ה — מוטב דלא יהבית ליה מהשתא דיהבית ליה וכספיה.

26) פסחים מב. רמב״ם פ״ה מהל׳ חו״מ.

27) פסחים סא. רמב״ם הל׳ קרבן פסח פ״ב.

28) ע״ז ג — מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת.

29) פסחים פו. פ׳ כיצד צולין. רמב״ם פ״ט מהל׳ קרבן פסח.

30) יעיין בהדרוש והעיון פ׳ בא.

דער אָקס, דער גרוב, דער צאָהן און דאָס פייער - וואָס זיי לערנען

ארבעה אבות נזיקין, השור והבור והמבעה וההבער. (ב״ק ב.)

אַ סך מענשען זאָגען, אַז די וועלט און דאָס לעבען, טויגען נישט. עס זיינען שוין אפילו געשאַפען געוואָרען גאַנצע פילאָזאָפישע שיטות וועגען דעם. מען ווייזט אָן אויף אַ סך איבלען און אומגלייכהייטען אינ׳ם צוזאַמענשטעל פון דער וועלט און מענשהייט, און מען קומט דורך דעם צום אויספיהר, אַז דער גאַנצער באַשאַף איז פול מיט טעות׳ען.

שטענדיג, ווען איך לעז אַ בוך וועגען דער דערמאָנטער פילאָזאָפי, קומט מיר אויפ׳ן געדאַנק דאָס, וואָס מיין פאָטער האָט מיר געזאָגט איינמאָל, ווען איך בין נאָך אַ קינד געווען.

— מיין קינד — האָט ער געזאָגט — אַז דו וועסט האָבען אַן עפּעלע און דו וועסט זעהן, אַז ס׳איז דאָ און דאָרט צופוילט, זאָלסטו נישט אַוועקוואַרפען דאָס גאַנצע עפּעלע, נאָר נעמען אַ מעסערעל, אַרומשניידען דאָס צופוילטקייט, און דאָס איבעריגע אויפעסען.

איך מיין, אַז בנוגע דער וועלט, דאַרפען מיר אויך דאָס זעלבע טאָהן.

מיר דאַרפען אַנאַליזירען דאָס לעבען, אויסגעפינען די איבלען אין איהר, דורך זיפען און אַרויסנעמען דאָס „פסולת מתוך האוכל״; אָנווייזען מיט׳ן פינגער, וועלכעס ס׳איז דאָס גוטע און וועלכעס ס׳איז דאָס שלעכטע, און דאַן פרובירען מיט אַלע כחות באַזייטיגען דאָס שלעכטע און נעמען פון דעם גוטען.

* * *

די פיער בייזע כחות אויף דער וועלט, אויף וועלכע עס בויעט זיך די גאַנצע ממשלה פונ׳ם שטן און וועלכע שעדיגען דאָס לעבען און דעם כאַראַקטער פון דעם מענשען, זיינען באַהאַלטען און סימבאָליזירט אין

די „ארבעה אבות נזיקין״, וועלכע איך האָב אַנידערגעשטעלט ביים אָנהויב פונ׳ם מאמר.

זיי זיינען עס די איבלען, די צופּוילטקייטען, וואָס טרייבען די מענשהייט אויף שלעכטע וועגען. זיי שאַפען עס די אַלע צרות און אומ־גליקהייטען, וועלכע מיר באַגעגענען אויף שריט און טריט.

מיר דאַרפען זיי באַזייטיגען און דאַן, שאַפען אַ וועלט פון אידעאַלען צוזאַמענלעבען און פאַרברידערען זיך.

(א)

השור —

דער אָקס — זאָגען די חז״ל — איז דער בעל־גאוה צווישען די בהמות[1]. ער איז אַנגרייפעריש און שטענדיג גרייט צו שטויסען און צו ברעכען[2]. אין זיין קאַמף געגען שוואַכערע איז ער ברוטאַל און געפעהרליך[3]. ער באַנוצט זיך מיט אַלע מיטלען אויף זיין וועג פון צושטערונג: מיט זיינע הערנער, מיט די ציין און מיט זיינע פיס[4], גאָר געפעהרליך איז ער אין צייט פון זאַטיגקייט[5]. דאַמאָלס „טאַנצט אַ בייזער שטן צווישען זיינע הערנער״[6].

דער אָקס איז, דעריבער, דער סימבאָל פון חוצפה׳דיגער גבורה[7] און גאוה און פון וועלען באַהערשען און אונטערטעניג מאַכען די שוואַ־כערע מיט׳ן כח פון מאַכט.

נישט אומזיסט האָבען די רוימער — אין זייער קרייץ־צוג פאַר וועלט־באַהערשונג מיט׳ן כח פון פיזישער מאַכט — אָנגעצייכענט אויף זייער פאָהן, דעם „האָרן פונ׳ם אָקס״[8].

דער מענש—מעג ער זיין ווי רייך, ווי שטאַרק און ווי קלוג—טאָר ער נישט אַרויסווייזען קיין „אָקסישע״ גאוה און אויפדרינגליכקייט, געגען די שוואַכערע פון זיך.

ווייל גאוה און חוצפה — אויסער דעם, וואָס זיי זיינען די ערגסטע שאַנד־פלעקען אויפ׳ן כאַראַקטער — שטערען זיי אויך דאָס צוזאַמענלע־בען פון די מענשען; שאַפען שאָוויניזם און קלאַסען־האַס, גראָבען אָב־גרונטען פון איינעם צום צווייטען.

שור — איז דער ערשטער פון די „ארבעה מזיקים״. . .

(ב)

והבור —

פונקט ווי עס איז אַ חסרון צו האָבען אין זיך גאוה און חוצפה, אַזוי, איז אויך שעדליך צו זיין צופיעל בשפלות[9], צו פיעל ווייך און נאַכגיביג.

אַ מענש דאַרף באַזיצען כאַראַקטער, אויסגעהאַלטענקייט, און זעלבס־באַוואוסטזיין. ער טאָר נישט זיין צו געפאַלען ביי זיך. ער מוז באַזיצען אַ שמיני שבשמינית[10]...

די תורה איז געגעבען געוואָרען אויפ׳ן באַרג סיני, אויפ׳ן קלענ־סטען באַרג, כדי צו ווייזען דערמיט, אַז מען זאָל זיין באַשיידען און עניוות׳דיג[11]. איז אויב אַזוי, פרעגט זיך: — פאַרוואָס איז די תורה נישט געגעבען געוואָרען אין אַ טאָל, וואָס דאָס וואָלט דאָך געווען אַ בעסערער סימבאָל פון שפלות?

נאָר — ענטפערט דערויף רבי מענדעלע קאָצקער — צו זיין ביי זיך אַ טאָל, איז פונקט אַזאַ עבירה, ווי גיאות. דער מענש דאַרף טאַקע זיין ביי זיך נידעריג, אָבער אַ קליין בערגעלע דאַרף ער יאָ זיין... מען טאָר זיך נישט צופיעל דערנידעריגען; מען מעג אפילו באַנוצען אַמאָל אַ ביסעל גאוה, אויב דאָס ברענגט נוצען דעם אידישקייט און דער תורה[12]...

„והבור" — צו זיין ביי זיך אינגאַנצען אַ גרוב, אַ גאָרנישט[13], איז דער זעלבען חסרון וואָס דער „שור".

* * *

ווען יעקב בייזערט זיך אויף זיינע קינדער און שרייט אויס: „אָרור אפם כי עז", שעלט ער נישט דעם „אף" ער זאָל אינגאַנצען אויס־געוואָרצעלט ווערען, נאָר זאָגט: אחלקם ביעקב ואפיצם בישראל — צו האָבען דעם גאַנצען עזות און חוצפה איז טאַקע אַ חסרון, אָבער ווען מען צוטיילט עס צווישען גאַנצען פאָלק, און עס קומט אויס אויף יעדען איינעם אַביסעלע עזות און חוצפה, איז עס שוין אַ מעלה... ווייל אַמאָל קומט עס צונוץ...

איבערהויפט אין אַ צייט ווען דער פרומער איד דאַרף זיך דורכשלאָגען זיין וועג אין לעבען, מיט קאַמף און מיט שטערונגען מצד דער פאַרגווישטער גאַס[14]...

(ג)

והמבעה — זה השן (ב״ק ג:)

נאַפּאָלעאָן האָט אַמאָל געזאָגט, אַז אַן אַרמיי געהט אויפ׳ן בויך — אויפ׳ן עסען.

מיר דאַכט זיך, אַז נישט בלויז אַן אַרמיי, נאָר די גאַנצע וועלט און די גאַנצע מענשהייט, גייט אויפ׳ן בויך...

אַלע געשעהענישען אין לעבען, אַלע זיג־זאַגען אין דער מענשליכער נאַטור, זיינען אַ רעזולטאַט פון עקאָנאָמישע אומשטענדען און באַדינג־ונגען.

דאָס „האָבען" אָדער „נישט־האָבען", דאָס „זאַט־זיין" אָדער „הונ־גערען", שאַפען מיט זיך די הויפּט עלעמענטען פון וועלכע עס בויען זיך געשיכטליכע געשעהענישען און ענדערונגען.

זיי זיינען די דירעקטע כחות וואָס צינדען די פייערען פון מרידה און רעוואָלוציע, און וואָס דיקטירען דעם לעבען ווי אַזוי זי זאָל זיך אויס־פאָרמען און עגזיסטירען.

זיי האָבען אויך אַ געוואַלדיגע השפעה אויף דער געדאַנקען־וועלט, אויף דער קולטור און וויסענשאַפט.

נישט איינמאָל קוקען מיר זיך צו, ווי דער בויך דיקטירט דעם מח, ווי אַזוי ער זאָל טראַכטען און ווי אַזוי ער זאָל דענקען...

און עס גלוסט זיך אונז דאַמאָלס צו וויינען...

גאָט זאָגט אַן דעם ערשטען מענשען : „ומעץ הדעת טוב ורע לא תאכל ממנו — דעם בוים פון וויסען, זאָלסטו נישט איינשפּאַנען אין דינסט פון דער אכילה... מאַך איהם נישט קיין שקלאַף צום גשמיות׳דיגען. וויים, אַז „אכילה" מיט „עץ הדעת טוב ורע" דאַרפען זיין אָפּגעטיילט און אונאָבהענגיג איינס פונ׳ם צווייטען.

ווייל די אכילה קען נישט זיין קיין חבר צום דעת. זי האָט ליעב צו בעל־הבת׳יוען, צו הערשען איבער׳ן דעת. און אַ דעת, וואָס ווערט געטריבען מיט אַ בייטש אין דער ריכטונג, אָדער אין אַ צווייטער, איז קיין דעת נישט...

מבעה, זה השן — כל זמן דער צאָהן, דער ביסען, די עקאָנאָמישע באַדינגונגען און איינשטעלונגען וועלען הערשען אין דער וועלט, וועלען פאַרשקלאַפען אפילו דעם געדאַנק, די גייסטיגע וועלטען — וועט די

מענטשהייט נישט קענען פּראָגרעסירען; ווען דאָס ליכט פון דעת ד׳ נישט קענען אויפגעהן אויף די הימלען פון וועלט און מענש.

* * *

די וועלט זאָגט נאָך פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער, אַז: „פּני הדור כפּני הכלב״ — די „פּני הדור״ — די מנהיגים און גייסטיגע פיהרער, וועלען זיין ווי דער הונט... דער הונט לויפט שטענדיג פאָראויס... עס קען זיך דאַכטען, אַז ער פיהרט דעם בעל־הבית. קוקט מען זיך אָבער גוט צו, באַמערקט מען, אַז דער הונט דרעהט אויס יעדעס מאָל דעם קאָפּ, און זעהט וואוהין דער בעל־הבית וויל געהן, דאָרט אַהין לויפט ער פאָר־אויס...

די מנהיגים וועלען אויך אַזוי זיין. זיי וועלען לויפען פאָראויס דאָרט אַהין וואו די בעלי־בתים וועלען זיי הייסען...

עס איז היינט, ליידער, אַ טרויעריגער אמת. אָבער, צוריק גע־שמועסט, דער בעל־הבית גיט דאָך פאָרט דעם ביסען ברויט און דעם ביין... און אהן דעם ביסען ברויט קען מען דאָך נישט אויסקומען...

(ד)

— וההבער

די וועלט טייטשט:

כי תצא אש ומצאה קוצים — דאָס פייער ווען לכתחילה אָנגע־צונדען ווערען צוליעב אַ נוצליכען צוועק — עס זאָל פאַרניכטען דערנער.

ונאכל גדיש או קמה — דער סוף ווען אָבער זיין, אַז די פלאַמען וועלען זיך אויסשפּרייטען און פאַרלענדען אויך תבואות און גערטנער. ווייל אויף פייער האָט מען אַ שליטה איידער מען האָט עס אַרויס־געלאָזט פון דער האַנד. קוים אָבער האָט מען דעם פייער געגעבען אַ געלעגענהייט, ווערט עס באַלד פאַרוואַנדעלט אין אַ ווילדער שרפה, וואָס פאַרשפּרייט טויט און פאַרניכטונג. עס איז שוין מעהר נישט אין רשות פון מענשען עס אָפּצושטעלען.

וההבער — דאָס דאַזיגע משל פון פייער וואָלט זעהר פּיעל צונויף געקומען דעם מענשען ביי פאַרשידענע געלעגענהייטען און צייטען.

וויפיעל פייערן פון מחלוקת, פון קנאה־שנאה, פון רכילות און לשון הרע, זעהן מיר אויף דער אידישער גאַס, וואָס אָנגעצונדען האָט מען זיי מיט די בעסטע כוונות: צו פאַרניכטען „דערנער און ווילד־גראָז", און דער סוף איז געווען, אַז די פלאַמען האָבען זיך אַזוי צובו־שעוועט, אַז די בעסטע בוימער, די פרוכטבאַרסטע פלאַנצונגען זיינען געפאַלען קרבנות אין די פאַרניכטענדע פייערן?

ווי פיעל אידעאַלען, צוקונפטס־חלומות און גאָלדענע הימעל־הויכע שיטות, זיינען אין אַש פאַרוואַנדעלט געוואָרען דורך די ברענענדע לאַוועס פון האַס און פאראורטייל, וואָס זיי אַליין האָבען געשאַפען? געטאָהן האָבען זיי עס מיט דער גוטער כוונה, צו פאַרניכטען די שטע־רונגען און דערנער אויף זייער וועג פון פאַרווירקליכונג. דאָס פייער פון האַס איז אָבער ווי יענע חיה, וואָס כאַוועט זיך אויס און פרעסט אויף דעם אייגענעם בעל הבית...

* * *

1) חגיגה יג — ארבעה גאים הם — שור בבהמות.

2) פסחים קיב: אַל תעמוד בפני השור בשעה שהוא עולה מן האגם וכו'.

3) שם.

4) ב"ק ב — נוגח בקרניו, נושך בשיניו, ובועט ברגליו.

5) ברכות לג. — ריש תורא בדיקולא סליק לאגרא וכו'.

6) פסחים קיב — מפני שהשטן מרקד בין קרניו.

7) ילקו"ש, ספרי — שור כחו קשה.

8) ירושלמי חגיגה פ"ב ה"ב, ויק"ר פ' ט"ו, ט. תנחומא תזריע יא.

9) סוטה ה — ובשמתא מאן דלית ביה...

10) שם

11) סוטה ה. שבת סז.

12) ויגבה לבו בדרכי ד' — דה"י ב' יז:ו.

13) יעיין בפירוש הרמב"ם פ"ד מאבות.

14) שבת ס"ג — אם ת"ח נוקם ונוטר כנחש, חגרהו על מתניך.

כחות וואָס דיקטירען דעם חינוך פון מענש

שלשה שמות נקראו לו לאדם: אחד שקראו לו אביו ואמו, ואחד שקראו לו חבריו, ואחד שכתוב בספר תולדות ברייתו. (קה״ר פ״ז ג. תנחומא ויקהל. מדרש שמואל פ׳ כ״ג)

די פיזישע און גייסטיגע ענטוויקלונג פונ׳ם מענש, איז צוגעגליכען צו אַ זעגעל־שיף, וואָס שווימט אין אָפענעם ים.

פאַר׳ן זייטיגען אויג דאַכט זיך, אַז די שיף טרייבט זיך אַליין; אַז דער קאַפּיטאַן ביים רודער ווענדעט דעם גאַנג איהרען מיט׳ן כח פון אַ מאָטאָר אָדער מאַשינערי, וואָס געפינט זיך אויף דער שיף גופא.

אין דער אמת׳ען זיינען עס די דרויסענדיגע ווינטען און שטורמען, וואָס טרייבען די שיף און וואָס דיקטירען איהר גאַנג און ריכטונג.

די אויפגאַבע פון קאַפּיטאַן איז בלויז, צו מאַניפּולירען מיט די זעגלען אויף אַזאַ געשיקטען אופן, אַז אַט די ווינטען און שטורמען זאָלען איינגעשפּאַנט ווערען אין דינסט פון דער שיף און פיהרען זי צום ריכ־טיגען ציעל.

און דער ענטוויקלונג פונ׳ם מענשענס גוף און נשמה איז אויך דאָס זעלבע.

אויסערליכע סיבות און אומשטענדען זיינען עס די ווינטען, וואָס טרייבען און ווענדען דעם גאַנג פונ׳ם מענשענס ענטוויקלונג. זיי האָבען די גרעסטע השפעה אויף דער אויסשטאַטונג און אויספאָרמונג פון זיין כאַראַקטער און גייסט.

אונזערע חז״ל האָבען די דאָזיגע סיבות און אויסערליכע כחות סומירט אין דערמאַנטען מאמר, אויף זעהר אַ געלונגענעם אופן.

(א)

אחד מה שקוראים לו אביו ואמו —

די שטוב וואו דאָס קינד ווערט געבוירען. דער טאַטע און די מאַמע האָבען די ערשטע השפעה איבער איהם. זיי לייגען זייער חתימה אויף זיין כאַראַקטער און אויף זיינע מעשים.

דאָס קינד איז נאָך דאַמאָלס ווי אַ יונגער ווייַנשטאָק[1] — זאָגען די חז״ל — און די עלטערענס אויפגאַבע איז די זעלבע, וואָס דעם גערטנערס. זיי דאַרפען אַכטונג געבען, אַז דאָס ביימעלע זאָל האָבען גענוג זון, גענוג באַוואַסערונג און גענוג לופט.

די אויפגאַבע און די פליכט[2] פון די עלטערען איז צו זאָרגען פאַר דעם גייסטיגען און פיזישען אויפבוי פון זייער קינד. און אויב זיי טוען עס נישט, באַגייען זיי דעם ערגסטען פאַרברעכען לגבי זייער אייגען בלוט און פלייש[3].

* * *

מראשית עריסותיכם תתנו לד׳ — פאַרנעמט זיך מיט׳ן חינוך פון אייערע קינדער, ווען זיי ליגען נאָך אין די וויגען. שוין דאַמאָלס מוז מען אָנהויבען זאָרגען צו ערציהען זיי אַלס אידען. — (חתם סופר)

* * *

ראשית בכורי אדמתך תביא בית ד׳ אלקיך — די ערשטע יאָהרען, די ביכורים פון דיין קינד׳ס לעבען, זאָלסטו ברענגען צו גאָט, — זאָלסטו אויספילען מיט ערציהונג.

לא תבשל גדי בחלב אמו — קאָך נישט אָב דאָס יונגע ציגעלע, דאָס יונגעטשקע קינד, ווען עס זייגט נאָך דער מאַמעס מילך...
— (מורי הגאון מהר״מ שאַפּירא זצ״ל)

(ב)

ואחד מה שנותנים לו חבריו —

דער בעסטער און ערפאָלגרייכסטער אופן פון ערציהונג איז, צו זיין אינטים און חבר׳יש צום קינד. צו ריידען מיט אַ ווייכער און ליבליכער שטימע אפילו דאַמאָלס ווען מען שטראָפט איהם. בייזקייט און אָנגעצויגענקייט שטויסט אָפּ פון זיך[5], דערווייטערט דאָס קינד און רופט אַרויס אין איהם אומצוטרוי און מורא.

נישט איין מאָל האָבען סטראַשונקעס און בייזע רייד, אַ פאַרקערטע ווירקונג. זיי טרייבען צו להכעיס־מעשים[6] און צו טרויעריגע רעזולטאַטען[7].

איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואָס חברים האָבען די גרעסטע השפעה אויפ׳ן קינד און אפילו אויף דעם דערוואַקסענעם מענש.

ווייל אַ חבר איז אינטימער און נעהנטער פונ׳ם בעסטען טאַטען[8]. אַ חבר איז אַ סך מאָל אַ נשמה־ברודער; אַ מענש פאַר וועלכען מען עפענט אויף דאָס האַרץ און מען דערציילט די פאַרבאָרגענסטע גע־דאַנקען און איבערלעבונגען.

פון אַ חבר קען מען אויך לערנען דירעקט[9] און אונדירעקט.

נישט אומזיסט זאָגען אן אונזערע חז״ל אַז: „אַ מענש דאַרף זיך קויפען אַ חבר, ער זאָל עסען מיט איהם צוזאַמען, שלאָפען מיט איהם, לערנען מיט איהם און האָבען פאַר וועמען צו דערצעהלען די סודות פון האַרץ״[10].

די השפעה פון אַ חבר קען קאָנקורירען און באַזיגען די השפעה פון עלטערען. אַ סך מאָל איז זי דעצידירענד אינ׳ם כאַראַקטער און אין די מדות און אפילו אין דעם פיזישען געבוי פונ׳ם מענשען.

אונזערע חז״ל האָבען גוט געקענט די פסיכאָלאָגי פון דער מענש־ליכער נאַטור און דערפאַר זאָגען זיי אונז אָן:

— אויב דו ווילסט גיין אויפ׳ן גלייכען וועג, דאַן קויף דיר אַ גוטען חבר[11], ווייל „זעהר אַ סך טוען די חברים אין דעם מענשען״[12].

„אַ צופוילטער בוים חבר׳ט זיך מיט פרוכטלאָזע בוימער״[13], און „דעם מענש קענסטו דערקענען אין זיינע חברים״[14].

* * *

מען האָט אַמאָל געפרעגט דעם חתם סופר: היתכן, אין דער מוטער׳ס בויך לערענט דאָך אַ מלאך תורה מיט דעם קינד, טו פאַרוואָס האָט זיך יעקב אַזוי געריסען אַרויסצוגיין?..

האָט ער געענטפערט: ווייל צו האָבען אַזאַ חבר, ווי עשיו, אין דער זייט, קען אפילו אַ מלאך׳ס תורה אויך נישט העלפען...

(ג)

ואחד, מה שכתוב בספר תולדות ברייתו —

נישט איין מאָל טרעפט זיך, אַז דער מענש ווערט געבוירען[15] מיט שלעכטע אינסטינקטען און ווילדעליידענשאַפטען. מעג ער דאַן האָבען די בעסטע לעהרער, די טיכטיגסטע ערציהונג, קען עס אויף איהם נישט

האָבען קיין ווירקונג, קען עס אַלץ נישט טאַמעווען דאָס פייער פון תאוה און פאַרברעכען, וואָס טליעט טיעף אין זיין נשמה און אין זיין כאַראַקטער.

אַ סך מאָל דאַכט זיך, אַז ס'איז יאָ געלונגען אויסצוואָרצלען די דאָזיגע נטיות, אָבער עס איז אַ טעות.

זיי זיינען בלויז פאַרדעקט מיט אַש, איינגעשלעפערט. זיי וואַרטען אויף דער ערשטער געלעגענהייט, אָדער אויסערליכע אָנרעגונג, צו קומען צום אויסדרוק. און ווען, די דאָזיגע געלעגענהייט קומט, שיסען אַרויס די נישט־באַפרידיגטע ליידענשאַפטען, ווי ווילדע פלאַמען, וואָס פאַרצעהרען און פאַרניכטען. דער מענש איז דאַמאָלס אין גאַנצען אַ צוברויזטער און צובושעוועטער ווולקאַן פון תאוה און פאַרברעכען.

ער ווערט ערשט דאַן געוואויער אַז דער יצר־הרע וואוינט אין איהם ווי אַ בייזער גאָט [16], צו וועלכען ער איז פאַרשקלאַפט ווי אַ קנעכט, און צו וועלכען ער איז צוגעבונדען מיט גראבע שטריק[17], נישט צום איבער־רייסען...

און אויף אַזאַ מענש איז געזאָגט געוואָרען דער „מאמר״:

„עס איז אַ רחמנות אויף דעם ברויט וואָס איז געקנעטען געוואָרען פון שלעכטען טייג און ס'איז אַ רחמנות אויף דעם בוימעלע, וואָס באַלד ביים פלאַנצען האָט עס נישט געטויגט״[18]...

* * *

אויפ'ן פסוק „ויגדלו הנערים״ דערציילט ר' לוי אַ משל:

— עס האָבען זיך אַמאָל צונויפגעמישט צוויי קערענדלאַך. אַ קערענדעל פון אַ בלום און אַ קערענדעל פון אַ דאָרן. זיי האָבען געלעבט צוזאַמען און זיך באַטראַכט ווי צוויי ברידער. מיטאַמאָל פיהלען זיי ווי אַ האַנד האָט זיי ביידע אַ כאַפּ געטאָהן און באַלד אַריינגעשליידערט אין צואַקערטער ערד אַריין. זיי האָבען פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט מען זיי פאַרזייעט. האָבען זיי צווישען זיך אָפּגעמאַכט, אַז ביידע זאָלען אַרויסקומען די זעלבע פלאַנצונגען, ממש דאָס זעלבע.

ווי פאַרוואונדערט זיינען זיי געוואָרען, ווען מיט דער צייט איז פון דעם בלומען־קערענדעל אויסגעוואַקסען אַ רייצענדע, קאָליר־פולע בלום, וואָס האָט פאַרשמעקט דעם גאַנצען אַרום, און וואָס האָט פאַר־

כשופ׳ט מיט איהרע ווייכע סאַמעטענע בלעטלאך. און פון דעם דאָרן־קערענדעל איז אויסגעוואַקסען אַ ווילדער שטעכעדיגער דאָרן־בוים, וואָס האָט געווירקט אַפּשטויסענד אויפ׳ן אויג. און האָט געשטאָכען און גע׳שרפט יעדען איינעם וואָס האָט געוואַגט איהם אַנצוריהרען מיט די פינגער.

דאַמאָלס האָט דער דאָרן־בוים געקרעכצט און געזאָגט:

— ווייזט אויס, אַז עס העלפט גאָרנישט, נאָר וואָסער קערנער מען פאַרזייעט, אַזעלכע פלאַנצונגען וואַקסען אַרויס. און פון דאָרן קערנער וועט קיינמאָל נישט קיין בלום אַרויסוואַקסען[19]. . .

* * *

1) מדרש רבה כב.
2) יבמות סב:, ב״ר סג, קידושין ל.
3) קידושין ל.
4) סוטה מו. — ימין מקרבת, תענית כ: אדר״נ מא — לעולם יהא אדם רך כקנה.
5) מסכת שמחות ב. גיטין ו־ז.
6) מו״ק יז.
7) מסכת שמחות ב.
8) שמות רבה א — יצחק ילמד מישמעאל אע״פ שאביו אברהם חונכו...
9) תענית ז. — ומחבירי יותר מכולם.
10) אדר״נ ח. ספרי.
11) אבות ב. תענית כג — או חברותא או מיתותא.
12) סוטה ז. ברכות טז.
13) ב״ק צב.
14) ברכות סה — לא בחנם הלך הזרזר אצל העורב.
15) שבת קנו — האי מאן דבמאדם וכו׳.
16) שבת קה: — איזהו אל זר בגופו של אדם? — זה יצה״ר.
17) סוכה נב. — ולבסוף דומה לעבותות העגלה.
18) בראשית רבה פ״ לד.
19) בראשית רבה סג.

יצה״ר פון רשע און יצה״ר פון צדיק

דרש רבי יהודה לעתיד לבא מביאו הקב״ה ליצר הרע וכו׳ — צדיקים נדמה להם כהר גבוה, ורשעים נדמה להם כחוט השערה וכו׳ (סוכה נב)

נישט איינמאָל קומט מיר אויס צו באַוואונדערען די טיעפע פסיכאָלאָגישע קענטעניסע פון אונזערע חז״ל; זייער אַריינדרינגען אין דער מענשליכער נשמה, און זייערע געוואַגטע באַהויפּטונגען וועגען מענש און וועגען זיינע שוואַכקייטען.

אַ סך מאָל ברענגען זיי אַרויס אַזעלכע דראַסטישע אמת׳ען, אַז אפילו די מאָדערנסטע סאָציאָלאָגען און פסיכאָ־אַנאַליטיקער קוקען אויס צו קאָנסערוואַטיוו, געגען זייער געוואַגטער אפענהאַרציגקייט, און געגען זייער דירעקטען אָנווייזען מיט׳ן פינגער אויף די דעליקאַטסטע סיטואַציעס אין וועלכע דער מענש ווערט פיעל מאָל פאַרוויקעלט.

אַמשטאַרקסטען קומט צום אויסדרוק דאָס אויבען־געזאָגטע, אין זייער צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון זינד און ליידענשאַפט, אָדער, ווי איך וועל עס אָנרופען מיט׳ן תלמוד׳ישען לשון: וועגען „דער מלחמה פונ׳ם מענש מיט׳ן יצר הרע״.

עס וואָלט גענומען צו פיעל צייט צו באַהאַנדלען דאָס דאָזיגע פּראָבלעם אין זיין גאַנצען אומפאַנג און אין זיינע אַלע פרטים.

איך וועל דאָ בלויז אַרומריידען זייער מיינונג וועגען דעם אופן ווי אַזוי ליידענשאַפט און זינד קומען אין קאָנטאַקט מיט׳ן מענשענס לעבען און אויף וואָסערע אופנים זיי שטאָלטען זיך אויס און ווירקען אויף איהם.

* * *

רשעים נדמה להם כחוט השערה —

עס זיינען פאַראַנען ליידענשאַפטען, וואָס דער מענש כאָוועט אויס אין זיך אין פאַרלויף פון יאָהרען און יאָהרען.

אַנהויבען הויבט זיך עס אָן מ'יט גאַנץ קליינליכע[1], כמעט אומ־שולדיגע תאוה'לאך[2]. זיי קומען אומבאַמערקט, דרך־אגב'דיג[3]. דער מענש, זייענדיג נישט באַרעכענט, און שוואַך אין כאַראַקטער, שטעלט ער זיך נישט דאַגעגען. ער באַטראַכט עס בכלל נישט פאַר קיין פּראָבלעם. אדרבא, ער רעדט זיך איין, אַז די באַפרידיגונג פון דער תאוה העלפט צום געזונט און גיט נאָך דערצו פאַרגעניגען אויך[4]....

מיט דער צייט ווערט דער הרגל פאַרוואַנדעלט אין אַ טבע[5]. דיליידענשאַפטען בירגערען זיך איין, פאַרפונדעווען זיך, ווערען די בעלי בתים איבער'ן מענשענס מעשים און אפילו איבער די מחשבות[6].

דער מענש באַמערקט אפילו נישט דעם וואוקס פון שלעכטע ביי־גונגען און תאוות אין איהם, ווייל דאָס קומט דאָך בהדרגה'דיג, סוקסע־סיוו.

ער איז שוין מעהר נישט דער הערשער פון זיין לעבען, נאָר אַ גוף, וואָס ווערט געפיהרט ביי אַ קייט. דער פיהרער איז דער יצר הרע[7].

דאָס מערקווירדיגסטע דערביי איז, וואָס גראד אַזעלכע מענשען באַטראַכטען זיך פאַר גאַנצע העלדען, פאַר אַזעלכע וואָס ווייסען וואָס זיי טוען און וואָס זיי ווילען. זיי פיהלען בכלל נישט אין זיך דעם קאַמף צווישען גוטעס און שלעכטס. די ליידען פון ווידערשטאַנד אָדער נאָכגעבען. זייערע שלעכטע מעשים זיינען זעלבס־פאַרשטענדליך, אָר־גאַניש אַריינגעוואַקסען אין גוף און אין דעם כאַראַקטער.

ביי זיי איז דער יצר הרע קיין פּראָבלעם נישט. ביי זיי איז ער: נדמה „כחוט השערה"...

* * *

צדיקים נדמה להם כהר גבוה —

וואָס הייסט אַ צדיק?

אַ טייל זאָגען, אַז אַ צדיק הייסט דער, וואָס האָט אין גאַנצען אויס־געוואָרצעלט און אויסגעראָטעט דעם יצר הרע פון זיך.

דאָס איז נישט ריכטיג.

— ווייל אַ יצר הרע קען מען נישט אויסוואָרצלען אָדער אָפּטויטען. דער יצה"ר איז אַ טייל פון דער מענשליכער נאַטור[8]. ער איז, פּונקט ווי דער שאָטען, וואָס דער מענש קען נישט אַנטלויפען פון איהם.

אַ יצר הרע קען מען בלויז בע'עולה'ן, נישט צוליב טאָן, באַ־

קעמפּפען[9]. ווען עס געלונגט דעם מענשען, קען ער איהם העכסטענס בינדען, פאַרדרענגען, אָדער איינשלעפערען. אַ צדיק הייסט טאַקע דער, וועלכער האָט אונטערגענומען אַ קאַמף געגען יצ״ר, האָט איהם געבונדען און האַלט איהם כסדר אין די קייטען.

דער יצה״ר פונ׳ם צדיק איז נישט געטויטעט, אַדרבא, ער איז וואַך און אויפמערקזאַם[10]. ער לויערט און זוכט צו נעמען נקמה. ער ווייסט, אַז ער האָט צו טאָהן מיט אַ געגנער, איז ער דערפאַר צאָרענדיג און אויפגעברויזט.

כל הגדול מחברו יצרו גדול הימנו[11]...

דערפאַר איז דער קאַמף פונ׳ם צדיק אַזאַ שווערער, דערפאַר ליידעט ער אַזוי פיעל די יסורים פון ווידערשטאַנד און אויסדויערען.

נישט איין מאָל מאַכט זיך, אַז דער יצר הרע טרעפט איהם אָן אויף אַ שוואַכער מינוט. דאַמאָלס ברעכט ער אויס מיט אַ וואולקאַנישען אויסברוך. ער ברענט און שטורעמט מיט ווילדער נקמה. ער דראָהט צו פאַרניכטען אין זיינע פייערען דעם גאַנצען מענשען.

עס איז דער טריאומף פון אַ בייזווילליגען שונא געגען דעם, וואָס האָט איהם געהאַלטען ביז אַהער אונטער ריגעל און שלאָס.

דער צדיק דאַרף דאַמאָלס אַ סייעתא דשמיא, און, געוועהנליך העלפט איהם גאָט צו באַזיגען דעם יצה״ר, צו ברייגנען אין איהם צוריק די גלייכגעוויכט.

לא חטא דוד אלא להורות תשובה לרבים[12] — עס איז געווען איינע פון יענע שווערע מלחמות, וואָס עס קומט אויס דעם צדיק צו פיהרען.

איך וועל בלויז אָנגווייזען אייניגע שטעלען, וואו די חז״ל שילדערען מיט מערקווירדיגער דרייסטקייט און אָפענהאַרציגקייט, די שווערע נסיונות פונ׳ם צדיק געגען זיין אַזוי-מעכטיגען און אויפגעצאָרענטען יצר:

דוד ואביגיל — מגילה יד, ילקוט ח״ב סימן קלד.

ר׳ צדוק — אבות דרבי נתן פ׳ טז.

ר׳ עמרם חסידא — קידושין פ״א.

ר׳ מאיר ור׳ עקיבא — קידושין שם.

ר׳ מתיא בן חרש — תנה״ק חקת.

ר׳ כהנה — קידושין מ.

אביי׳ — סוכה נב.

צייט־מאַטיוון

פלימו — קידושין פ״א.

ר׳ חייא בר אשי — קידושין שם.

נישט אומזיסט זאָגען די חז״ל, אַז: „צדיקים נדמה להם כהר גבוה" — אַ הויכער מעכטיגער באַרג איז זייער יצר הרע; אַ באַרג, וואָס הענגט שטענדיג איבער זייערע קעפּ און דראָהט מיט פאַרניכטונג. דער צדיק מוז אָנהאַלטען שטענדיג דעם קאַמף, קיין מאָל נישט מסיח־דעת זיין; אימער און אייביג זיין אונטערען פייער פון דעם יצר׳ס אָנ־גריפען און איינבּרוכען.

* * *

1) שבת קה: נדה יג — היום אומר לו עשה כך וכו׳.

2) סוכה נב: בראשית רבה פ׳ כב — תחילה דומה לחוט של עכביש וכו׳.

3) סוכה נב: — בתחלה קראו הלך ולבסוף קראו אורח וכו׳

4) בראשית רבה פ׳ כב. ירושלמי שבת פ׳ יד — יצה״ר ראשו מתוק וכו׳.

5) הרגל נעשה טבע. — ספר שבילי אמונה נתיב ד׳ שביל ה׳. פחד יצחק ערך הרגל. ראה יומא פו.

6) ברכות סא — אחת יעצתו לרעה וכו׳

7) שבת קה: — אל זר בגופו של אדם — זה יצה״ר.

8) סנהדרין צא. — משעת יצירה.

9) ברכות ה׳ — ירגיז אדם יצ״ט על יצה״ר, נצחו וכו׳

10) ירושלמי כתובות פ׳ א — אפילו חסיד שבחסידים אין ממנים אותו אפטרופוס לעריות.

11) סוכה נב.

12) ע״ז ה וברש״י. ראה שבת ל. סנהדרין קז.

דער אורשפרונג פון זינד

מהיכן היו מודדין, ר׳ אליעזר אומר מטבורו, רבי עקיבא אומר מחוטמו, ר׳ אליעזר בן יעקב אומר מצוארו (סוטה מה)

ווען עס קומט אַ קראַנקער צו אַ גרויסען פּראָפעסאָר, באַגעגיגענד זיך נישט דער פּראָפעסאָר מיט געבען אַ מיטעל אויף אָוועקצוטרייבען די קראַנקהייט. ער וויל אויסגעפינען די סיבות וואָס האָבען אַרויסגע־רופען די קראַנקהייט, באַזייטיגען זיי, און אַזוי אַרום פאַרהיטען דעם מענש פון ווייטערע קאָמפּליקאַציעס און חולאת׳ן.

אונזערע חז״ל, וועלכע זיינען געווען אונזערע „רופאי הנפש״, האָבען זיך אויך באַנוצט מיט דער זעלבער מעטאָדע ווען עס האָט זיך געהאַנ־דעלט וועגען אַ גייסטיגער חולאת. זיי האָבען שטודירט די אורזאַכען און די אומשטענדען, וואָס זיינען שולדיג אין דער חולאת; זיי האָבען גוט אַדורכגעטראַכט ווי אַזוי אויסצוהיטען די צוקונפט פון אַזעלכע איבלען און מיט דעם אופן האָבען זיי אויפגעהויבען דעם גייסטיגען ניווא פון דעם אידישען לעבען.

און, ווען מען געפינט אַ חלל אויף דער ערד, איז עס דאָך אַ באַווייז, אַז אַ מערדער געפינט זיך אין דער געגענד. אַ מענש וואָס איז אויס־געוואַקסען מיט פאַרברעכערישע נטיות, זעצען זיך באַלד אַנידער אונזערע חז״ל, און ווילען אויסגעפינען די סיבות און אורזאַכען, וואָס פאַרדאָרבען דעם מענשען. זיי ווילען עס וויסען, כדי אויף אַזאַ אופן פעסטצושטעלען ווי אַזוי און אויף וועלכען געביטה עס דאַרף זיך אַנהויבען דער חינוך.

מהיכן מודדין — פון וואַנען דאַרף מען מעסטען די אורזאַכען פון פאַרדאָרבענקייט און שלעכטע נייגונגען? וואו דאַרף מען זוכען די ערשטע סיבה וואָס האָט גורם געווען, אַז דער מענש זאָל ווערען דאָס, וואָס ער איז איצט?

צייט - מאָטיוון

(א)

ר׳ אליעזר אומר מטבורו —

— עס האָט אַמאָל געזאָגט אַ גרויסער געלערענטער פון די חכמי האומות, אַז דער חינוך פונ׳ם קינד דאַרף זיך אָנהויבען עטליכע יאָהר איידער עס ווערט געבוירען. ער האָט דערמיט געמיינט צו זאָגען, אַז אויב מען וויל פאַרזיכערען דאָס קינד מיט אַ גוטער ערציהונג, מוז מען קודם כל ערציהען די מוטער, ווייל די מוטער לייגט איהר חתימה אויף דעם קינד, סיי דורכ׳ן בלוט־פאַרוואַנדשאַפט און סיי דורך איהר שטענ־דיגען און נאָהענסטען קאָנטאַקט מיט׳ן קינד די אַלע יאָהרען פון וואַקסען און אויסבילדען זיך.

דער דאָזיגער געדאַנק איז נישט ניי. אונזערע חז״ל האָבען איהם אַרויסגעבראַכט אין די פאָלגענדע עטליכע מאמרים:

„כאמה כבתה (יחזקאל טז:מד) — מען קען דערקענען צי די מוטער איז אַ שטויסערין אין איהר קינד, וואָס זי האָט געבראַכט אויף דער וועלט״[1]... „דאָס קינד פון אַ שעפעלע שלעפט זיך תמיד נאָך דער מו־טער און די מעשים פון דעם קינד זיינען פונקט ווי די מעשים פון דער מוטער״[2]... „די רייד פונ׳ם קינד אין גאַס, זיינען די רייד פון דער מוטער אין שטוב״[3].

אונזערע חז״ל זיינען געגאַנגען נאָך ווייטער, און האָבען באַהויפּטעט, אַז אפילו די עסענס[4] פון דער מוטער האָבען אַ געוויסע ווירקונג אויף דער שפּעטערדיגער אויסשטאַלטונג פונ׳ם קינד. דערפאַר לייגען זיי אַרויף די גרעסטע אחריות פונ„ם חינוך[5], אויף דער מוטער[6], און זיי רופען זי אפילו אָן: „בית״ — שטוב, וואָס דאָס דריקט אויס דעם גע־דאַנק, אַז די גאַנצע שטוב, מיט אַלע געשעהענישען אין איהרע ווענט, זיינען דורגעדרונגען און באַהערשט פונ׳ם גייסט און כאַראַקטער פון דער „עקרת־הבית״ — פון דער מוטער.

„ביתו זו אשתו״[7]; — „ובנית ביתיך — זו אשה״[8]; — „ואמר ר׳ יוסי, מימי לא קראתי לאשתי אשתי, אלא לאשתי ביתי״[9].

מטבורו — דער נאַפּעל, וואָס פאַרבינדעט דאָס קינד צו דער מוטער און וואָס שפּייזט עס[10]. דער נאַפּעל, וואָס איז אַ ריכטיגער סימבאָל פון דער מאַמע׳ס דירעקטער השפעה אויפ׳ן געבוירענעם קינד; דער נאַפּעל, וואָס דאָס הייסט: די מאַמע, איז די איינציגע פאַראַנטוואָרטליכע

פאַר די שפּעטערע מעשים, גוטע אָדער שלעכטע, וואָס איהר קינד באַ־גייט.

* * *

אין שופטים (י״ג) ווערט דערצעהלט, אַז דער מלאך האָט אָנגעזאָגט שמשון׳ס מוטער: „ואל תשתי יין ושכר וכו׳ כי נזיר אלקים יהי׳ הנער״.

איז דאָך אייגענטליך קשה: פאַרוואָס זאָל זי, די מוטער, צוליעב דעם, וואָס דאָס קינד וועט זיין אַ נזיר, נישט טאָרען טרינקען קיין וויין?

נאָר מען קען נישט פאַרלאַנגען פון אַ קינד עס זאָל זיין פרומער פון דער מוטער. און אויב מען וויל ערציהען דאָס קינד ווי אַ נזיר־ד׳, דאַרף מען אָנהויבען דעם חינוך ביי דער מוטער. מען דאַרף זי ער־ציהען אין דעם גייסט, און נאָר דאַן, קען מען זיין זיכער, אַז דאָס קינד וועט אויך אַזוי זיין... — (רבי יונתן אייבשיץ)

* * *

אברהם האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דאָס קינד, מעג האָבען אַזאַ גרויסען טאַטען ווי עס איז יצחק, אויב די מוטער וועט שטאַמען פון די „בנות כנען״, וועט דאָס קינד אויך נישט טויגען. האָט ער דערפאַר געהייסען אליעזר׳ן גיין קיין „אַרם נהרים״ נאָך רחל׳ען.

ווען רחל דערפיהלט אָבער, אַז „ויתרוצצו הבנים בקרבה״, אַז: כשעוברת על פתחי עבודה זרה עשיו מפרכס לצאת״. האָט זי אַויסגערו־פען מיט ערשיטערונג:

„אם כן למה זה אנכי״ — אויב אויך מיר שטעהט פאַר צו האָבען אַ זוהן אַ רשע, טאָ נאָכוואָס האָט ער מיך געדאַרפט, האָט ער דאָך געקענט חתונה האָבען מיט איינע פון די בנות כנען? ... — (רבי שלמה קלוגער)

(ב)

רבי עקיבא אומר מחוטמו —

ר׳ עקיבא האָט דאָ אַרויסגעזאָגט אַ טיעפען פסיכאָלאָגישען אמת. אַן אמת וואָס די מאָדערנע פעדאָגאָגען און פסיכאָ־פאָרשער האָבען ערשט לעצטענס אויסגעפונען.

— אַז די גרעסטע השפעה אויפ׳ן מענש, האָט די סביבה, די אומ־געבונג אין וועלכער ער אָטעמט און אין וועלכער ער פאַרברייננגט זיינע טעג און יאָהרען.

לימוד און אַרגומענט, אַפּעלירען צום שכל, צום אינטעלעקט. אי־בערצייגונגען בלייבען איינגעצוימט און פאַרריגעלט אין די קאַמערען פונ׳ם מוח.

אַטמאָספערע, אָבער, אַטעמט אַריין איהר ווירקונג אין אַלע אברים, אין אַלע קעמערלאַך פונ׳ם מענשענס נשמה.

אַטמאָספערע און סביבה וועבען אויס אין איהם זיין לעבענס־השקפה, ווירקען אויף זיין דענקען, אויף זיינע מאַניערען[11], שאַפען זיינע שטימונגען און טראָגען איהם מיט, ווי מיט אַ מעכטיגען שטראָם.

אַטמאָספערע און סביבה זיינען דאָס לעבען אַליין. דער מענש זאַפּט זיי איין אין זיך און זיי זאַפען איהם איין.

ווי ווייט מעכטיג און דעצידירענד סביבה קען זיין, און ווי שוואַך עס איז קעגען איהר דער כח פון לימוד און אינטעלעקטואַליזם, קען דיענען פאָלגענדער פאַקט:

„רבי אלעזר בן ערך[12] איקלע להתם, אימשיך בתרייהו, איעקר תלמודיה, כי הדר, אתא קם למקרי בספרא, בעי למקרא החדש הזה לכם, אמר החרש היה לבם, בעו רבני רחמי עלי׳ והדר תלמודי׳, והיינו דתנו ר׳ נהוראי אומר הוי גולה למקום תורה״ (שבת קמז)

ר׳ אלעזר בן ערך, וועלכער איז געווען אַזוי גרויס אין לערנען, אַז ער האָט איבערגעוואויגען אַלע חכמים פון זיין דור[13], און וועלכער האָט געקראָגען אַפּיציעל דעם טיטול „נחל שוטף ומעין המתגבר״[14] —

ר׳ אלעזר בן ערך, וועלכער איז געווען אַ מלאך אלקים, וואָס בשעת ער האָט אָנגעהויבען זאָגען סתרי תורה האָט אַ פייער איהם אַרומגע־רינגעלט און די בוימער האָבען אָנגעהויבען זאָגען שירה[15] —

ר׳ אלעזר בן ערך, אויף וועלכען ר׳ יוחנן בן זכאי זאָגט: „אשריך אברהם אבינו שר׳ אלעזר בן ערך יצא מחלציך״[16] —

דער ר׳ אלעזר בן ערך איז געוואָרען אַזוי פאַרגרעבט, געפינענדיג זיך אין אַ שלעכטער סביבה, אַז ער האָט פאַרגעסען דאָס וואָס אַ חדר־קינד ווייסט.

איז עס נישט דאָס קלאָרסטע בילד, ווי שטאַרק אַ סביבה ווירקט אויף דעם מענש, האָט השפעה אויף זיין גאַנצען גייסטיגען אויסזעהן?

ר״ע אומר מחוטמו — די לופט וואָס מען אָטעמט אַריין, די סביבה אין וועלכער מען וואוינט, זי האָט די שטאַרקסטע השפעה אויף דער

אויסבילדונג פונ׳ם כאַראַקטער און, ממילא, פון די מעשים, און ביי איהר דאַרף זיך אָנהויבען דער חינוך.

(ג)

ר׳ אליעזר בן יעקב אומר, מצוארו —

מען האָט מיך אַמאָל געפרעגט אַ פשט אויפ׳ן פסוק: „ואם אין לו ונמכר בגנבתו״ (משפטים) — היתכן, ווער וועט דען וועלען קויפען אַ גנב אין שטוב אַריין?

האָב איך געענטפערט, אַז די תורה ווייזט דאָ אַרויס אַ מוסטער פון מענשליכקייט און מיטגעפיהל, און אדרבא, דער „ונמכר בגנבתו״, איז נישט קיין שטראָף, נאָר פאַרקערט, אַן אויסדרוק פון סימפּאַטיע און פאַרשטענדעניש;

ווייל עס זיינען פאַראַנען צווייערליי פאַרברעכער:

עס איז פאַראַנען אַ פאַרברעכער, וואָס האָט נישט קיין שום סיבה צו זיין פאַרברעכען. ער איז געבוירען אין רייכקייט, האָט אַלע געלעגענהייטען אויסצולעבען זיך אַ ריין אָרענטליך לעבען, ער האָט אויך געקראָגען אַ גענוגענדע בילדונג, און דאָך, ציהט עס איהם צו זינד און פאַרברעכען. אַמאָל קומט עס פון צו פיעל וואוילטאָג פונ׳ם „מה יעשה הבן שלא יחטא״[17], און אַמאָל זיינען די חברים שולדיג.

אַזאַ פאַרברעכער איז געפעהרליך, און מען דאַרף איהם באַשטראָפען מיט די שטרענגסטע שטראָפען, אי עס זאָל איהם אָלערנען און אי עס זאָל אָנשרעקען אַנדערע[18] אַזעלכע רייכע זוהנדעלעך און הפקר-יונגען.

עס איז אָבער אויך פאַראַנען אַ גאַנץ אַנדערער טיפּ פאַרברעכער.

ער איז אַן איידעלער מענש, אויפגעצויגען אין אָרעמקייט און אין אייביגער נויט. שטענדיג האָט ער שווער געאַרבייט און פאַרדינט זיך עהרליך זיין שטיקעל ברויט פאַר זיין פאַמיליע.

נאָר מיטאַמאָל איז אַן אומגליק געשעהן. ער האָט אָנגעוואוירען זיין „דזשאָב״, האָט אויפגעגעסען די לעצטע פאַר סענטען, זיין ווייב און קינדער הונגערן; געהען אַרום מיט אויסגעצוימטע פנימ׳ער, מיט מאָהנענדיגע בליקען. ער אַליין געפונט נישט קיין אָרט פאַר זיך. עס דאַכט זיך איהם, אַז זיינע קליינע קינדער, זיין פרוי, פאָדערען עפּעס פון איהם; מאָהנען דאָס, וואָס אַ פאָטער און אַ מאַן איז פאַרפליכטעט צו

טאָן פאַר זיי. ער איז נידערשלאָגען, פאַרצווייפעלט; לויפט פון איין אָרט צום צווייטען און — קומט צוריק מיט ליידיגען.

איינמאָל מאַכט זיך, אַז ער האָט אַ לייכטע געלעגענהייט אָוועקצו־גנב'ענען עפּעס ביי אַ רייכען מאַן. ער וואָלט דערמיט געקויפט ברויט פאַר זיין ווייב און קינדער, ער שטעהט פאַר אַ גרויסען נסיון. זיין כאַראַקטער, זיין איינגעבוירענע אידעלקייט, לאָזט איהם נישט טאָן די זאַך, שלעפּט איהם אָוועק. אָבער, מיט־אַמאָל, שווימט־אויף אין זיין געדאַנק דאָס געוויין פון די קינדער; זייערע בלאַסע, בעטענדיגע פנים'לאַך. ער קען נישט ביישטעהן דעם נסיון, און — ער גנב'עט.

אַזאַ גנב רופט נישט אַרויס קיין צאָרן אויף זיך. אַדרבא, ער וועקט רחמנות און מיט־געפיהל. ער שטעלט מיט זיך פאַר אַ קרבן פון אומ־שטענדען. זיין פאַרברעכען איז אַ צופעליגער, אַ געניטער.

זאָגט דעריבער די תורה:

„ואם אין לו" — אויב דאָס איז אַ גנב וואָס איז באַגאַנגען זיין גנבה צוליעב נויט, צוליעב אַ שטיקעל ברויט פאַר זיין פאַמיליע.

„ונמכר בגנבתו" — זאָלסטו זוכען אַ מיטעל, וואָס וועט איהם וויי־זען, אַז מיר באַטראַכטען איהם נישט פאַר קיין כראָנישען גנב, פאַר אַ פאַרברעכער, וואָס מען היט זיך פאַר איהם.

ונמכר בגנבתו — זאָלען זיך טרעפען אַנטשטענדיגע משפּחות וואָס זאָלען איהם אַרייננעמען אין זייערע הייזער, געטרויען איהם זייערע פאַר־מעגענס, אַרויסווייזען, אַז מען באַטראַכט איהם פאַר אַן עהרליכען מאַן, ווען מען קען איבערגעבען די שליסלען.

און דערמיט אַריינברענגען אַ ביסעל מוטה און האָפענונג אין זיין האַרץ.

* * *

מצוארו — דער האַלז, דאָס שטיקעל ברויט, די טאָג טעגליכע מזונות, קענען אַמאָל דעם מענשען אַריינוואַרפען אין די אָרעמס פון מאָרד און פאַרברעכען.

אויב מען וויל אויסמיידען זינד און פאַרברעכען, דאַן מוז מען צוערשט באַפרידיגען דעם „צואר" — שאַפען סאָציאַלע און עקאָנאָמישע

גלייכגעוויכטען; אָפּווישען די אומגלייכהייטען, וואָס הערשען אין דער וועלט פון פרנסה און אַרבייט; שאַפען אַ באַזיס פון קלאַסען־גלייכהייט און קלאַסען־פאַרשטענדעניש.

אָפּשאַפען נויט און אַרבייטסלאָזיגקייט...

* * *

1) בראשית רבה פ, ילקוט שמעוני שם.

2) כתובות סג.

3) סוכה נו.

4) כתובות סא. — האוכלת בשר ויין וכו׳ — בתו של שבור מלכא אכלה אמה אתרוג וכו׳

5) עירובין ק. — עצבונך — זה צער גידול בנים.

6) ברכות ז. — נשים במאי זכיין? — באקרויי בנייהו לבי כנישתא וכו׳.

7) יומא כ.

8) סוטה מד.

9) שבת קיח.

10) נדה ל:

11) ע״ז כו. — מה בין גנבי בבל ללסטין דא״י...

12) באבות דר״נ פ׳ יד: — שהלך לדמסית, למקום יפה ומים יפים ונאים, נתמעט שמו בתורה, הם שהלכו ליבנה, נתגדל שמם בתורה.

13) אבות ב׳ ח.

14) אדר״נ פרק יד.

15) חגיגה יד.

16) חגיגה שם.

17) ברכות לג.

18) למען ישמעו העם ויראו.

שאל אביך ויגדך

אמרו להם היונים: כתבו לכם על קרן השור שאין לכם חלק ונחלה באלקי ישראל. — (ירושלמי חגיגה ס״פ ה״ב, ויק״ר פ׳ טו:ט)

די יונים, קענענדיג דעם אונבויגזאַמען כאַראַקטער פונ׳ם אידישען פאָלק, זיין האַרטנעקיגקייט און שטענדיגע גרייטקייט אָפּצושלאָגען מיט׳ן גרעסטען מסירת־נפש יעדע אַטאַקע פונ׳ם שונא, — האָבען זיי אפילו נישט געפּרואווט אַנהויבען זייער קאַמף אָפען און דירעקט, נאָר מיט אונטערוועגען, מיט געמאַכטער העפליכקייט, ווי זוכענדיג גאָר זייער טובה.

זיי האָבען גע׳טענה׳ט:

כתבו לכם שאין לכם חלק ונחלה באלקי ישראל — מיר ווילען אייך נישט אָפּרעדען פון אייער גאָט, מיר זוכען נישט צו פאַר׳מיאוס׳ען זיינע געזעצען אין אייערע אויגען. מיר האָבען בכלל נישט אַזעלכע בייזוויליגע כוונות. מיר פאַרשטעהען נאָר נישט, ווי אַזוי איהר נעמט בלינד און אונערפאַהרען דאָס, וואָס אייערע עלטערען גיבען אייך איבער בירושה...

פאַרוואָס פּרואווט איהר נישט אַריינטראַכטען מיט דעם אייגענעם שכל, צו די געזעצען פון אייער גאָט זיינען צוגעפּאַסט צו דער צייט?

אמת, מען דאַרף טאַקי גלויבען, מען דאַרף דאָך אָבער נישט גלויבען אין דעם וואָס יענער באַפעהלט צו גלויבען, וואָס יענער גיט איבער בלינד, און אָהן אַ פאַרוואָס, ווי עפּעס אַ ירושה פון פריהערדיגע דורות.

* * *

די יונים האָבען אַ פּנים נישט דערגרונטעוועט די יסודות פון דער אידישער אמונה — דעם „שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך״, וועלכער איז דער ווינקעל־שטיין אויף וועלכען עס בויעט זיך אויס די אידישע השקפת־עולם.

ווען זיי וואָלטען אַ ביסעל טיעפער שטודירט דאָס יהדות, וואָלטען

זיי געוואוסט, אַז מיר דאַרפען נישט זוכן קיין וועגען אויף וועלכע צו געהן. מיר דאַרפען נישט בלאָנדזשען און פאַרמאַטערט ווערען פון בלאָנדזשעניש און צווייפעל. מיר האָבען אַ גלייכען וועג, אַ באַלויכטע־נעם מיט׳ן ליכט פון טראַדיציע. אויף איהם דערקענען מיר די טריט פון פאַרגאַנגענע צייטען. מיר פיהלען אויף איהם דאָס היימישקייט, וואָס דורות האָבען דאָרט איבערגעלאָזט; אַ היימישקייט, וואָס מאַכט זיכער, נאָהענט און פאַרטרייבט יעדען סימן פון ספק...

* * *

פן יש בכם שורש פורה ראש ולענה (נצבים)

דער שורש פורה ראש ולענה — פלעגט זאָגען דער „יוד הקדוש״ — דער שורש פון אַלעם בייזען, ליגט אינ׳ם „פן״, אין די ספקות, אינ„ם צופיעל חקר׳נען זיך, אינ׳ם וועלען זיין אַ חכם, וואָס האַלט נישט פונ׳ם „מעשי אבותיהם בידיהם״...

* * *

בשעת דער זוהן פון אַ באַריהמטען חסידישען רבין איז אַראָפּ אויף אַ געוויסער צייט, פון דעם גלייכען וועג, איז איינמאָל געקומען צו איהם זיין ברודער, — אויך אַ באַריהמטער רבי — און גענומען מיט איהם איינ׳טענה׳ען ער זאָל תשובה טוהן. האָט ער איהם אויסגעלאַכט און אָפּגעענטפערט, אַז: „נחפשה דרכנו ונחקורה״ — פריהער דאַרף מען זוכען, פאַרטיעפען זיך, חוקר זיין, און ערשט דערנאָך — „ונשובה עד ד׳״, ווערט קלאָהר צי מען דאַרף תשובה טוהן...

דאַרויף האָט איהם דער ברודער, דער רבי, געענטפערט מיט אַ זיפץ: —איצט איז מיר פאַרשטענדליך צוליעב וואָס ירמיהו הנביא האָט דעם דאָזיגען פסוק אַריינגענומען אין איכה, און וואָס פאַר אַ שייכות דאָס האָט צו די קינות.

עס ווייזט אויס, אַז אויך דאָס געהער צו די זינד פון יענעם דור און צו די סיבות, וואָס האָבען דערפיהרט צום חורבן. אויך די דאָזיגע פושעים, ווייזט אויס, פלעגען איינ׳טענה׳ן דאָס זעלבע: — צוערשט: נחפשה דרכינו ונחקורה, און ערשט דערנאָך — ונשובה...

אני ואתם נלך וננחמנה

נחמו נחמו עמי יאמר אלקיכם, אמר הקב״ה לאברהם, לך ונחם את ירושלים, שמא מקבלת תנחומין. הלך אברהם ואמר קבלי ממני תנחומין ולא קבלה הלך יצחק ואמר, קבלי ממני תנחומין ולא קבלה, הלך יעקב ואמר, קבלי ממני תנחומין, ולא קבלה, הלך משה ואמר, קבלי ממנו תנחומין ולא קבלה. מיד הלכו כולם לפני הקב״ה ואומרים: רבוש״ע, אינה מקבלת תנחומין ממנו, א״ל הקב״ה: אני ואתם נלך ונחמנה, הוי, נחמו, נחמו עמי. — (ילקוט ישעי׳ רמ״ז תע״ג)

אַזוי איז שוין דער לעבענס-גאַנג פון דער אידישער געשיכטע. ווען אַלעס ליגט אין חורבות, דאָס אידישע פאַרמעגען צופליגדערט; אידישע לעבענס יונגערהייט פאַרשניטען; ירושלים, דער סימבאָל פון דער אומה, גייט אַרום אין שוואַרצען איינגעהילט — בלייבט מען נישט זיצען רעזיגנירט, מיט צווייפעל און אונמאַכט, נאָר מען קלעהרט שוין ווי אַזוי אַלעס צוריק אויפצובויען; ווי אַזוי, אויף די רואינען פון דעם אַלטען, צוריק אויפצושטעלען אַ ניי אידיש לעבען, אַ לעבען וואָס זאָל בכח זיין אויסצושטיין די אַנגריפען פון דרויסען, און די שטורם־ווינטען פון אינעווייניג, אינ׳ם אייגענעם לאַגער...

דאַרף מען זיך אָבער באַוואָרענען, אַז די נייע וועלט זאָל זיין אַ דויערהאַפטע, אַ באַפעסטיגטע, זי זאָל נישט האָבען די פעהלערען פון פריהער; זי זאָל זיין געבויט אויף אַלע יסודות פון אידישקייט; יעדער איינער זאָל געפינען אין איהר אַן אַנהאַלט; זי זאָל נישט זיין קיין יחידישע, דאָס אייגענטום פון דער גרופע אָדער אַ צווייטער, נאָר, זאָל באַלאַנגען צו כלל־ישראל, צו אַלע גלייך.

לערענט אונז טאַקע וועגען דעם דער דערמאנטער מדרש.

(א)

הלך אברהם — ולא קבלה

אברהם איז דער סימבאָל פון ברייטהאַרציגקייט און וואוילטאַט[1]. אברהם איז געווען דער ערשטער טשאַריטי־איד. זיין פילאַנטראָפּי האָט ער

אויסגעטיילט צו אַלעמען גלייך[2], צו איד און נישט־איד[3], צו אַלע ראַסען און אַלע גרופען. ער איז אויך געווען אַ וועלטליכער מענש[4], גע'חבר'ט זיך מיט מלכים ושרים[5], און אַליין געווען אַ פּאָליטישער פיהרער[6].

מיט איין וואָרט — אַפּראָאַקטיף פון יענע באַקאַנטע מילאַנערען־פילאַנטראָפּען, וואָס טיילען טשאַריטי מיט אַ ברייטער האַנד, האַלטען אויס צדקה אינסטיטוציעס, זיינען געוועהנליך, אויך מקורבים למלכות, און — טענה'ן צום פּאַרטרויערטען „ירושלים" — „קבלי ממני תנחומין" — מיר וועלען זיין די מנהיגים פונ'ם פאָלק און מיר וועלען פאַרוואַנדלען דעם כלל־ישראל אין אַ טשאַריטי אינסטיטוציע פון „געבערס און נעמערס"...

ולא קבלה ותנחומין — נישט אַזוי בויעט מען אויס אַ ניי אידיש לעבען...

(ב)

הלך יצחק — ולא קבלה.

יצחק שטעלט מיט זיך פאָר דעם טיפּ פון אַ קדוש וטהור[7], פון אַ מענש, וואָס לעבט שטענדיג אין אַ לויטערער אַטמאָספערע פון תורה ועבודה[8]. ער איז אימער אין הויכע וועלטען, דינט גאָט מיט מסירת־נפש. איז גרייט צו ברענגען די גרעסטע קרבנות פאַר אידישקייט[9]. דער עולם הזה איז ביי איהם גאָרנישט. אין סאַמע מיטען פון די וויכטיגסטע פאַמיליען־געשעהענישען איז זיין מח פאַרטוהן אין הימעל־ענינים[10].

ולא קבלה ממנו תנחומין — אַ פאָלק קען נישט זיין צונויפגע־שטעלט פון בלויז קדושים וטהורים, פון בלויז מלאכים. אַ פאָלק דאַרף האָבען פּראָסטע מענשען, אַרבייטער, סוחרים, און מעקלער. אַ פאָלק דאַרף זיין לעבעדיג און ווירקזאַם אין עולם הזה, אויף דער וועלט. אַ וועלט פון בלויז מלאכים וואָלט געלאָזט די ערד וויסטען, וואָלט נישט געהאַט די אַמביציע צו בויען און שאַפען דעם אינערליכען דראַנג צום פּאָראויס.

* * *

ויהי כי זקן יצחק ותכהין עיניו מראות — שבשעה שעקד אברהם אבינו את יצחק ע"ג המזבח הציץ יצחק למעלה ונשלו דמעות מעיני המלאכים וכהו עיניו (בראשית רבה פ' ס"ה ה')

פאַרוואָס קומט אַזאַ גרויסען צדיק, ווי יצחק, אַזאַ עונש, ווי „כהו עיניו" ?

און פאַר וואָס איז רבקה יאָ געווען אַ מבין אויף עשיו׳ס צביעות, און יצחק נישט?

דער תירוץ אויףביידע קשיות איז אַ גאַנץ איינפאַכער.

— עס איז אַמאָל פאַראַנען אַ פרומער מענש, וואָס איז אָבער גע-בוירען געוואָרען אין אַ פאַרדאַרבענער סביבה, ביי ביליגע עלטערען. און נאָר דורך פאַרשידענע צופאַלען און אומשטענדען האָט ער זיך אַרויסגעריסען פון יענער אַטמאָספערע און געוואָרען דאָס, וואָס ער איז היינט.

אַזאַ מענש, האָט געהאַט די געלעגענהייט זיך צו באַקענען אין זיין קינדהייט מיט דער שלעכטער זייט פונ׳ם לעבען. ער ווייסט, אַז עס זיינען פאַראַנען פאַלשע מענשען, צבוע׳קעס, און פאַרמאַסקירטע. ער האָט אָט די אַלע טיפען געזעהן אין דער יוגענד, אין זיין פאָטערס הויז. דערפאַר, אַז איצטער וועט צו איהם קומען איינער פון יענע פערשוינען, וועט ער איהם באַלד דערקענען. ער קען זיך אויס אויף זייערע וועגען און איהם וועט מען נישט אָפנאַרען.

דאַגעגען איז פאַראַנען אַ פרומער מענש, וואָס איז באַלד געבוירען געוואָרען אין אַ פרומער און עהרליכער שטוב. ער האָט פון זיין קינדהייט אָן געלעבט צווישען עהרליכע און אַנשטענדיגע מענשען. ער האָט זיך קיינמאָל נישט באַגעגענט מיט קיין אַנדערע. דאַכט זיך איהם, אַז אַלע מענשען זיינען אַזוי; אַז עס זיינען גאָר קיין שווינדלער נישט פאַראַנען.

צווישען רבקה׳ן און יעקב׳ן איז געווען דער זעלבער חילוק.

רבקה איז געבוירען געוואָרען ביי אַ טאַטען אַ ליגנער, אַן אויס-וואורף. געהאַט אַ ברודער, אַ לבן הארמי. די גאַנצע סביבה איז זיכער געווען די זעלבע. האָט זי, רבקה, זיך דעריבער גוט אויסגעקענט אויף שווינדעל און צביעות. האָט זי טאַקע באַלד דערקענט עשיו׳ן אין זיין אמת׳ן געשטאַלט. זי האָט זיך גוט אויסגעקענט אויף די פאַלשע שטיק זיינע.

דאַגעגען יצחק, איז געוואַקסען פון זיין קינדהייט אין קדושה וטהרה. געזעהן ביי זיין טאַטען אברהם בלויז פרומע, אויפריכטיגע מענשען, געלעבט אייביג אין אַזאַ סביבה. האָט ער געמיינט, אַז די

גאַנצע וועלט איז פול מיט קדושה וטהרה, און אַז אַלע מענשען זיינען פרום.

הציץ למעלה — אימער געקוקט אַרויף, געווען אַריינגעטוהן אין הויכע געטליכע ענינים. געלעבט אין אַ סביבה פון הימעל און הימלישקייט.

וכהו עיניו —איז ער דערפאַר בלינד געווען צו זעהן די שווינדלער פון דער וועלט: דאָס צביעות פון זיין אייגענעם זוהן. מען האָט איהם געקענט זייער לייכט אָפּנאַרען.

(ג)

הלך יעקב — ולא קבלה תנחומין.

יעקב סימבאַליזירט מיט זיך אהבת ארץ־ישראל—גרייטקייט אַוועקצוואַרפען די בעסטע און שעהנסטע געלעגענהייטען אין גלות, אַבי צו וואוינען אין אייגענעם לאַנד.

מיט יעקב׳ס געבורטה האָבען זיך אָנגעהויבען אַרויסצושיילען די צוויי געגנערישע וועלטען, וואָס „כשזה קם זה נופל״[11], וואָס שטעהען אין אייביגען פאַרביטערטען קאַמף אויף טויט און לעבען[12].

יעקב איז געווען דער ערשטער איד וואָס דערקענט, אַז אפילו ווען עשיו וויל זיך קושען, איז עס אויך פאַלש, אַז „שלא בא לנשקו אלא לנשכו״[13].

דערפאַר חלומ׳ט ער פון אַן אייגען לאַנד, פון אַן אייגענעם „מקום־מנוחה״.

און אין די סאַמע אומגליקליכסטע מינוטען אין זיין לעבען, ווען ער האָט נישט קיין דאַך איבערן קאָפּ, ער מוז שלאָפען אין דרויסען אויף אַ האַרטען שטיין, איז זיין מח אַלץ פאַרטוהן מיט פלענער און חלומות וועגען ארץ ישראל — „מלמד שקפלה הקב״ה לארץ ישראל והניחה תחת ראשו״[14] — ווייל ער ווייסט, אַז גלות — אפילו מיט די בעסטע באַדינגונגען — איז אַ ירידה, און ארץ ישראל — מעג עס זיין אין אָרימקייט — איז עס אַן עליה, אַן אַרויפשטייג, אַ דערנעהנטערונג צו שלמות און קיום. — „עולים, שליוו אותו המלאכים לארץ ישראל, ויורדים — לחוץ לארץ״[15]..

אַמשטאַרקסטען קומט צום אויסדרוק יעקב׳ס תשוקה צו אַן אייגען

לאַנד. און די מאָטיווען פאַרוואָס ער וויל דאָס, אין פאָלגענדען מאמר חז״ל: —

* * *

בשעה שלוה יעקב ליוסף, למד עמו פרשת עגלה ערופה. וירא את העגלות — פרשת עגלה ערופה וכו׳, מיד: ותחי רוח יעקב אביהם.
(רשי בראשית מ״ו, ילקו״ש ח״א אות קנב)

ווי קומט עס, אַז יעקב זאָל האָבען געדולד צו לערנען מיט זיין באַליבטען זוהן אַזעלכע שווערע הלכות, אין אַ צייט, ווען ער דאַרף זיך שיידען מיט איהם אויף אַזוי לאַנג?

און וואָס ליגט אין דער דאָזיגער „הלכות עגלה ערופה״?

מיר דאַכט זיך, אַז אין דער פרשת עגלה ערופה ליגט באַהאַלטען די גאַנצע טראַגעדיע פונ׳ם גלות און די איינציגע לייזונג און רעטונג דערצו.

„כי ימצא חלל על האדמה״ — ווען מען געפינט אַן אומשולדיג גע׳הרג׳עטען מענש אויפ׳ן באָדען פון אַ פרעמדער מדינה. דער אומגליקליכער איז אַן אויסלענדער, אַ צוגעקומענער. עס האָבען איהם מערדערליכע הענד געטויטעט אָהן אַ פאַרוואָס.

„וירדו זקני העיר ואמרו: ידינו לא שפכו את הדם הזה״ — וועלען באַלד קומען די פאַרשטעהער פון יענעם שטאַאַט, און באַמיהען זיך ריינצוואַשען זייערע הענד פון דעם פאַרגאָסענעם בלוט, טענה׳נדיג, אַז נישט זיי זיינען שולדיג אין דעם פאַרברעכען. מסתמא דאָרט, עפּעס אַ באַנדע אומפאַראַנטוואָרטליכע עלעמענטען האָבען דאָס געטוהן. מיט דער אָפיציעלער מאַכט האָט דאָס קיין שום שייכות. אדרבא, זיי — די זקני העיר — באַדויערען דעם פאַקט, זאָגען צו, אויף ווייטער צו פאַרהיטען דאָס לאַנד פון אַזעלכע ברוטאַליטעטען.

זאָגט ווייטער די תורה:

„על האדמה — ולא על המים״[16] — ווען, וועלען די זקני העיר געפינען פאַר נויטיג זיך רעכטצופערטיגען פאַר דער וועלט, ווען דער גע׳הרג׳עטער ליגט אויף באָדען — ער באַלאַנגט צו אַ נאַציאָן, וואָס האָט אַן אייגען לאַנד, אַ מלוכה, וועלכע וואַכט איבער זיין גורל, און וועלכע וועט זיכער איצטער אויפשטורעמען די עפענטליכע מיינונג, און מאָהנען דין וחשבון.

„ולא על המים" — ווען אָבער דער חלל ווערט געפונען אַ שווימ־ענדער אויפ׳ן וואַסער — ער איז אַן איד, אַ קינד פון דעם אייביג־וואַנ־דערדיגען פאָלק, תמיד געיאָגט און געוואָרפען, געטריבען און געפייניגט, קיינמאָל נישט האָבענדיג אויף וואָס אַ פוס אַנידער צושטעלען, אָהן מאַכט און אָהן שום שוץ, נאָר אימער, פון איין ווילדער צורוישטער כוואַליע געוואָרפען צו דער צווייטער, באַלד, מיט האסטיגקייט, געהויבען ביז צום הימעל, און אין צווייטען אויגען־בליק פאַרשלונגען אין די טיעפסטע און שוואַרצטע תהומ׳ען.

אָט אַזאַ חלל בלייבט שטענדיג פאַרשוויגען. עס קומען נישט קיין זקני העיר זיך צו פאַרענטפערען. זיי בויטיגען זיך נישט אין דעם. זיי האָבען נישט קיין מורא פאַר קיין קאָנסעקווענצען, פאַר נישט־געוואונ־שענער רעפּוטאַציע.

זיי ווייסען, אַז נישט נאָר אין זייער לאַנד געפינט מען דעם אידישען חלל. אומעטום, ליגט ער אַ צובלוטיגטער, אַ צוקוילעטעטער. די וועלט לאַכט זיך אויס פון זיינע ליידען. קיינער וויל זיך נישט צוהערען צו דעם געשריי פון זיין בלוט, וואָס קאָכט און זידט, און וויל זיך נישט איינשטילען.

בארץ ישראל — ווען עס זאָל עגזיסטירען אַן „ארץ ישראל" — אַן אייגען לאַנד, אַן אייגענע מלוכה — ווען מיר וואָלטען געווען פריי און אונאָפּהענגיג, דאַן וואָלט מען פאַר אונז דרך־ארץ געהאַט, וואָלט מען זיך מיט אונז גערעכענט, וואָלטען אידישע חללים געהאַט ווער עס זאָל זיך פאַר זיי אָננעהמען.

ולא בחוץ לארץ"[17] — אין גלות, אין חוץ־לארץ, קענען מיר קיינ־מאָל נישט ערוואַרטען בעסערע באַהאַנדלונג. מיר זיינען דאָרט פרעמ־דע, אומגעבעטענע אַריינדרינגער. אומגעוואונשענע מענשען, וואָס פלאָנטערען זיך צווישען פרעמדע טישען און פרעמדע בענקלאַך . . .

* * *

יעקב האָט דאָס אַלעס געלערענט יוסף׳ן בשעת יוסף איז אַרויס אין דער גרויסער וועלט. ער האָט געזאָגט : —

מיין קינד, דו גייסט אין דער גרויסער וועלט אַריין. דו וועסט אַ סך דורכמאַכען, אַ סך גלגולים איבערלעבען. זאָלסט אָבער שטענדיג געדענקען די „פרשת עגלה ערופה", אייביג בענקען און שטרעבען צו

דיין אייגען לאַנד, וויסען אַז ערגיץ אַנדערש ביזסטו אַ פרעמדער, אַן איינגעבעטענער.

און ווען יוסף האָט זיך צו זיינע ברידער געלאָזט דערקענען, — ער איז דאַמאָלס געשטאַנען אויף די העכסטע שטאַפּלען פון הצלחה: פעל־קער האָבען איהם קרוינען אַנגעטוהן, — האָט ער — יוסף — אַלץ נישט פאַרגעסען אין דער „פרשה פון עגלה ערופה". ער האָט גע־וואוסט, אַז גליק און סוקסעס אין גלות, איז נישט דויערהאַפט, איז בלויז אויף אַ שטיקעל צייט. ער האָט אין זיינע זאַטסטע און ערפאָלגרייכסטע יאָהרען געוואוסט, אַז ס'וועט קומען אַ מאָמענט פון אַ „ויקם מלך חדש אשר לא ידע את יוסף".

„וירא את העגלות — עגלה ערופה" — אַז עס האָט זיך אין זיין זוהן נישט אויסגעלאָשען די „חיבת הארץ", דאָס באַוואוסטזיין צו שטרע־בען צו „גאולת הארץ".

ותחי רוח אביו —

* * *

ולא קבלה תנחומין — אמת טאַקע, אַז חיבת הארץ איז אַ וויכטיגער ווינקעלשטיין אין דעם בנין האומה. אויף דעם אַליין קען זיך אָבער נישט בויען דער קיום העם... מען דאַרף דערצו נאָך עפּעס.

(ד)

הלך משה — ולא קבלה תנחומין.

משה, די פאַרקערפּערונג פון תורה[18], דער „משה שפיר קאמר"[20], וואָס דאָס באַצייכענט די לומד'ישע וועלט.

עס קען אָבער נישט זיין אַ פאָלק פון בלויז ישיבה־בחורים, פון בלויז לומדי תורה. מען דאַרף אויך האָבען בויער און שאַפער. „הרבה עשו כר' שמעון ולא עלתה בידם"[21]...

* * *

א"ל הקב"ה: אני ואתם נלך ונחמנה, הוי נחמו נחמו עמי.

אברהם, יצחק, יעקב ומשה — אַ פאַראייניגונג פון אַלע גרופּען און אַלע אָפּצווייגונגען, און דערצו נאָך מיט גאָט כביכול, אין דער שפּיץ, קען מען טרייסטען דאָס פאַרטרויערטע ירושלים.

נאָר דאַמאָלס, ווען אונזערע גבירים, די טשאַריטי־מיליאָנערען, וועלען אָפּשאַצען דעם ווערטה פון נאַציאָנאַלער ערוואַכונג, און די „ארץ־

ישראל־אַרבייטער" וועלען אויסשטרעקען אַ האַנד צום רעליגיעזען יודענטום, און ווען אַלע צוזאַמען וועלען אויף זיך נעמען דעם עול־מלכות־שמים, ס'וועט זיין „אני ואתם נלך" —

נאָר דאַמאָלס, וועט ירושלים אַראָפּוואַרפען פון זיך איהרע אלמנה־קליידער, און צוריק אויפבויען אַ היים פאַר זיך. צוריק באַווייזען אַ פנים שוחקות צו דער וועלט. — ס'וועט זיין די אמת'ע אידישע נחמה...

* * *

1) ביצה לב.
2) מדרש רבה ויקרא לד.
3) ב"ר נד — כערביים נדמו לו.
4) ב"ר טז.
5) ב"מ פז., ב"ב טז.
6) ילקו"ש לך לך עב־עג.
7) ב"ר פ' סד ג' — את עולה תמימה וכו'
8) יומא כח — זקן ויושב בישיבה.
9) ב"ר פ' נו יא — כפתני יפה יפה על העקדה.
10) ברכות כח: — תקן תפלת מנחה בשעה שהוא רואה רבקה בפעם הראשון.
11) ע"ז יא — ווי לדין כד יקום דין וכו'.
12) ולאום מלאום יאמץ. ב"ר פ' סג:ו — זה רץ להרוג את זה וכו'.
13) ב"ר פ' עח, יב.
14) חולין צא., ב"ר פ' סט.
15) ב"ר פ' סח, יח.
16) סוטה מד:, רמב"ם הל' רוצח פ"ט הל' יא.
17) ספרי סוף שופטים, רמב"ם פ"י הל' א, מהל' רוצח ושמירת נפש.
18) שבת פ"ח, פט — הועיל ומיעטת את עצמך תקרא על שמך.
19) תמורה טו:
20) שבת קא חולין צג., ירושלמי נזיר פ"ה ה"א.
21) ברכות לה:

לוחות מיט פיער פנימ'ער

הלוחות נכתבו בארבע רוחות, (ירושלמי שקלים פ"ו הל' א) וכמו שפירש הרמ"ע מפאנו בספרו עשרה מאמרות ח"ב פ"ב, דהיו כתובים על כל הד' צדדים: למזרח, למערב, לדרום, לצפון. עיי"ש.

(א)

פונקט ווי אַ הויז מוז זיין צוזאַמענגעשטעלט פון פיער ווענט, אַזוי מוז זיך דאָס אידישע פאָלק צוזאַמענשטעלען פון פיער פאַר־שיעדענע עלעמענטען און גרופען. עס מוזען זיין, געלד־מענשען, וועלכע זאָלען שטיצען און אויסהאַלטען די אינסטיטוציעס, שטרעקען געלד ווי נאָר עס איז נויטיג, העלפען די אָרימע און נויט־באַדערפיגע, זוי אויך העלפען פאַנאַנדערבליהען די אינדוסטריעס און דעם האַנדעל. דער דאָזיגער עלעמענט ווערט באַצייכענט ווי די „צפון־וואַנט", ווייל צפון איז דער סימבאָל פון געלד — „מצפון זהב יאתה"[1] „והרוצה להעשיר יצפין"[2].

מען מוז אויך האָבען געלערענטע אויף אַלע געביטען: וויסענ־שאַפטס־לייט, שריפטשטעלער און פילאָזאָפען — מענשען וואָס זאָלען מיט זיך פאָרשטעלען דעם מאַרך און דאָס האַרץ פונ'ם פאָלק. זיי זיינען די „דרום־וואַנט", ווייל „הרוצה לחכום, ידרים"[3].

דערצו דאַרף מען האָבען גרופען וואָס זאָלען זיך ווידמענען דער „ארץ־ישראל" פראַגע. מענשען, וואָס זאָלען וועקען און מונטערען דאָס נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין אין פאָלק, וואָס זאָלען מיט מעשים און מיט שפּראַך העלפען אויסהאַמערען אַ ווילען און אַ באַגעהר צו אַן אייגען לאַנד, אַן אייגענער מלוכה. זיי דערמאַנען אונז אין דער „מזרח־וואַנט", ווייל „מזרח" סימבאָליזירט „ארץ ישראל"[4].

עס איז נאָך פאַראַנען אַ מעריב־וואַנט, און זי איז גראָד ביי אונז די וויכטיגסטע און די חשוב'סטע, ווייל זי שטעלט מיט זיך פאָר, דעם „תלמוד", די תורה שבעל פה — „במערבא אמרו"[5], „בני מערבה"[6], „שכינה במערב"[7].

און דאָס הייסט, אַז מיר מוזען האָבען ישיבות, בתי תורה, רבנים ולומדים. מיר מוזען האָבען די דאָזיגע בכבוד'יגע מערב־וואַנט...

* * *

די אמת'ע השלמה האָט אָבער דאָס פאָלק נאָר דאַן, ווען אין מיטען פון די דאָזיגע „פיער ווענט" שטייען די געטליכע לוחות, מיט'ן „אנכי ד' אלקיך" ביים אָנהויב, און די לוחות זאָלען אָנקוקען אַלע „פיער ווענט" און יעדע וואַנט באַזונדער זאָל אַריינקוקען אין די לוחות, אין די גאַנצע לוחות, ניט זיך בלויז אויסקלויבען אַ שטיקעל פון די לוחות.

אויף „פראָסטע לשון" הייסט דאָס דאָזיגע, אַז אַלע גרופּען, אַלע ריכטונגען און קלאַסען, וואָס שטעלען מיט זיך צוזאַמען דאָס פאָלק, מוזען גלויבען אין דעם זעלבען אנכי, און אין אַלע געבאָטען פון די לוחות.

„הלוחות היו כתובים למזרח, מערב, צפון ודרום" — יעדער פון די אַרבע רוחות האָט געהאַט פאַר זיך די גאַנצע לוחות.

(ב)

בי"ז בתמוז נשתברו הלוחות והבקעה העיר (משנה תענית כו ע"ב)

דער אומגליק פונ'ם אידישען פאָלק איז געווען און איז אויך איצט, וואָס מען „צוברעכט די לוחות". יעדער נעמט פאַר זיך בלויז אַ שטיקעל. איין געבאָט, און געניג. דער מאָדערנער מענש נעמט זיך דעם „לא תגנוב" און דעם „אנכי ד' אלקיך" וואַרפט ער צו, דעם פרומען תורה־איד... דער נאַציאָנאַלער איד מיינט, אַז פאַר איהם איז גענוג דער „אשר הוצאתיך מארץ מצרים"... אַנדערע באַגנוגענען זיך מיט'ן בלויזען „כבד את אביך ואת אמך"...

נשתברו הלוחות — מען האָט צובראָכען און צוברעקעלט די לוחות. מען האָט זיך איינגעטיילט מיט די „שברי־לוחות". אויף יעדען איינעם איז אויסגעקומען אַ פּיצעלע, אַ חצי זית.

והבקעה העיר — האָט דאָס ממילא געבראַכט צו דער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע, ווייל אַן אמת'ער ליעבהאָבער פונ'ם לאַנד קען מען נאָר זיין דאַן, ווען מען איז אַ פרומער איד. נאָר רעליגיעז באַוואוסטזיין

קען אַרויסרופען אין מענשען אַ ווילען צו מסירת-נפשדיגען פאַרטיי־דיגען יעדען שפּאַן ארץ־ישראל ערד.

ווען אויס די אמונה — דאַמאָלס, טריקענט אויס צוביסלאך די חיבה צום לאַנד, שאַפען זיך מיינונגס־פאַרשידענהייטען, אידעען־בלאָנ־דזשעניש, און דאַן הויבט מען אַן אַרויסצוזעהן די שפּאַלטען און איינבראָכען דורך וועלכע דער שונא דרינגט אַריין...

* * *

1) איוב לז.
2) ב"ב כח:
3) ב"ב כח:
4) ברכות כח., שו"ע יו"ד סי' ד' ז'.
5) ברכות ב, יבמות יז.
6) נדה לא.
7) ב"ב כה.

די האַרמאָני פון וואָרט און טאַט

שנו חכמים בלשון המשנה, ברוך שבחר בהם ובמשנתם (משנה אבות פרק ששי)

עס זיינען באַקאַנט צעהנדליגער פאָלען פון באַריהמטע שטערען אין דער וועלטס־ליטעראַטור, וואָס האָבען זיך געמאַכט אַ נאָמען אַלס מאָראַל־פּרעדיגער, אַלס מוסר׳ער און אויסבעסערער פון דער מענש־ליכער נאַטור, און אין זייער אייגען לעבען, אונטער־פיער־אויגען, זיינען זיי אַליין געוועז געזונקען אין שמוץ און זינד.

די דאָזיגע אָפענע סתירה צווישען זייערע מעשים און זייער לעהרע האָט געמאַכט אַן ענטוישענדען איינדרוק אויפ׳ן פאָלק, ווייל דער פשוט׳ער פאָלקס־מענש, האָט ליעב צו לערנען פונ׳ם פערזענליכען טאָג־טעגליכען לעבען פון זיין פיהרער, מעהר ווי פון זיינע ביכער און דרשות. ער וויל איהם זעהן ריין און מוסטערהאַפט אומעטום אונטער אַלע אומשטענדען, און גאַנצע פיער־און־צוואַנציג שטונדען אין מעת־לעת. דערפאַר האָבען אַ סך פון די ערשטע גריכישע מאָראַל־לעהרער געשריבען זייערע ווערק, אַנאָנים, אָהן זייער נאָמען אויפ׳ן שער־בלאַט, כדי דער לעזער זאָל נישט וויסען ווער דער מחבר איז און אַזוי אַרום נישט האָבען די מעגליכקייט אָפצופרעגען די באַהויפּטונגען אין בוך פון די אייגענע מעשים פון זיין מחבר.

אונזערע חכמים, דאַגעגען, זיינען געוועז גאַנץ אַנדערש אין דער הינזיכט.

אונזערע חז״ל האָבען צוערשט אויף זייער אייגען לייב אויסגע־פּרואווט זייערע אויספיהרונגען וועגען מאָראַל און מענשליכער עטיק. זיי האָבען צוערשט אַליין דורכגעלעבט דעם גאַנצען פּראָצעס פון פאַר־ווירקליכונג, און ערשט דערנאָך, געקומען צום פאָלק מיט דער לעהרע.

זיי האָבען זייערע נעמען פּראָמינענט אַנידערגעשטעלט אויפ׳ן שער־בלאַט פון זייערע ווערק, ביים אָנהויב פון זייערע מאמרים, כדי דאָס פאָלק זאָל קומען און איבערצייגען זיך, אַז דער מענש און זיין

לעהרע זיינען דאָ, אין איינקלאַנג, אין געטליכער האַרמאָני, און אַז נישט בלויז זייערע ווערטער זיינען אַזוי ריין און הימליש, נאָר אויך זייערע פּערזענליכע ערפאַרונגען, זייער פּריוואַט־אינטים לעבען, איז פּונקט אַזוי ליכטיג און לויטער.

שנו חכמים בלשון המשנה — אין דעם לשון פון דער משנה — אין אבות — וואו עס קומען צום אויסדרוק די העכסטע מאָראַלישע ווערטהען, די זוניגסטע עטישע פּרינציפּען, זיינען אַוועק געשטעלט געוואָרען די נעמען פון די חכמים. ביים אָנהויב פון יעדער משנה שטעהט, ווער עס האָט דאָס געזאָגט.

ווייל —

ברוך שבחר בהם ובמשנתם — געלויבט איז גאָט, וואָס ביי אונז זיינען אויסדערוועהלט סיי די לעהרעס און סיי די לעהרער. נישט בלויז האָבען זיי געלערנט הויכע און שעהנע מדות, נאָר זיי אַליין האָבען די דאָזיגע מדות איינגעפלאַנצט אין זייערע לעבענס. זייערע היימען, זייערע טאָג־טעגליכע מעשים, זיינען געבליבען אָפען פאַר אַלע, ווי הייליגע אָפענע מוסר־ספרים פון וועלכע מען שעפּט מוסר און מדות...

(ב)

כשחלה רבי יוסי בן קיסמא הלך ר׳ חנינא בן תרדיון לבקרו, אמר לו חנינא אחי וכו׳ שמעתי עליך שאתה יושב ועוסק בתורה ומקהיל קהילות ברבים וכו׳ אמר לו (ר׳ חנינא לר׳ יוסי) מה אני לחיי עוה״ב? אמר לו כלום מעשה בא לידך? וכו׳ (עבודה זרה יח.)

דו לערענסט טאַקע אַנדערע. דו פאַרשפּרייטסט גאָט׳ס וואָרט צווי־שען די פאָלקס־מענשען. דו ווייזט זיי די וועגען פון גוטס אויף וועלכע זיי זאָלען געהן. — איבערצייג מיך איצטער צו דו אַליין טוהסט אויך דאָס זעלבע... לאָמיך זעהן צו דו לערענסט דיך פּונקט ווי דו לערענסט אַנדערע...

— ווייל עס זיינען פאַראַנען אַ סך „גרויסע לעהרער", וואָס מוסר׳ן אַזוי שעהן אַנדערע, וואָס שילדערען אַזוי ערהאַבען די טוגענדען פון׳ם לעבען. זיי טוהן עס אָבער בלויז פאַר יענעם, פאַר׳ן „פאָלק". אַליין זיינען זיי קינדער פון׳ם טייוועל, טרעטען מיט די פיס אַלעס וואָס

איז מאָראַליש, טאַפּטשען אַרום אין בלאָטעס פון זינד און צופוילטקייט; האַלטען פולע קעשענעס מיט שעהנע דרשות בלויז אויף צו פאַרקויפען — אַנדערע זאָלען עס ביי זיי קויפען . . .

כלום מעשה בא לידך —דערצעהל מיר עפּעס פון דיין פּריוואַט לעבען, פון די מעשים, וואָס דו טוהסט ווען קיינער זעהט נישט. לאָמיך צוערשט זיך איבערצייגען, אַז דיין אינטימע וועלט, איז פונקט אַזוי הייליג, ווי דיין וועלט אין געזעלשאַפט, און דאַן, וועל איך דיר קענען זאָגען צי דו ביזט „מזומן לחיי עולם הבא״. . .

* * *

וכפר בעדו וכו׳ ובעד כל קהל ישראל[1] — כפרתו קודמת וכו׳ לכפרת כל קהל ישראל[2] — פאַרוואָס, אייגענטליך, איז „כפרתו קודמת״, ווערענד אומעטום, ביי אַלע ענינים, זעהען מיר דאָך, אַז דער קהל, דער ציבור, איז וויכטיגער און פריהער פאַר׳ן יחיד?

— ווייל מכפר זיין אויף אַן אַנדערען קאָן מען נישט פריהער, כל־זמן מען איז אַליין נישט ריין פון זינד . . . — (ספרים)

* * *

אמת קנה ואל תמכור[3] — קויף דעם אמת פאַר׳ן אייגענעם געברויך, פאַר זיך און פאַר דיין היים, — ואל תמכור — זיי נישט פון יענע „מזכים את הרבים״, וואָס האַלטען דעם אמת און די אַלע שעהנע מוסר־רייד, פאַר אַנדערע, צום פאַרקויפען. . . — (קאָצקער)

* * *

1) ויקרא טז, יז

2) יומא מו.

3) משלי כג:כג.

דער שכר פונ׳ם רודף שלום

האי מינאי דחזי לרבא דקא מעיין בשמעתא ויתיב אצבעי דידיה תותא כרעי וקא מייץ לי וקא נבעי אצבעותי דמי וכו׳ א״ל אנן דסגינן בשלמותא וכו׳ (שבת פ״ח)

אַ מערקווירדיג פאָלק זיינען מיר אידען. אין דער צייט וואָס פון אונזער גוף גיסט זיך בלוט; מיר לעבען אין אייביגען פיין און שוידער; מען דרוקט און מען קוועלט אונז — ווערען מיר נישט דורך דעם פאַר־ביטערט אויף דער וועלט; זאַמעלט זיך נישט אָן אויפ׳ן באָדען פון אונ־זער האַרץ און פון אונזער געדאַנק יענע זויערקייט און גיפט, וועלכע איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש ביי אַלע מרי־נפש. אדרבא, מיר זיינען אַלץ געבליבען די ווייכע, ליבליכע, נאַטורען, וואָס פרעדיגען שלום און ברודערליכקייט. מיר ריידען אַזעלכע ראָמאַנטישע רייד צו אונזערע שונאים אפילו בשעת זיי האַלטען אין מיטען חוזק׳ן פון אונז, רופען אונז מיט נעהמען, ווי „עמא פזיזא" וכדומה...

* * *

וישלח משה לקרא לדתן ולאבירם, מכאן שאין מחזיקין במחלוקת — (רש״י)

ביי יעדער זאַך גילט דער כלל פון חזקה, נאָר נישט ביי מחלוקת און שנאה. „אין מחזיקין במחלוקת" — אַ מחלוקת שטעלט מען נישט אויף דער חזקה... מעג עס זיין אַ מחלוקת ווי גרויס און אַלט, מעגען די מענשען זיין ווי פאַרדאַרבען און דורגעפוילט מיט האַס און פאַרראַט, דאַרף מען זיך אַלץ נישט מייאש זיין, דאַרף מען אַלץ פרוואווען און גלוי־בען, אַז סוף־כל־סוף וועט זיך איינשטעלען דער שלום און ברודערליכע בריק צווישעןביידע געוועזענע געגנער... — (כתב סופר)

* * *

צייט - מאַטיוועַן

הרואה קדרה בחלום יצפה לשלום — (ברכות פ"ט)

דאָס וואַסער מיט'ן פייער מאַכען טאַקע שלום צווישען זיך, נאָר דאָס טעפּעל, וואָס איז געווען דער פאַרמיטלער צווישען זיי, ווערט פאַר־שוואַרצט און פאַר'חושך'ט...

דאָס איז תמיד די באַלוינונג פונ'ם רודף־שלום'ניק. ביידע צדדים בעטען זיך טאַקע איבער, אָבער דער פאַרמיטלער בלייבט מיט אַ פאַר־שמירט פנים...

און דאָס איז דער גורל פונ'ם אידישען פאָלק, די אייביגע שלום פאַרשפּרייטער און פאַרמיטלער צווישען פעלקער און לענדער...

דער סך הכל פון אידישער געשיכטע

ויפן כה וכה וירא כי אין איש ויך את המצרי — בשם המפורש
— (רש״י שמות)

משה׳ס לעבען מיט זיינע אומנאַטירליכע און פּלוצימדיגע אומ־וועקסלונגען, מיט זיין פאַרבען־שפּיל פון ליכט און שאָטען, גליק און אומגליק, איז אַ לעבעדיג בילד פון דער אידישער היסטאָריע. אַ קאַליי־דאָסקאָפּישער סך־הכל פון די זיג־זאַגען, וואָס מיר זעהן, אין אַזאַ גרויסער מאָס, אין דער לעבענס־געשיכטע פונ׳ם פאָלק ישראל.

* * *

ותלד בן ותרא אותו כי טוב[1] — אין ווייטען גושן־לאַנד, צווישען די אַלטע איינגעהויקערטע געסלאַך, וואָס זעהען אויס ווי אָפּגעריבענע לאַנגע ברידער־קברים, שטעהט דאָס באַשיידענע הייזעל פון עמרם און יוכבד.

אינעווייניג איז פרעהליך. אַ קינד איז געבוירען געוואָרען. אַ זוהן. מיט זיין אַנקומען אויף דער וועלט האָט אַ הייליג ליכט באַלויכטען דאָס הויז[2]. ס׳איז אַ סימן אַז אַ גרויסע נשמה האָט גאָט דער וועלט געשאָנקען. אַ דערלייזער[3]...

* * *

ותצפנהו שלשה ירחים[4] — דאָס ליכט האָט זיך אויסגעלאָשען. די שטוב־מענשען זיינען צוריק פאַרטרויערט. מרה־שחורה ענגט ווי אַ שווערער וואָלקען אין אַלע ווינקעלאַך. דאָס קינד, דאָס שעהנע זוניגע יונגעלע, איז באַהאַלטען. מען לויערט אויף איהם[5]. בייזע מענשען פון דרויסען ווילען איהם אַוועק רויבען, פון זיין פאָטער׳ס היים צו־נעמען[6]... אַ בלאַסע, אַ מידע, ליגט די מוטער אויף איהר בעט, די אויגען געווענדעט צו גאָט, איהרע אויסגעטרוקענטע ליפּען שעפּשען אַ תפלה...

ווייזט אויס, אַז די תפלה האָט נישט דערגרייכט צו כביכול. משה האָט זיך געמוזט מיט זיין וואָרימער מאַמע-היים געזעגענען, אַוועק אין דער פרעמד...

* * *

ותשם בסוף[7] על שפת היאור — צושטורעמטער ים. כוואַליעס שרעקען און שרייען. כוואַליעס וואַרפען זיך און פאַרציקען. אַ פרעמדע וועלט, אַן אויפגעצאַרענטע. און אויפ׳ן רוקען פון אַט דער ים־וועלט טראָגט זיך אַ קעסטעלע. און אין דעם קעסטעלע ליגט איינגעקוועטשט דאָס אידישע משה׳לע...

דער ים שליידערט איהם פון אָרט צו אָרט, שלינגט איהם איין און שפייט איהם ווידער אויס. תהומ׳ען עפענען זיך ווי אָפענע מיילער. משה ליידעט און ווייסט נישט פאַרוואָס. ער איז אומשולדיג. ער האָט קיינעם קיין שלעכטס נישט געטוהן. מיט אַ יאָמערליך קול וויינט ער אויס זיין געבעט צו גאָט...

און דער גרויסער גאָט אין הימעל פאַרנעמט זיין געבעט... אַ נס געשעהט...

* * *

ותשלח את אמתה ותקחה[8] — אַן איידעלע, ווייסע האַנד שטרעקט זיך אויס[8], נעמט אַן דאָס קעסטעלע, שלעפט עס צו צום ברעג, עפענט עס, און — משה׳ס אויגען זעהען אַ וואונדער... ער קוקט פאַרגאַפט...

אַ וואונדערליכע בת מלכה[9], צאַרט און זאַנפט ווי אַ פריש גע־בוירענער פריה־מאָרגען. זי איז געקומען צום טייך מיט מרידה געגען דער אַלטער וועלט[9], געגען די נאַרישע אָפּגעטער וואָס האָבען אַזוי פאַרטונקעלט די מחות. אין איהר פרעכטיגען קאָפּ האָט זיך אַ חלום געוועבט, אַ טרוים וועגען אַ שעהנער וועלט, אין וועלכער עס וועט קיינעם קיין אומרעכט נישט געטוהן ווערען. זי האָט דערהערט דאָס געוויין פונ׳ם קעסטעלע. איצט שטעהט זי אַרומגערינגעלט מיט איהרע יונג־פרויען, און, אַלע צוזאַמען זעהן זיי אויס ווי אַ פּראַכטפולע בלומען־בייט. זי זאָגט צו איהרע חבר׳טעס:

— ער איז גענוג געלעגען איינגעפּרעסט און באַגרעניצט אין קעסטעלע. איצט איז געקומען די צייט איהם אַרויסצונעמען פון דאָרט, אַריינצוברענגען איהם אין פּאַלאַצען פון מלכים ושרים. עס איז שוין

די העכסטע צייט רחמנות צו האָבען אויך אויף איהם, אויף דעם „ילד עברי"...

* * *

דער איד משה וואוינט שוין אין רייכע, לוקסיעזע, פּאַלאַצען. ער איז דער ליבלינג פונ'ם מלך[10]. דאָס געשפּרעך פון די שרים. אַלע צערטלען איהם, קוויקען זיך מיט זיינע חכמות, באַוואונדערען זיין שאַרף קעפּעל[11].

עס איז איהם גוט. אָבער אין גוטסקייט הויבט אָן אַרויסצושפּראָצען זיין טראַגעדיע.

ער קען זיך נישט צוגעוואוינען צו דער גוישער מילך... מען מוז איהם ברענגען זיין אייגענע מוטער יוכבד[12], איהר מילך גלייכט ער. די צרה איז אָבער וואָס ער דערקענט זי נישט. עס דאַכט זיך איהם, אַז זי די גויאישע פּרינצעסין איז זיין אמת'ע מאַמע[13]. די אָרימע, אָפּגע־ריסענע פרוי, וועמענס מילך ער האָט געטרונקען, איז אַ פרעמדע צו איהם, פון אַ פרעמדער וועלט... ער וועט בלויז אויסטרינקען איהר מילך און זיך אָפּקעהרען פון איהר, צוריק געהן צו זיין אויסגעפּוצטער פּרינצ־ליכער מוטער...

און די אומגליקליכע מוטער יוכבד, די אמת'ע מאַמע פון משה'ן, שטיקט זיך מיט איהרע טרערען, ווייטיגט אַזוי שטאַרק אינערליך, טיעף אין איהר נשמה. זי שעפּשעט מיט שטיל, האַרץ־רייסענד געבעט: משה! מיין ליעב קינד, פאַרגעס מיך נישט! פאַרגעס נישט דיין מוטער, וואָס האָט דיך אונטער איהר האַרץ געטראָגען! דיך אויף דער וועלט געבראַכט!...

דאָס טומעלדיגע, רוישענדע לעבען אין קעניגליכען פּאַלאַץ האָט די דאָזיגע שטילע תפלה דערשטיקט. די רייצענדע ליכטיגע בת מלכה האָט מיט פריידיג געלעכטער דעם קליינעם משה'ן פון יוכבד'ס אָרעמס אַרויסגעכאַפּט... געטראָגען איהם אַוועק... פאַרשוואונדען אין די גרויסע לאַבירינטען פונ'ם פּאַלאַץ.

משה איז אין גוישען פּאַלאַץ געבליבען...

* * *

יאָהרען פאַרגעהען. יאָהרען לויפען. משה וואַקסט און ווערט רייף. ער געניסט פון אַלע באַקוועמליכקייטען. האָט אַ וועלטליכע

ערציהונג. זאַפּט איין זיך אַריין די מצרישע קולטור. די תורה פון די דאַמאָלסטיגע קלוגסטע געלעהרענטע[14]. ער גלויבט אין זיי. זייערע רייד זיינען דאָך אַזוי שעהן, אַזוי ערהאַבען. עס דאַכט זיך איהם, אַז די מאָדערנע ציוויליזאַציע, איז אַ קינד פון גאָט. די מאַסיווע מצרישע מאָנומענטען באַגייסטערען זיין יונגע פאַנטאַזיע. ער פיהלט זיך גוט ער איז צופרידען...

* * *

ויצא אל אחיו וירא בסבלותם[15] — עפּעס האָט זיך אין איהם אָפּגעריסען. דאָס פאַרבאָרגענע, איינגעשלאָפענע, און אונטערדריקטע פּינטעלע איד וועקט זיך אין איהם פלוצים אויף. ער הויבט זיך אָן צו דערמאָנען אין אַן אַלטער וועלט, וואָס איז שוין ווי אויסגעמעקט אין זיין זכרון. עס איז איהם נאָהענט יענע וועלט. נאָהענט און דאָך פרעמד... זיין אמת'ע היים איז אַלץ דער גוישער פּאַלאַץ...

ויצא — צו דער אָרימער וועלט געהט ער אַרויס, ווי איינער געהט פון זיין היים צו אַ פרעמדען דרויסען. ער וועט באַלד זיך צוריק אומקערען אַהיים. אין דרויסען וואוינט מען דאָך נישט...

וירא בסבלותם — עס אַנטפּלעקט זיך פאַר זיין אויג דער שוידערליכער אמת פון דער מאָדערנער וועלט. ער דערזעהט די שאַרפע סתירה, וואָס ליגט צווישען די שעהנע רייד און — ברוטאַלע מעשים. ער האָט גאָר קיינמאָל נישט געוואוסט, אַז אָט די אַלע שטאָלצע מאָנומענטען פון ציוויליזאַציע, זיינען געבויט אויף די פונדאַמענטען פון מענשליכע לעבענס, פון אומשולדיגע קרבנות. אַז צווישען די שטיינער פון די מעכטיגע פּיראַמידען זיינען יונגע לייבער אַריינגעמויערט...

ער דערפיהלט, אַז זיין אויפגאַבע דאַרף זיין צו העלפען די אומגליקליכע.

* * *

ויפן כה וכה[16] — ער ווענדעט זיך אויף רעכטס און אויף לינקס. ער „אינטערוויוירט" און „פּראָטעסטירט". ער מאָהנט ביי דעם געוויסען פון דער מענשהייט[17]. אפשר וועט איהם פאָרט געלינגען אויפצואוועקען יושר און גערעכטיגקייט.

וירא כי אין איש — נישטאָ קיין מענשליכקייט, קיין יושר. נישטאָ קיין געפיהל פון רחמנות. אַלע אויערען זיינען פאַרשטאָפּט. אַלע אויגען

זיינען פאַרמאַכט. אַלע טיהרען זיינען פאַרשלאָסען. נישטאָ צו וועמען צו ריידען, מיט וועמען זיך אויסצו'טענה'ן. לגבי דעם אידישען צער ווערט דער נאַבעלסטער מענש אין אַ חיה פאַרוואַנדעלט...

ויך את המצרי — בשם המפורש[18] — ערשט דאַמאָלס האָט ער דעם גאַנצען טראַגישען אמת פון דער וועלט דערזעהן. ער האָט זיך אַליין צוריק געפונען. ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז זיין פאָלק דאַרף רעטונג געפינען ביי זיך, אין די „אייגענע ד' אמות". מען קען באַזיעגען און אונטערטעניג מאַכען די דרויסענדיגע פיינדליכע וועלט, נאָר דאַן ווען מען שטאַרקט זיך אינערליך, — מען פאַרפאַנצערט דעם גייסט, די נשמה מיט'ן „געטליכען נאָמען" — מיט תורה ומצוות, מיט אידיש באַוואוסטזיין און מיט אידישען לעבענס-שטייגער. נאָר אויף אַזאַ אופן קען דער איד באַקומען אַנלעהן און דערקוויקונג אין זיינע גלות לײדען. טרייסט און האָפענונג אין מינוטען פון צער און דעפרעסיע. דער „שם המפורש", דער נאָמען פון קב"ה, זיין תורה און אין זיין טראַדיציע זיינען די וואָפען מלחמה צו האַלטען מיט אַלע שונאים פון אַלע לענדער אין אַלע צייטען...

* * *

דאָס אויבען געשילדערטע בילד, איז דער משל פון דער אידישע געשיכ-טע. ווי אין אַ באַוועגענדען פילם שווימען פאַרביי די תקיפות. —

— פרעמדע מענשען רייסען אַרויס משה'ן פון זיין היים — חורבן הבית — חורבן ארץ ישראל — דאָס געהן אין גלות אַריין.

— דאָס קעסטעלע אויפ'ן ים — גלות'ען — געטאָ-קעסטעלע — באַגרעניצונגען, פאַגראָמען און דחקות'ען — אידיש געוויין — צער הגלות.

— בת פרעה — רענעסאַנס-עפּאָכע. די שעהנע בת-מלכה — די בילדונג, טאָלעראַנץ, קולטורעלער אויפשוואונג. מען צוברעכט די מיטעלאַלטערישע אָפגעטער.

— זי נעמט אַרויס משה'ן פונ'ם קעסטעלע — די געטאָ טויערען ווערען אָפען. אידען קריגען צוגאַנג צו בילדונג, צו וועלטליכע פּאָזי-ציעס, קריגען גלייכבאַרעכטיגונג.

—משה מיינט, אַז די בת-מלכה איז זיין מוטער, נישט יוכבד—דער

אָנהויב פון אַסימילאַציע, פאַרלייקענונג פון אידישקייט, דער „נהיה ככל הגויים".

— ויּרא בסבלותם וכו' — די שעהנע פריהלינגס־טעג פאַרשווינ־דען. די קולטור ווערט אַ פאַרדאַרבענע פרוי. אומגעזעצליכע קינדער ווערען געבוירען: — היטלעריזם, פאַשיזם, שאוויניזם. מען האָט צוריק פיינד דעם איד. מען טרייבט איהם צוריק אין געטאָ.

— ויך את המצרי — בשם המפורש — צוריק צו אידישקייט. צוריק צום מקור...

* * *

1) שמות ב'

2) ילקו"ש שמות קס"ו.

3) מדרש רבה שמות פ"א, כ. ילקו"ש שם.

4) שמות ב'.

5) מדרש רבה שמות פ"א, כ, שה"ש רבה פ"ב פסוק טו.

6) סה"י דה"י למורע"ה.

7) שמות ב, ג.

8) שמות א' ה'. סוטה יב. ילקו"ש רמז קס"ו.

9) תנחומא שמות סימן ז', מ"ר שמות פ"א אות כג, ד"א זוטא פ"א.

10) מ"ר שמות פ"א אות כו.

11) שם, תנחומא שמות סי' ח.

12) סוטה יב, מ"ר שמות שם.

13) מגילה יג, ויקרא רבה פ"א א.

14) אדר"נ פ' כח.

15) שמות א:יא.

16) שמות שם.

17) מ"ר שמות פ"א אות כח.

18) מ"ר שמות פ"א, כט.

די אַנאַליזיע פון זינד

אם פגע בך מנול זה משכיהו לבית המדרש — (סוכה נב:)

עס זיינען פאַראַנען אַ סך טעאָלאָגישע שיטות, וואָס באַטראַכטען די וועלט ווי אַן אַרענע אויף וועלכער עס ווערט אויסגעפאָכטען דער קאַמף צווישען מענש און זיין ליידענשאַפט — צווישען יצר טוב און יצר הרע.

זיי קוקען אויף דער ליידענשאַפט ווי אויף אַ שונא, וואָס מען דאַרף באַקעמפען און גענצליך באַזייטיגען. די אויפגאַבע פונ׳ם מענש אין לעבען איז דעריבער, איינגאַנצען צו פאַרניכטען דעם יצר הרע, איהם אויסצואוואָרצלען און אָפּצוטויטען אויף אייביג.

דער דאָזיגער בליק איז טעות׳דיג און נישט אויסגעהאַלטען. דער, וואָס האָט שטודירט די פּסיכאָלאָגי פונ׳ם מענש, זיין נאַטור און זיינע אייגענשאַפטען, ווייסט, אַז געבוירענע אינסטינקטען און ליידענשאַפטען קען מען נישט אויסוואָרצלען, איז נישט מעגליך אַרויסצורייסען. זיי זיינען אַ טייל פונ׳ם מענשענס נשמה-געוועב, אַן אבר פון זיין „איך". מען קען זיי פאַרדרענגען, איינצוימען, זיי קענען בלייבען אויף אַ מינוט געבונדען. אָבער דאָס הייסט נאָך נישט, אַז זיי זיינען פאַרשוואונדען פונ׳ם מענש. אדרבא, דאַמאָלס זיינען זיי נאָך געפעהרליכער, צורייצטער. זיי וואַרטען דאַן אויף אַ געלעגענהייט פון שוואַכקייט, אַרויסצורייסען זיך פון די קייטען און באַגעוועלטיגען איהם, דעם מענש.

דער בעסטער און ווירקזאַמסטער וועג, ווי אַזוי צו באַזיגען די ליידענשאַפט — דעם יצר הרע — איז, צו פאַרוואַנדלען איהם אין אַ פריינד, איינצושפּאַנען איהם אין רייט-וואָגען פונ׳ם יצר טוב, אויסנוצען זיינע פייערען און פלאַמען צו גונסטען דעם גוטען און עהרליכען, וואָס דער מענש דאַרף טוהן אויף דער וועלט.

די ליידענשאַפט איז ווי אַ רויהער ברויזענדער וואַסער-פאַל, וואָס קען פאַרפלייצען און צושטערען שטעדט און לענדער אין זיין ווילדקייט און אומבאַגרעניצטער צולאָזענקייט, וואָס קען אָבער ברענגען די

גרעסטע נוצען ווען ער איז געצוימט און איינגעשפּאַנט אויף דעם גע-העריגען אופן, ווען ער ווערט מיט זיין גאַנצער קראַפט אַרויסגעלאָזט אין דער געהעריגער ריכטונג און צייט.

איך וועל פאַרשטענדליכער מאַכען מיין געדאַנק מיטביישפּילען:

— ווען אַ מענש איז אַ כעסן און נוצט אויס זיין כעס צו בייזערען זיך אויף רשעים, צו וואַרפען זיך מיט צאָרן און האַס אויף דעם שלעכטען און פאַרדאָרבענעם, וואָס איז פאַראַן אויף דער וועלט, דאַן איז זיין כעס נוצליך. דאַן הייסט עס, אַז ער האָט איינגעשפּאַנט דעם „יצר-הרע" פון כעס ער זאָל דינען דעם „יצר טוב".

ווען אַ מענש איז געבוירען מיט דער נטיה צו גאוה, און ער נוצט אויס זיין שטאָלץ געגען די עוברי עברה. ער שטאָלצירט מיט זיין אידישקייט. ער טוהט אַ סך גוטע מעשים כדי מיט זיי צו שטאָלצירען, איז זיין גאוה, אין אַזאַ פאַל, אַן אינסטרומענט פונ'ם יצר טוב, אַ מיטעל צו טוהן וואָס מעהר גוטע זאַכען.

ווען אַ מענש איז בטבע קריגעריש און אויפהעצעריש, און ער נוצט אויס זיין נטיה צו שאַפען מחלוקת'ען און רייסערייען אין דער מחנה פון רשעים און אפיקורסים. ער גראָבט זיי אונטער מיט זיין געבוירענעם טאַלאַנט אונטערצובלאָזען פייערען פון מחלוקת און חשד'ען — דאַן איז ער דאָך אין דינסט פון דער תורה, און זיין גרעסטער און שעדליכ-סטער חסרון, ווערט פאַרוואַנדעלט אין אַ נוצליכען געצייג געגען די שונאים פון גאָט...

* * *

אם פגע בך מנול זה — אויב דו האָסט אין דיר דעם יצר הרע, — דו ביזט געבוירען געוואָרען מיט שלעכטע ליידענשאַפטען און נטיות,

משכיהו לבית המדרש — איז דער בעסטער וועג ווי אַזוי דעם יצר הרע צו באַזייטיגען, איהם אַריינצוציהען אין דינסט פון בית המדרש, אין דינסט פון מעשים טובים. זאָלסטו אויסנוצען די דאָזיגע נטיות אַזוי, אַז זיי זאָלען אָנגעווענדעט ווערען פאַר גוטס, פאַר'ן נוצען פונ'ם יצר טוב...

טוה אַן דיין יצר הרע אַ צוים און טרייב איהם אין דער ריכטונג וואו ער וועט אויסגענוצט ווערען לטובת היהדות והתורה — ווי שוין פריהער ערקלערט...

שופר — דער רוף צום עבר

בשעה שבא אברהם אבינו להקריב את יצחק על העקדה א״ל הקב״ה וכו׳ עתידים בניו לבקש שאחפש להם זכות ואזכור להם עקדת יצחק ויהיו תוקעין לפני בשופר זה, א״ל: מהו השופר ? א״ל חזור לאחוריך — מיד וישא אברהם את עיניו וירא וכו׳.

די השקפת עולם פון דער מאָדערנער וועלט קען קיינמאָל נישט שלום מאַכען מיט דער אידישער השקפת עולם, ווייל דער אונטערשיעד צווישען זיי וואָרצעלט אין סאַמע אָנהויב, אין דעם סאַמע יסוד. זייערע וועגען צוגעהן זיך אין צוויי געגען געזעצטע ריכטונגען. אַ פאַראייני־גונג, אָדער אפילו בלויז אַ חבר׳שאַפט צווישען זיי, איז פונקט ווי מען זאָל וועלען צונויף פאָרען צוויי ווינטען, וואָס לויפען איינער געגען צווייטענס ריכטונג.

דער ציעל פון דער וועלטליכער השקפה איז, דאָס שטרעבען צום פאָראויס, צום נייגעבוירענעם, צו דעם וואָס ווערט איצט געשאַפען.

דאָס אַלטע ווערט אָוועקגערוקט אין אַ זייט, גירינגגעשעצט און פאַנאַנדערגעוואָרפען. דאָס געוועזענע האָט שוין אָפּגעלעבט און אָפּ־געוועלקט. איצט איז די צייט פאַר׳ן פרישען, פאַר׳ן נאָר־וואָס אויפגעקומענעם.

די גאַנצע מאָראַל און וויסענשאַפט איז, ביי דער מאָדערנער וועלט, אַ פראָדוקט פונ׳ם מענשענס שכל, אַ פועל־יוצא פון מענשליכען פאַר־שען און דענקען. איז דערפאַר „כח הפועל בנפעל״, די שאַפונגען זיינען פונקט אַזוי שטערבליך און פאַראיבערגעהענד, ווי דער מייסטער אַליין איז. און פונקט ווי אין דער פיזישער וועלט איז דער פראָצעס פון אַלטקייט, אַ פראָצעס פון צופאַלונג און וועלקונג, אַזוי איז אויך אין דער וועלט פון גייסט, ווייל זי איז דאָך נישט מעהר ווי אַ קינד פון דער פיזי־שער וועלט . . .

די אידישע השקפת־עולם, האָט שוין אַ גאַנץ פאַרקערטע באַציהונג צו דעם פראָבלעם פון „אַלט און יונג״.

ביי אונז אידען, איז אַלטקייט אַ גרויסע מעלה. אדרבא, אַ סך גרעסערע מעלה ווי יוגענד. אַלטקייט איז דערנענטערונג צום מקור. אַלטקייט איז ישוב הדעת, פעסטער געזעצטער שכל. די אַלטע וועלט ווערט פון אונז באַטראַכט פאַר דער געזעצטער און עהרליכער וועלט. מיר ווערען נישט מיטגעריסען מיט'ן כישוף פון יונגקייט. מיר האָבען נישט קיין נייגעהר צו נייעקייט. מיר ווייסען, אַז די יונגע מאָדערנע וועלט איז, ווי אַן אויסגעפּוצטער ריטער, וואָס האָט אָבער אונטער זיין פּרעכטיגען פורפור מאַנטעל, אַ האַרץ פון אַ גזלן, אַ שטיינערנע נשמה. דאַגעגען די אַלטע וועלט, איז ווי אַ ליבער זקן, וואָס אונטער זיין געלער, צוקנייטשטער און אָפּגעלעבטער הויט ליגען באַהאַלטען אוצרות מיט חכמה און לעבענס ערפאַהרונג.

אונזער לאָזונג קען דעריבער פאָרמולירט ווערען אין צוויי ווער־טער:

— „חזור לאחוריך" — קוק דיך אום אויף צוריק! פאַרגעטער די וועלט וואָס שטעהט אונטער דיר, אין דער פאַרגאַנגענהייט. ווייס, אַז נאָר אין דעם עבר, קענסטו געפינען קוואַלען פון אמת'דיגען לעבען, קוואַלען פון תורה און חכמה.

„חזור לאחוריך" — ווען דו וועסט ליגען אויפ'ן מזבח מיט אַן אויסגעשטרעקטען האַלז, דו וועסט איבערלעבען אַ צייט פון סכנה, אַ צייט ווען ס'וועט דיר דראָהען אונטערגאַנג און שחיטה, זאָסטו דאַ־מאָלס געדענקען, אַז דאָס איינציגע מיטעל, וואָס קען דיך ראַטעווען איז, דער „חזור לאחוריך" — דער צוריקקעהר צום אַלטען אידישקייט, צו דער אַלטער השקפת־היהדות, און נאָר דער דאָזיקער „חזור לאחוריך" וועט דיך ראַטעווען פונ'ם מעסער, און אויף דיין אָרט אַנידערלייגען דעם איל, — צו וועלכען דיינע שונאים זיינען געגליכען. זיי וועלען דאַן פאַלען און דו וועסט ניצול ווערען, און נאָר אַ דאַנק דעם „חזור לאחוריך"...

* * *

מהו השופר? — א"ל „חזור לאחוריך" — אין דעם הייליגסטען טאָג פונ'ם יאהר, ווען אידישע הערצער בענקען און ווילען צוריק צו זייער גאָט; ווען אידען בעטען מחילה אויף פריהער, און זאָגען צו

אויף ווייטער צו געהן אין אידישען וועג, — לערענט זיי עפּעס דער שופר.

דער אַלטער פּרימיטיווער שופר זאָגט צום איד: זעה, איד: מען האָט נישט אויסגעקליבען קיין מאָדערנע אינסטרומענטען אַרויסצורופען טרויעריגע שטימונגען. מען באַנוצט זיך מיט׳ן אַלטען האָרן, וועלכען מען האָט צוריק מיט טויזענדער יאָהרען באַנוצט, כדי דערמיט צו דעמאָנסטרירען די אידישע השקפה, אַז מיר האַלטען זיך מיט דעם אַמאַליגען. ביי אונז איז הייליג און טייער דאָס פאַרגאַנגענע. יענע ווייטע וועלטען, אין וועלכע מיר זיינען גלאָררייך געווען, ווען אונזערע גרויסע גייסטער האָבען געלעבט און געשאַפען.

מיר ווילען זיך נישט באַנוצען מיט מאָדערנע נייעקייטען. אונזער וועג פיהרט צום אַלטען, צום אַמאַליגען, צום „שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך". — און דאָס אַלעס סימבאַליזירט מיט זיך דער „שופר"...

מקום און אתי — גאָט און לאַנד

ראה אתה אומר אלי העל את העם הזה וכו׳ הראני נא את כבדך וכו׳ ויאמר ד׳: הנה מקום אתי ונצבת על הצור, והיה בעבור כבדי ושמתיך בנקרת הצור — (שמות לג)

ווען איך שטעה פאַר אַ פאַרוויקעלט און שווערער פראָבלעם און איך ווייס נישט, ווי אַזוי צו געפינען אַ לייזונג, ווענד איך זיך דאַמאָלס צו אונזערע חז״ל[1], און אין זייערע ווערטער געפין איך שטענדיג קלאָהרקייט און באַשייד צו אַלע מיינע פראָבלעמען און פאַרפּלאָנטער־נישען.

איך טייטש דעם דין פון „וכוין פתיחין לי״[2], שצריכין לפתוח חלונות בבית הכנסת״[3] — אַז דער בית הכנסת דאַרף זיין אָפען צו דער גאַס — מיט אַ פענסטער אַרויסקוקען צו דעם לעבען, און, ווען עס מאַכט זיך אַ שאלה בעניני עולם הזה, מען דאַרף אַן אויפקלערונג אין אַ געוויסען פראָבלעם אויף דער גאַס, זאָל מען דאַן, פון דרויסען, אַריינקוקען אין ביה״כ, אָנפרעגען דער תורה[4], וואָס וואוינט אין איהרע ווענט, און אַזוי אַרום לערנען און וויסען, וואָס יא צו טוהן און וואָס נישט, ווי אַזוי צו קוקען אויף זאַכען און וואָסער באַציהונג צו האָבען צו זיי.

דאָס פראָבלעם וואָס אינטערעסירט מיך אין איצטיגען מאָמענט, און צו וועלכען איך זוך קלאָהרקייט און באַשייד, איז דאָס „ארץ־ישראל פראבלעם״.

אַלע ווייסען, אַז דער בנין הארץ איז אַ פאַרבאַדינג צו דער גאולה[5]. אַז דער „עתיד לבא״ איז ענג פאַרבונדען מיט׳ן „בונה ירושלים״[6]. די פראָגע איז נאָר וואָסער באַגריף מיר דאַרפען האָבען וועגען „בנין הארץ״.

צי מיינט עס אַ גייסטיג ירושלים, אַ ירושלים פון צירופים און גמטריאות, אַזאַ ירושלים, וואָס איז אויסגעוועבט אין די פאַנטאַזיעס פון שוהל־אידען, — מיט קיין גשמיות האָט עס גאָר קיין שייכות נישט?

אָדער, מען מיינט אַ בנין ירושלים אין פשוטסטען זין פונ׳ם וואָרט:
— אַ אידישער שטאַאַט, אַן אונאָפּהענגיגע אידישע מלוכה, מיט פּרעכ־טיגע שטעט און דערפער, מיט אייגענע אַרמייען, און אַן אייגענעם מלוכה־אַפּאַראַט מיט אַלע קליפּערלאַך און פליטערלאַך, וואָס הענגען אַרום—אַ באַגריף וועגען ירושלים, וואָס דער מאָדערנער פּאָליטישער ציוניזם האָט געשאַפען און ענטוויקעלט?

וואָס איז די ווירקליכער כוונה פון „בנין הארץ? וואָס זאָגען אונ־זערע חז״ל וועגען דעם?

וועל איך דעריבער אָנוואַרפען עטליכע מאמרי חז״ל, און פון זיי וועלען מיר זוכען אַ לייזונג צו אונזער זאַך:

„נישטאָ נאָך אַזאַ תורה, ווי די תורה פון ארץ ישראל״[7] — „די לופט פון א״י מאַכט קלוג״[8] — „זאָגט ר׳ יוסי בר חלפתא צו ר׳ ישמעאל: אויב דו ווילסט זעהן די שכינה אויף דער וועלט, געה קיין ארץ ישראל און זיי דאָרט עוסק אין תורה״[9] — „ר׳ אלעזר הקפר זאָגט: די שוהלען און בתי מדרשים פון חוץ־לארץ וועלען איבערגעטראָגען ווערען קיין א״י״[10] — „צעהן מאָס חכמה האָט אַראָפּגענידערט אויף דער וועלט, ניין מאָס האָט א״י גענומען, און איין מאָס, די גאַנצע וועלט״[11]...

מיר זעהען פאַר זיך אַ גייסטיג ארץ ישראל, אַ לאַנד וואָס איז גע־הייליגט און דערהויבען. אפילו די לופט דאָרט איז תורה׳דיג, און די גאַנצע חכמה פון דער וועלט איז קאָנצענטרירט אין איהרע גרעניצען. עס שאַפט זיך אַ באַגריף, אַז די צוקונפט פון ארץ ישראל, איז צו זיין אַ תורה־צענטער, אַ גייסטיגער רעזערוואואַר. — כמעט דאָס זעלבע, וואָס עס דענקען און זאָגען די בית־המדרש אידען״...

בלעטערען מיר אָבער ווייטער אין ש״ס, געפינען מיר אויס פאָל־גענדעס:

—„זאָגט ר׳ יוחנן: פאַרוואָס האָט עמרי זוכה געווען צו מלכות? — ווייל ער האָט אויסגעבויט אַ שטאָדט אין א־י״[12], — „אַז איינער קויפט אַ הויז אין ארץ ישראל, מעג מען פאַר איהם צוגרייטען די דאָקו־מענטען אפילו אין שבת — אַזאַ מצוה איז עס״[13] — „פונ׳ם אָנהויב פון וועלט־באַשאַף האָט גאָט זיך אָפּגעגעבען מיט פלאַנצען, ווי עס שטעהט: — ויטע אלקים גן בעדן, — אַזוי איהר אידען, ווען איהר וועט קומען קיין ארץ ישראל, זאָל אייער באַשעפטיגונג זיין, בויען און

פלאַנצען... ווי עס שטעהט אין פסוק: כי תבואו אל הארץ ונטעתם"[14].

מיר זעהען שוין אַ גשמיות'דיג ארץ ישראל. אַ לאַנד וואו מען פלאַנצט גערטנער. מען בויעט שטעדט. מען אַקערט, מען זייעט, מען קויפט הייזער — אַ אידישע מלוכה. אַ געוועהנליכער שטאַאַט אין וועלכען עס וואוינען מענשען, וואָס שטרעבען צו פאַרמעגען, צו אייגענטום — אָן ארץ ישראל, ווי עס פאַרשטעהען עס די מאָדערנע פאָליטישע טרוימער און בויער.

מיר דאַרפען, אַלזאָ, סומירען די אַלע דערמאנטע מאמרי חז"ל, און מיר מוזען קומען צום אויספיהר, אַז „ארץ ישראל" לויט דעם באַגריף פון אונזערע חז"ל דאַרף מיט זיך פאַרשטעלען אַ פאַראייניגונג פון „תורה" ו„עולם הזה". אַ אידישער שטאַאַט אין געוועהנליכען זין, אָבער אויף די יסודות פון אידישקייט ומצוות. שטעדט און דערפער, וואו עס בליהען פעלדער, און וואו עס רייפען זיך די זיסע פירות, צוזאַמען מיט גרויסע בתי תורה ויהדות, — אויסגעבויעטע הייזער און פאַלאַצען, וואָס אין זייערע ווענט זאָל אויך האָבען אַן אָרט קבה"ו ושכינתי'.

* * *

הראני נא את כבדך — וויז מיר דעם ריכטיגען אידישען דרך, די אמת'ע, תורה'דיגע שיטה, וואָס זאָל זיין אַ כבוד פאַר דיין נאָמען און א ברכה פאַר'ן פאָלק.

ויאמר ד':

— הנה „מקום" „אתי" — אַז עס וועט זיין אַ פאַראייניגונג פון „מקום" — ארץ ישראל — דער מקום, דער באָדען, צוזאַמען מיט'ן „אתי" — מיט גאָט, — עס וועט זיין אַ לאַנד געבויט אויף די יסודות פון יהדות — דאַן:

ונצבת על הצור — זאָלסטו דיך אַרויסשטעלען דער ערשטער. זאָלסטו שטעהן פון אויבען און פיהרען דאָס פאָלק צום דאָזיגען ציעל.

והי' „בעבור כבודו" — עס וועט פעהלען דער כבוד פון גאָט, עס וועט זיין אַ „מקום" — אַ „בנין הארץ" אָהן יהדות, מיט חילול השם.

דאַן: —

ושמתיך בנקרת הצור — זאָלסטו אָפטרעטען און דיך באַהאַלטען.

נישט האָבען קיין האַנד אין אַזאַ „בנין״. ווייל אַזאַ לאַנד איז ווי אַ גוף אָהן אַ נשמה, וואָס האָט נישט קיין זכות הקיום. דער איינציגער שטאַרקער, דויערהאַפטער און געטליכער אופן פון בויען אַ לאַנד פאַר אידען איז:

„מקום״ — „אתי״ — די האַרמאָני פון „לאַנד״ מיט „גאָט״.

* * *

1) אבות ה׳ — הפוך בה דכולא בה.
2) דניאל ו.
3) ברכות לד: רמב״ם פ״ה מהל׳ תפלה הל׳ ו.
4) ברכות ג: — מיד נמלך באחיתופל רבו ובסנהדרין וכו׳.
5) שבת סג. תנה״ק — נתכנסו הגליות ואין ירושלים נבנה — אל תאמין.
6) שבת שם, מגילה יב, רמב״ם פ׳ יב מהלכות מלכים.
7) ספרי עקב, ב״ר פ׳ טז.
8) ב״ב קנח.
9) שו״ט קה.
10) מגילה כט
11) קידושין מט
12) סנהדרין קב.
13) ב״ק פ.
14) ויק״ר פ׳ כה.

דער טעות פונ'ם רשע

ונתן אהרן על שני השעירים גורלות, גורל אחד לד' וגורל אחד לעזאזל (ויקרא טז, ח)

איד! אויב דו ווילסט זעהן אַ בילד, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם געראַנגעל צווישען גוטס און שלעכטס אויף דער וועלט, — די ערשטע טריאומפען פון דעם רשע און זיין ענדליכען טראַגישען אַראָפפאַל. —

אויב דו ווילסט זיך באַקענען מיט דעם סוף פון דיינע אַלע שונאים, וועלכע געהען די ערשטע צייט באַרג אַרויף, שפרייטען מרידה און אכזריות געגען גאָט און געגען אַלעמען, שטאָלצירען מיט זייערע זינד און רייצען זיך מיט דיר, — ווייזען דיר זייערע נצחונות און טרי־אומפען אַלס אַ סימן, אַז שלעכטס צאָהלט זיך אויס צו טוהן. —

אויב דו ווילסט זעהן אַ בילד, וואָס וועט דיך טרייסטען און מוטהיגען — דאַן זעץ זיך אַנידער ביים טיש, עפען אויף די גמרא יומא, און לערען אַדורך די הלכות פון די „שני שעירי יום הכפורים". —

* * *

— שטעהען צוויי שעפעלאַך[1].ביידע זיינען גלייך אין וואָג און אין אויסזעהן, ווי איין מוטער וואָלט זיי געבוירען. מיט אַמאָל ווערען זיי פאַנאַנדערגעטיילט. דער גורל האָט זיי אָוועקגעשטעלט אין צוויי באַזונדער לאַגערען. איינער איז געהייליגט געוואָרען, טראָגט אויף זיך דעם נאָמען פון גאָט — לד'. דער צווייטער, איז דער „לעזזל". ער טראָגט אויף זיך זינד און שלעכטע מעשים[2].

קומען צו געהן די שעהנסטע מענשען, די פראָמינענסטע בירגער[3], זיי רינגלען אַרום דעם לעזזל", באַציהרען איהם מיט בלענענדע בענדער, פיהרען איהם אַרויס מיט גרויס פאַראַד. הונדערטער מענשען זאַמלען זיך, באַגלייטען איהם. עס שאַפט זיך אַן אמת'ער טריאומף־צוג... אויפ'ן וועג קומט מען זיין אַנטקעגען מיט עסען און טרונקען[4], מיט גע־

זאַנג. מען לאַכט, מען זינגט, מען אונטערהאַלט זיך. שפּעציעלע בריקען ווערען אויפ'ן וועג אויפגעשטעלט[5]. דער „לעזזל" געהט אין מיטען מיט אַ געהויבענעם קאָפּ, ער געהט אַרויף אויף אַ הויכען באַרג, ער געהט אַלץ העכער און העכער...

און דער לד'?

מען בינדט איהם. מען שאַרפט אָן מעסערס. מען שחט'עט איהם[6]. זיין בלוט צוגיסט זיך אויפ'ן באָדען. זיין אומשולדיג בלוט מאַכט רויט די ערד...

ליגט דער אומגליקליכער קרבן אויף דער ערד, איינגעטונקען אין זיין אייגענעם דם־התמצית, און קרעכצט אויס אַ תפילה צו גאָט:

— גרויסער גאָט אין הימעל! פאַרוואָס זאָלסטו פיהרען אַזוי אומפאַרשטענדליך דיין וועלט?!

— איך, וואָס טראָג דיין הייליגען נאָמען אויף מיר, בין פאַר־משפט צו יסורים, מיין בלוט רינט און מיין קערפּער ווערט מיט מעסערס צושניטען.

און דער „לעזזל", וואָס איז איינגעטונקען אין זינד און אין הפקרות; וואָס פאָכעט מיט אַ רויטער באַנד[7], ווי צו דעמאָנסטרירען און רייצען זיך מיט זיין בלוטיגקייט און רציחה — צו איהם זאַמלען זיך אַלע; לויפען איהם נאָך אין זיין נצחון־צוג, זעהן, ווי ער קלעטערט אַרויף צו העכסטע הויכען. זיינע חוצפּה'דיגע הערנער וועלען באַלד די הימלען גרייכען און זיי שטורעמען...

— פאַרוואָס זאָל עס אַזוי זיין?!...

* * *

און אַ קול פון הימעל זאָגט:

— אָרים, אומשולדיג שעפּסעלע, זיי געטרייסט! ווייס, אַז דער טריאומף פון דעם „לעזזל" איז בלויז אויף דערווייל. זיין שטאָלצער גאַנג אַרויף, איז אין דער אמת'ען דער גאַנג צום שרעקליכען טויט.

זאָל ער קלעטערען און שטייגען אַרויף. זאָל ער מיינען, אַז צו טראָגען אויף זיך זינד, צאָהלט זיך אויס. אָט באַלד וועט ער קומען צום סאַמע העכסטען שפּיץ. איהם וועט זיך דאַכטען, אַז ער האָט דער־גרייכט די הימלען, אַז ער קען שוין מיט זיינע הערנער צושטערען גאָט'ס וואוינונג. ער וועט זיך אָבער באַלד ענטוישען. אַ מעכטיגער

האַנד וועט איהם מיט געוואַלדיגער קראַפט אַריינשליידערען אין די אָפּגרונטען⁹. זיין קערפּער וועט זיך מיט אַזאַ אימפּעט אַראָפּקייקלען פון די העכסטע שפּיצען, אַז גלידערוויז וועט ער זיך אין זיין אַראָפּפאַל צופאַלען⁹.

ערשט דאַמאָלס וועסטו זיך איבערצייגען, אַז דער פאַראַד, וואָס מען האָט געמאַכט פאַר'ן „לעזזל" איז בלויז געווען די פּעטע סעודה, וואָס איז אָנגעגרייט פאַר אַ צום-טויט-פאַר'משפט'ן. זאָל ער זיך אָנעסען איידער מען פיהר'ט איהם צום טויט. זאָל ער זיך אַליין נאַרען און שפּעטער שטאַרבען ווי אַ נאַר...

* * *

1) יומא פ׳ טרף בכלפי.
2) ויקרא טז, כא־כב, יומא סז.
3) יומא סו־סז.
4) יומא סז.
5) יומא סו -- וכבש היו עושין לו.
6) יומא נג.
7) יומא מא.
8) יומא סז. רמב״ם פ״ג מהל׳ עבודת יוה״כ.
9) יומא סז. רמב״ם שם.

די וועגען פון צדקה

(א)

ולקחו מן הדם ונתנו על שתי המזוזות ועל המשקוף על הבתים וכו׳
והיה הדם לכם לאות על הבתים — (שמות יב, ז־יג)

איד! ווען דו זיצט אַן אויסגעפּוצטער, אַן אויפגערוימטער, ביי דיין רייכען יום־טוב׳דיגען טיש; די גאָלדענע כלים לייכטען און גלי־מערען; דאָס ווייסע טישטאָך בלאַנקט און לאַשטשעט דאָס אויג; מאכלים, פאַרשידענאַרטיגע, רייצען און לאַדען איין; אַלע דיינע משפחה־לייט רינגלען דיך אַרום; אַ פרייד, אַ זאַטע לאַכעדיגע פרייד פון האָבען און זיין צופרידען, זינגט אַרויס פון אַלע ווינקעלעך. —

דו ביזט גליקליך. דו פייערסט דעם יום־טוב פון באַפרייאונג. אַט באַלד וועסטו דערציילען פאַר דיין בני בית די גרויסע נסים וואָס גאָט האָט דיר באַוויזען, ווי פיעל דו האָסט אַמאָל געליטען, און, ווי ענדליך האָט דיר גאָט געגעבען פרייהייט און עשירות. —

פאַרגעס נישט דאַמאָלס צו טראַכטען פון די אָרימע און עלענדע וואָס גאָט האָט זיי נאָך נ׳שט געהאָלפען; וואָס וואַרטען און בענקען נאָך אַ ישועה; וואָס ווילען, אַז דו זאָלסט זיין דער גוטער שליח און ברענגען זיי הילף און שטיצע.

והיה הדם לך לאות — שמיר אויס דיינע טיהרען מיט בלוט, און זאָל דיך דאָס בלוט וועקען און דערמאנען, וואָס עס טוהט זיך אין יענער זייט טיהר... אַז דאָרט, אויף דער גאַס, געפינען זיך מענשען, וואָס ליידען און בלוטיגען, וואָס דרייען זיך אַרום פאַרשעהמטע און האָבען נישט קיין דאָך איבערען קאָפּ.

והיה הדם לך לאות — בשעת דו קוויקסט זיך מיט די געבראָטענע פליישען פון „קרבן פסח", ווען דו טרינקסט די שטאַרקע רויטע וויינען פון די ד׳ כוסות, דו פרעהסט זיך מיט דיינע קינדערלאָך, וואָס זיצען אַרום דיין טיש, — פאַרגעס נישט פון מאָל־צו־מאָל, צו וואַרפען אַ בליק צו דער טיהר, זעהן דאָרט דאָס בלוט. געדענק גוט, אַז דאָס דאָ־

זיגע בלוט שרייט און בעט זיך מען זאָל עס אָפּוואַשען. און אָפּוואַשען קענסטו עס, נאָר מיט גוטע מעשים, מיט רחמנות און הילף פאַר אָרימע. — געדענק דאָס אַלעס, ווייל דו אַליין ביזט אויך אַמאָל אַן אָרימער גר אין מצרים געוועז[1]...

(ב)

מאמתי הוא יום — משיראה את חברו, ואז מותר להתפלל (ברכות ט:, תוספתא פ"א, רמב"ם פ"א מהל' ק"ש)

קיין אמת'ער ליכטיגער טאָג קען נישט זיין, נאָר דאַמאָלס ווען איינער זעהט דעם צווייטען — איינער אינטערעסירט זיך מיט'ן אַנ־דערענס לאַגע...

אויב אָבער מען וויל נישט זעהן דעם חבר, מען וויל נישט קומען צו איהם אין צייטען פון נויט; יעדער לעבט פאַר זיך אַליין, — דאָן איז אַ סימן, אַז ס'איז נאַכט. שוואַרצע גהינום'דיגע נאַכט...

ואסור להתפלל[2] — ווייל וואָסער ווערטה האָט דאָס פאַרגלייזען די אויגען, דאָס אַרויפציהען אויף זיך אַ פרומע מינע, ווען מען לעבט אין אַ נאַכטיגער פינסטערניש, און מען פאַרשטאָפּט די אויערען נישט צו הערען דאָס געשריי פונ'ם חבר?

גאָט פאַרנעמט די תפלות פון זיינע דיענער, נאָר דאַן, ווען זיי ווייזען אַרויס רחמנות צו אַנדערע. השי"ת באַצאָהלט „מדה כנגד מדה"[4]. האָסטו מיטגעפיהל און איינזעהעניש צו דיינע מיטמענשען, וועל איך מיט דיר אויך האָבען מיטלייד און איינזעהעניש[5].

זעה־זשע דיין חבר! העלף איהם ווען ער דאַרף! שאַף דעם טאָג אויף דער וועלט, און דאַן קענסטו זיכער זיין, אַז ס'איז „זמן תפלה" — דיינע תפלות וועלען קומען צו גאָט און אויפעפענען פאַר דיר די טויערען פון רחמים און ברכה!...

(ג)

נתון תתן לו ולא ירע לבבך בתתך לו — (דברים טו. י)

און אַז דו פאַרמאָגסט אין דיר יאָ די טייערע מדה פון רחמנות, דיין האַנד איז אָפען פאַר יעדען, דו שטיצט און העלפסט אָרימע חברים

און באַקאַנטע, — טוה עס דרך־אגב'דיג, מיט דער מינע און מיט'ן [illegible]טעל, אַז דו **טוהסט עס נישט צוליעב רחמנות, נאַר** גלאַט אַזוי[6], אַן הלואה'לע, אַ גוט־ברודערישען זשעסט, ווייל דער אָרימער און געפאַלע־נער קען אַמווינציגסטען דולדען, אַז מ'זאָל איהם באַקרעכצען, אַז מען זאָל רחמנות'דיג קוקען אויף איהם. עס טריעפט זיין בלוט. עס וויטיגט זיין פאַרוואונדעטער שטאָלץ אין יענעם מאָמענט, זיינע ליידען זיינען דאַמאָלס אַ סך גרעסער ווי די הילף, וואָס דו גיסט איהם.

נתון תתן — גיב אַ סך צדקה. טייל דיך מיט דיין געלט. ווייס, אַז פון אויסטיילען צדקה איז נאָך קיינער נישט אָרים געוואָרען. אדרבא, עס איז אַ סגולה צו עשירות[7].

ואל ירע לבבך בתתך לו — בשעת דו גיסט די צדקה, זאָלסטו נישט מאַכען קיין זויערע רחמנות-מינע אויפ'ן פנים. זאָלסטו נישט אונטער־קרעכצען און באַדויערען, דערציילען איהם, דעם אָרימאַן, ווי שטאַרק דיין האַרץ טוהט דיר וועה פאַר איהם[8], ווייל דער אָרימאַןליידט דאָס נישט, עס ווירקט אויף איהם ערשיטערענד. ער וואָלט דיר מוחל געווען דיין צדקה, אַבי זאָלסט איהם נישט אַרויסווייזען קיין מיטלייד און אַ רחמנות־פנים...

* * *

לך ד' הצדקה ולנו בושת הפנים

רבונו של עולם! מיר גיבען צדקה, מיר העלפען אָרימע לייט, מיר ווייסען אָבער, אַז בשעת דעם געבען די צדקה, פיהלט זיך דער אָרימער איד אַזוי געפאַלען, נישט איינמאָל נעמט ער די שטיצע מיט אמת'ע שפיכת דמים; ער שעהמט זיך, ער וויל זעהר נישט זיין דער אָביעקט פון רחמנות, — בעטען מיר דיר דעריבער, גרויסער גאָט! —

לך ד' הצדקה — צו דיר זאָל קומען די צדקה, וואָס מיר טיילען אויס, —

ולנו בושת הפנים — און ביי אונז לאָז איבער דאָס ביסעל בושה, וואָס מיר פאַראורזאַכען דעם אָרימאַן בשעת'ן געבען איהם. זאָל דאָס

פאַראורזאַכטע ביסעל שפיכת דמים[9], נישט קלענער מאַכען דעם ווערטה פון דער מצוה. נעם עס גאָרנישט אין באַטראַכט. צו דיר גאָט אין הימעל, זאָל קומען די ריינע מצוה, און זאָל דיין שכר זיין אַ גאַנצער... — (ספרים)

* * *

1) שמות כב:כ, דברים יט:לד, ועוד.
2) רמב"ם פ"א מהל' ק"ש.
3) שבת קנא, ב"ר לג.
4) סנהדרין צ., סוט ח: - יא, מגילה יב.
5) ביצה לב, שבת קלג-קנא, ב"מ פ"ה.
6) שבת קנו: ויק"ר לד.
7) שבת קיט, תענית ט.
8) כתובות סז:
9) כתובות סז:, ב"ב י.

דער משל פון דער זון

והוא יושב פתח האהל כחם היום — (בראשית יח, א)

ווען עס קומט דער זומער, פרעהען זיך די גבירים... זיי פאַנגען אָן צו מאַכען פלענער וועגען לאַנגע וואַקאַציעס, שיף־רייזעס, אויספליגע, און אַנדער פאַרוויילונגען, וואָס זיינען פאַרבונדען מיט זון און זומער־טעג.

עס שטעהען פאַר זיי אָנגעגרייט רייכע האָטעלען, פרעכטיגע „ביהטשעס", מאַרמאָרענע „שווים־פולס", צעהנדליגע אַנדערע גוטע זאַכען, וואָס זיינען בלויז צוגענגליך פאַר רייכע מענשען.

עס דאַכט זיך אויף אַן אמת, אַז די שעהנע ליעבליכע און בלענדענ־דיגע זון האָט גאָט בלויז פאַר די געלד־זעק באַשאַפען, זיי זאָלען האָבען נאָך אַ שפּילעכעל...

קוקט מען אָבער מיט אָפענע אויגען, דאַן זעהט מען אַז די זון האָט אַ סך ערענסטערע און וויכטיגערע אויפגאַבען צו ערפילען.

זי קומט אין די אָרימע, פאַרנאַכלעסיגטע אַרבייטער קוואַרטלען, וואו עס וואוינען בלאַסע, אויסגעצוימטע קינדערלאַך. זי קלאַפּט אָן אין זייערע פענסטער, רופט זיי אַרויס אויף דער גאַס, וואַרעמט זיי אָן, שפּילט זיך מיט זיי און גיסט אַריין אין זייערע שוואַכע גופים'לאַך, געזונד און צייטיגקייט...

זי פאַרגעסט אויך נישט, אַז אָרימע, מידע פרויען האָבען נאָר־וואָס זייער וועש אַרויסגעהאַנגען, נאַסע אויסגעוואַשענע קליידערלאַך און העמדעלאַך, פאַר משה'לאַך און שרה'לאַך. זי, די זון, האָט די דאָזיגע קינדערלאַך זעהר ליעב, טריקענט זי דעריבער אויס די וועש, נעמט זיי דורך מיט איהר היץ, און העלפט דער אָרימער בעל הבית'טע...

די זון דערמאַנט זיך אויך אין דעם פּויער אויפ'ן פעלד. ער האָט מיט אַזוי פיעל שווייס און מיה זיין באָדען צואַקערט און פאַרזייעט. ער האָט מיט אַזאַ צערטליכקייט זיינע בוימער אַרומגעגראָבען און ריין געמאַכט. איצט וואַרט ער מיט אַ קלאַפּעדיג האַרץ, אַז די פרוכטען זאָלען אויסוואַקסען און געראָטען. האָט אויף איהם די ליעבע זון

רחמנות, בריהט זי אויס זיין ערד, זאַפּט זי אָן מיט וואַרעמקייט און שוואַנגערשאַפט. זי רויטעלט אויס די פרוכט אויף די בוימער, גיסט זיי אָן מיט רייפער צייטיגקייט, מיט פולען זיסען זאַפּט . . .

און צו די קראַנקע איז די זון ווי אַ געטרייע מוטער.

זיי זיצען מיט פאַרגעלטע פנים'ער, מיט אויסגעלאָשענע אויגען, אויף די „פאַרטשעס" פון שפּיטאָלען און קראַנקען-היימען. עס דאַכט זיך, אַז לעבעדיגע מתים זיצען דאָס. מענשען אָהן ענערגי, אָהן אויס-זיכטען אויף ווייטער. קומט צו געהן די זון און וואַרעמט זיי, גלעט זיי, שמייכעלט אַזוי האַרציג אין זייערע פנים'ער אַריין, רעדט צו זיי ווי אַ פאַרשייט קינד, מיט געלעכטער, מיט האָפענונג, ברענגט זיי רפואה און לעבען . . .

זי איז פאַר יעדען איינעם גלייך. נישטאָ ביי איהר קיין אונטער-שיעד צווישען אָרים און רייך, יונג און אַלט, פאָלק און לאַנד.

זי איז די האַרציגע, געטרייע מאַמע פון דע.' גאַנצער וועלט. זי גיט איהר ליכט, איהר וואַרעמקייט, איהרע מזל-ברכה'דיגע שטראַהלען עמערס-ווייז און פזרנות'דיג צו אַלעס און אַלעמען אָהן אויסזיכטען צוריק צו קריגען באַצאָהלטס דערפאַר . . .

* * *

והוא ישב פתח האהל — ווען אברהם האָט זיך געזעצט אויף דער שוועל פון דער טיהר אַריינצורופען אורחים, אויסצוטיילען רחמנות און ליעבשאַפט צו מענשען.

כחם היום — האָט ער עס געטוהן, פונקט ווי די זון טוהט עס. — ער האָט נישט געמאַכט קיין אונטערשיעד צווישען ראַסען און אָפּשטאַ-מען, צווישען איד און גוי. ער האָט יעדען איינעם גלייך אויסגעטיילט זיין גוטסקייט און גענאַד.

כחם היום — ער האָט זיך אַראָפּגענומען אַ מוסטער פון'ם וואַ-רעמקייט פון טאָג, פון גאָט'ס זון, ווי אַזוי מען דאַרף זיין גוט צו יעדען איינעם גלייך . . .

* * *

דער בערדיטשעווער זצ"ל, האָט זיך נוהג געווען צו לאָזען זיין סוכה אָפען און פרייה פאַר יעדען איינעם. פלעגען זיך אָנשטופען אין דער סוכה די אָרימסטע מענשען פון'ם שטעדטעל. האָט דאָס פאַרדראָ-

סען די גבירים, די „שעהנע אידען", היתכן, אַזאַ חוצפה, צו עסען אין רבינ'ס סוכה פאַסט פאַר גבירים, „בכבוד'דיגע" בעלי בתים, נישט פאַר אָבי וועמען...

רופט זיך צו זיי אָן ר' לוי יצחק זצ"ל:

— מיינע ליעבע אידען. דער אויבערשטער משפט דעם מענשען מדה־כנגד־מדה, — ווי אַזוי דער מענש באַציהט זיך צו אַנדערע, פונקט אַזוי באַציהט זיך כביכול צו איהם. אַז עס וועט קומען לעתיד לבא, עס וועט אויפגעשטעלט ווערען דער סוכת דוד הנופלת, די סוכה מעורו של לויתן, וועל איך, לוי יצחק, אויך וועלען אַריינגעהן. וועט דאַמאָלס זיין אַזוי: — השי"ת וועט זאָגען: לאָמיר זעהן ווי אַזוי ער אַליין האָט זיך נוהג געווען אין זיין סוכה. האָט ער נישט געקליבען, און יעדען איינעם אַריינגעלאָזט, וועל איך אויך נישט קלייבען. אויב אָבער ער האָט געקליבען, דאַן וועל איך אויך קלויבען.

און, מיינע ליעבע אידען, — האָט געענדיגט דער בערדיטשעווער — וואָס ווילט איהר, אַז צוליעב אייך זאָל איך נישט קענען אַריינקומען אין השי"ת סוכה. ווייל, ווען מען וועט קלויבען וועט מען מיך זיכער אויסבראַקירען... איז דאָך בעסער, אַז איך זאָל יעדען איינעם אַריינלאָזען, כדי השי"ת זאָל אויך אַזוי טוהן... —(ספרים)

פאַר זיך און פאַר יענעם

(א)

ולא ראו איש את אחיו — ולא קמו איש מתחתיו — (שמות י:כג)

די שעהנסטע מתנה, וואָס גאָט האָט דער מענשהייט געשאָנקען, איז די מדה פון רחמנות — מיטלייד און מיטגעפיהל צום שוואַכערען. רחמנות איז איינס פון די דריי הויפּט כאַראַקטער שטריכען פונ'ם אידישען פאָלק[1]. די דאָזיגע מדה וואָרצעלט אין אונזער בלוט פון אור־אַלטע צייטען. מיר האָבען זי בירושה[2]. זי איז אויך דער ערשטער באַדינג, ווען מיר ווילען עפּעס אויס'פּועל'ען ביי גאָט[3].

רחמנות ווערט ביי אונז פאַרשטאַנען אין ברייטסטען זין פון וואָרט. זי באַציהט זיך צו אַנדערע באַשעפעניש'ען[4], ווי צום מיט־מענש, צו דעם ערגסטען, פאַרשטויסענדסטען[5], פּונקט ווי צום איידעלסטען און בעסטען.

מיר דאַרפען אויך געדענקען, אַז די רחמנות־מדה איז נישט בלויז אַ שעהנע באַפּיצונג אינ'ם מענשענס כאַראַקטער; אַז דער, וואָס פּראַקטיצירט זי, טוהט נישט אימיצען אַ טובה דערמיט, נאָר זי איז אַ נויטווענדיגקייט, אַ זאַך, וואָס מען מוז ענטוויקלען צווישען מענשען צוליעב זייער אייגענעם אינטערעס. זי איז דער צעמענט, וואָס קלעפּט צונויף מענש מיט מענש, און שאַפט אַזוי אַרום דאָס געמיינזאַמע, געזעלשאַפטליכע פאַראַנוואָרטליכקייטס־געפיהל.

אַז מען האָט רחמנות און מען העלפט אַנדערע, העלפט מען זיך אַליין, ווייל „איין האַנד וואַשט די צווייטע"[6] — זאָגט די וועלט.

ולא ראו איש את אחיו — ווען אָבער איינער וויל נישט זעהן דעם צווייטען. יעדער איינער לעבט פאַר זיך. —

ולא קמו איש מתחתיו — איז עס אַ שווערע קאַטאַסטראָפע פאַר יעדען איינעם. גראָבט עס אונטער די עגזיסטענץ פון דער חברה.

ולא קמו איש מתחתיו — עס וועט קיינער נישט קענען קומען צו זיך, אַרויפאַרבייטען און אַרויסוואַקסען פון זיין שלעכטער לאַגע אין פאַל פון „ולא ראו איש את אחיו", ווייל דאָס לעבען און דער צונויפשטעל פון די אומשטענדען אויף דער וועלט זיינען אַזוי, אַז איינער מוז אָנקומען צום צווייטען...

(ב)

צהר תעשה לתבה — (בראשית)

גאָט זאָגט צו נח'ן:

— נח, דו וועסט דיר זיצען אין אַ שטאַרקער, געזיכערטער תיבה, וועסט געניסען פון אַלעם־גוטען, דיינע ווענד וועלען דיך שיצען פון די אַלע שטורמען און אויסברוכען וואָס מאַכען חרוב דעם דרויסען.

קענסטו דאָך טוהן וואָס אַנדערע אין דיין לאַגע וואָלטען געטוהן:

— זיך אָנ'שיכור'ן מיט'ן „רוב טובה", זיך אָפזונדערען אין רוהיגען, געזיכערטען ווינקעל, און נישט צולאָזען צו זיך די נויטען און וועה־געשרייהען פון דער גאַס.

זאָג איך דיר דערפאַר אָן:

צהר תעשה לתבה — מאַך אַ פענסטער אין דער גאַס אַרויס. שטעל דיך דאָרט ביים פענסטער אַנידער און קוק זיך גוט צו, צו דעם אַלעם וואָס געשעהט אין דרויסען.

זאָלען דיינע אויגען זעהן דעם געראַנגעל צווישען לעבען און טויט, די שוידערליכע גסיסה־וועהען פון מענשען, וואָס ווילען לעבען נאָר מען לאָזט זיי נישט...

צהר תעשה לתבה — ווען אין דרויסען איז אַ שטורעם, דער מלאך המות שפּרייזט אַרום און צוברעכט, צושטערט און פאַרוויסט. —

ווען מענשען, פאַרצווייפעלטע, פאַרמוטשעטע, געהען אויס אין זייערע יסורים—טאָרסטו דיך נישט אָפצוימען אין דיינע ד' אמות, פאַרשעלען מיט ווענט, נישט וועלען זעהן און וויסען, וואָס דאָרט געשעהרט.

מאַך אויף אַ פענסטער, שטעל דיך אין קאָנטאַקט מיט דער גאַס, מיט דער צווייטער זייט, וואו עס הערשט אָרימקייט און שרעק. העלף זיי, שטיץ זיי, פּרואוו צו לינדערען זייער צער...

לעב נישט בלויז פאַר דיר...

צייט - מאָטיוועז

אונזערע גבירים וואָלטען זיך געדאַרפט אויסלערנען די דאָזיגע דריי ווערטער און זיי גוט געדענקען דאַמאָלס, ווען זיי פאַרשליסען זיך צווישען זייערע פעסטונג־ווענט, ערגיץ אין ווייטע מקומות, וואו די טריט פונ׳ם „פראָסטען אידען״ ווערען נישט געהערט... און וואו זיי זיינען געזיכערט, אַז מען וועט זיי נישט „באַדערען״... מיט „דזשואיש פראָבלעמס״...

* * *

1) ישראל — רחמנים, גמלנים, בישנים.
2) ביצה לב — מזרעו של אברהם.
3) שבת קנא, ב״ר לג.
4) גיטין סב, שבת קנה, ירושלמי יבמות פ׳ טו, ב״מ פה.
5) קה״ר — הכניס מוכה שחין לעיר וכו׳.
6) שבת קנא — בר׳ חייא ואשתו וכו׳ עיי״ש.

דער ציעל כשר'ט נישט די מיטלען

א"ר יוסי שלשה הן שבא יצרן לתקפן ונזדרזו עליו כל אחד בשבועה ואלה הן: יוסף, דוד, ובועז. יוסף, דכתיב ואיך אעשה הרעה הגדולה הזאת וכו'. דוד, שנאמר: חי ה' כי אם ה' יגפנו וכו'. בועז, שנאמר: חי ה' שכבי עד הבוקר. — (מדרש רות ו' ד')

עס איז אַ היסטאָרישער פאַקט, אַז די וויכטיגסטע געשיכטליכע דערגרייכונגען, די באַדייטענדעסטע דאָטומס אין דער ענטוויקלונג פון פעלקער און לענדער, אויך די ערהאָבענסטע קולטורעלע און הומאַני־טאַרישע געווינסען פון דער מענשהייט — האָבען געמוזט אַדורך געהן צוערשט אַ לאַנגען בלוטיגען וועג, פול מיט מענשליכע קרבנות, ביז זיי זיינען פאַרווירקליכט געוואָרען, ביז זיי האָבען זיך איינגעבירגערט אין לעבען.

די גרעסטע גייסטער, די עהרליכסטע מענשען, האָבען זיך קיינמאָל נישט אָפּגעשטעלט צו באַטראַכטען די מיטלען מיט וועלכע זיי זוכען אַדורך צוברעכען אַ וועג פאַר זייערע אידעאַלען. ביי זיי איז געוועזען זעלבס־פאַרשטענדליך, אַז אַלע מיטלען זיינען כשר און אָנגעמבאָהר, אַבי דער ציעל, דער תכלית, איז אַ הויכער, אַ געטליכער.

קוקען מיר דערפאַר אַ סך מאָל מיט וואונדער און שטוינונג אויף גרויסע היסטאָרישע פערזענליכקייטען, מענשען מיט געוואַלדיגער פּראָמינענץ, גייסטער וואָס האָבען געטראָגען אין זיך אוצרות פון וויסען און מאָראַל, און דאָך האָט זיי נישט געשראָקען צו באַנוצען זיך מיט פייער און שווערד, מיט מרידה און אַנדערע ביליגע מיטלען, אַבי זיי זאָלען זייער ציעל דערגרייכען —עס זעהט אויס פאַר'ן אויג, ווי אַ פּאַראַדאָקס, אַן אוממעגליכקייט. עס איז אָבער דאָך אַ היסטאָרישער פאַקט.

רעדט טאַקע דער דערמאַנטער מאמר חז"ל, וועגען דעם דאָזיגען מערקווירדיגען שטריך אינ'ם כאַראַקטער פון די פעלקער, און דער־צעהלט, דרך־אגב, אַז ביי אונז אידען איז עס נישט אַזוי. ביי אידען

דאַרף נישט בלויז דער ציל זיך אויסצייכענען מיט עהרליכקייט און הייליגקייט, נאָר אפילו די מיטלען, וואָס ברענגען צום ציל מוזען זיין כשר און ערהאַבען, אָהן דעם מינדעסטען פלעק.

דער מאמר חז״ל ברענגט אונז אַלס מוסטער דריי גרויסע אידישע פערזענליכקייטען, וואָס אין זייער לעבען האָבען זיי געקענט דערגרייכען דאָס גרעסטע און וויכטיגסטע, ווען זיי וואָלטען זיך באַנוצט מיט נישט־כשר׳ע מיטלען, און דאָך האָבען זיי פאַרציכטעט אויפ׳ן ערפאָלג, אָבי נישט צו פאַרשוועכען זייערע נעמען מיט שמוציגע מעשים.

* * *

יוסף האָט נאָך אין זיין יוגענד גע׳חלומ׳ט צו זיין אַ מלך, אַ גרויסער מענש, וואָס אַלע בוקען זיך צו איהם[1]. די ברידער האָבען פון איהם געלאַכט[2]. דער טאַטע האָט אָוועק געמאַכט מיט דער האַנד זיינע איינבילדונגען[3]. ער האָט אָבער מיט דעם מערקווירדיגען עקשנות, וואָס אַלע טרוימער און פאַנטאַזיאָרען באַזיצען, וויטער געוועבט זיינע פלענער, שטיל אין זיך, און געוואַרט אויף אַ געלעגענהייט זיי צו רעאַליזירען.

יאָהרען זיינען פאַרגאַנגען. יוסף איז פאַרקויפט געוואָרען קיין מצרים[4]. ער איז געוואָרען אַ קנעכט[5]. זיין לאַגע האָט זיך פאַרערגערט. עס האָט זיך איהם שוין אויסגעדאַכט, אַז זיינע אַלע חלומות און ערוואַרטונגען וועלען צורינען ווערען... ווייל ווי אַזוי קען אַן אָרימער שקלאַף טראַכטען פון קעניגרייך און עשירות?...

פלוצים קומט איהם ממש אין דער האַנד אַריין זיין געלעגענהייט. די פּרינצליכע פרוי פון דעם קעניגליכען שר פוטיפר, פאַרליבט זיך אין איהם[6]. זי זאָגט איהם צו, אַלע גליקען פון דער וועלט[7]. ער וועט האָבען די מעגליכקייט זיך אַרויסצורייסען פון זיין שקלאַפען־שטאַנד[8]. ער וועט קענען קומען אין די פּאַלאַצען פון די מלכים ושרים. אַלע וועלען אויף איהם קוקען, באַוואונדערען זיין שעהנקייט[9]. ער וועט אַזוי לייכט קענען גרייכען צו זיין ציעל, צו דער פאַרווירקליכונג פון זיינע יוגענד־חלומות...

זיין יונגער מח פיבערט. עס ציהט איהם ווי מיט אַ מאַגנעט צו דעם רייכען לוקסיעזען לעבען, וואָס שטעהט פאַר איהם מיט אָפענע טיהרען.

ויבא יוסף לעשות צרכיו[10] — ער וועט זיך לאָזען פאַנגען פון די כישופ׳ען וואָס רייצען און רופען. ער וועט אויסנוצען די גאָלדענע געלעגענהייט[11]. ער וועט דערגרייכען זיין ציעל מיט שמוציגע מיטלען? — וואָס־זשע איז — „דער ציעל כשר׳ט די מיטלען״... מענשען האָבען ליעב צו פאַרגעסען מיט וואָסער לייטער מען האָט דערגרייכט די שפּיצען, אַבי מען זיצט שוין אויבען...

נראה לו דמות דיוקנו של אביו[12] — דאָס געשטאַלט פון זיין פאָטער האָט געשטראָפט און אויסגעמוסר׳ט[13]: יוסף! וואָס איז דיר געשעהן? — דו ביזט דאָך אַ קינד פון ישראל. ווייסטו דען נישט, אַז ביי אונז מוז מען באַנוצען אויך ריינע כשר׳ע מיטלען? ביי אונז דאַרפען סיי דער ציעל און סיי די מיטלען זיין דורכגעלייטערט און געהייליגט.

יוסף איז באַלד צו זיך געקומען. ער האָט אויסגעהאַלטען דעם נסיון[14], אַוועק געשליידערט דאָס זינדיגע גליק, וואָס האָט צו איהם געוואונקען. ער איז פאַר׳משפט געוואָרען צו פינסטערער תפיסה[15]. ער האָט אָבער אַלעס אָנגענומען פאַר ליעב, און שטיל איין זיך געוואַרט און געהאָפט אויף דעם מאָמענט ווען ער וועט קענען פאַרווירקליכען זיינע אידעאַלען און צוקומען צו זיין ציעל, מיט כשר׳ע מיטלען...

* * *

דוד׳ען האָט דער נביא שמואל נאָך אין זיין יוגענד געזאַלבט פאַר אַ קעניג[16]. ער איז טאַקע ווי געבוירען געוואָרען צו הערשען. זיין פיזישע גבורה איז געוועזען אויסערגעוועהנליך[17]. ער האָט אויך פאַרמאָגט מוטה און געוואַגטקייט[18]. אַ ווייכע בענקענדיגע און פיהלבאַרע נשמה[19]. פּאָעטישען שוואונג[20]. און דערצו נאָך האָט ער זיך אויסגעצייכענט מיט פרומקייט און עהרליכקייט[21].

איז נישט קיין וואונדער, וואָס ער האָט געחלומ׳ט וועגען גרויסקייט, געמאַכט פּלענער אויף דער צוקונפט, און געהאָפט צו דערגרייכען זיין ציעל.

מיטאַמאָל האָט זיך אַלעס אויסגעדרייט צום שלעכטען. דער קעניג שאול איז אויף איהם אין כעס[22], זוכט איהם אומצוברענגען[23]. ער וואַלגערט זיך אַרום[24], וואוינט אין היילען און צווישען בערג[25], פיהרט אַ לעבען פון אַ ציגיינער. ער איז נישט איין מאָל איינגעשטעלט מיט׳ן

לעבען[26]. זיינע חברים זיינען אָרימע, פאַרביטערטע און באַ׳עולה׳טע מענשען[27]. צו דער פאַרווירקליכונג פון זיינע חלומות איז ער ווייט, ווי הימעל איז ווייט פון ערד. ער האָט זיך שוין באַלד מייאש געווען פון ווערען גרויס. זיין וואונש איז צו לעבען כאָטש ווי דער פשוט׳סטער און אָרימסטער.

פלוצים גיט אַ בליאסק פאַר זיינע אויגען אַ גאָלדענע געלעגענהייט. ער קען דערגרייכען זיין גליק. ער קען עס ממש אָנטאַפּען מיט די פינגער. איין קלייניגקייט דאַרף ער נאָר טוהן, ער דאַרף אַרויסציהען זיין שווערד און אַריינשטעכען אין שאול׳ן[28]...

אַ געדאַנק באַהערשט איהם אין גאַנצען, רעדט אַריין אין זיין באַוואוסטזיין: דוד, דו האָסט איצט דיין געלעגענהייט. דו קענסט, מיט איין מאַך מיט דער האַנד, באַזייטיגען אַלע שטערונגען אויף דיין וועג, אַרויפשטייגען צום טראָהן אַזוי לייכט. עס איז דיר שווער צו קומען צום ציעל דורכ׳ן מיטעל פון שפיכת דמים? — זיי נישט קיין נאַר. דו ביזט נישט דער ערשטער און נישט דער לעצטער צו באַנוצען זיך מיט אַזעלכע מיטלען. הונדערטער מלכים שאַפען זיך אַזוי, זייער הערשאַפט, איבעריגענס, דיין ציעל איז דאָך אַ גערעכטער, נו, „כשר׳ט דער ציעל די מיטלען״!...

דוד ציהט שוין אַרויס זיין שווערד...אָבער אין דעם מאָמענט האָט אַ צווייטער געדאַנק אַ בליץ געטוהן אין זיין מח, אַ געדאַנק, וואָס האָט געשטראָפט און געוואָרענט:

— דוד, וואָס איז דיר געשעהן? צו ווייסט דו דען נישט, אַז ביי אידען דאַרפען די מיטלען, מיט וועלכע מען דערגרייכט דעם ציעל, אויך זיין כשר און הייליג? אַ איד טאָר נישט איינטונקען זיין שווערד אין יענעמס בלוט, מעג עס זיין דאָס בלוט פונ׳ם גרעסטען פיינד! באַדענק דיך דוד, זוך דיין וועג אין לעבען דורך בעסערע מיטלען!...

אַ ים מיט חרטה האָט איהם אין גאַנצען פאַרשלונגען[29]. ניין, ער וועט וואַרטען און האָבען געדולד. זאָל ער ווייטער זיין פאַר׳משפט צו ליידען און סכנות. אַזעלכע מיטלען וועט ער נישט באַנוצען צו זיין ציעל. ער וועט בעסער וואַרטען און האָפען אויף אַ בעסערער און ריינערער געלעגענהייט צו פאַרווירקליכען זיינע ציעלען אין לעבען.

* * *

בועז איז געווען אַ פאַרבען־רייכע פערזענליכקייט. ער איז געווען רייך[30], אַנגעזעהן[31], און פרום[32]. מען האָט איהם צוליעב זיינע מעלות און צוליעב זיין יחוס, פאַר אַ שופט אויסגעוועהלט[33]. זיין צדקות האָט געשמ'ט. זיין הויז האָט זיך אויסגעצייכענט מיט צדקה און גוטס־קייט[34]. דרייסיג זיהן און דרייסיג טעכטער האָט ער געהאַט[35]. ער האָט אָבער געוואוסט דורך נבואה[36], אַז דער „מלכות בית דוד" וועט אַרויס־שטאַמען פון אַ פרוי מיט'ן נאָמען רות[36]. אָודאי האָט ער געבעטען גאָט, אַז ער זאָל זיין דער פאָטער פון דער קעניגליכער דינאַסטי; ער האָט דאָס געוואָלט מיט זיין גאַנצער נשמה און מיט'ן גאַנצען האַרץ. וואָס פאַר אַ גרעסערען כבוד קען זיך דען אַ וואונשען? ער האָט אָבער פאַרטריבען די דאָזיגע געדאַנקען פון זיין קאָפּ, ווייל רות איז דאָך דער נאָמען פון דער פרוי, און זיין ווייב איז דאָך נישט רות...

מיטאַמאָל ווערט ער איבערראַשט פון די צופאַלען. זיין ווייב שטאַרבט פּלוצלונג[37]. עס באַווייזט זיך אויף זיינע פעלדער די פרוי רות[38]. זי ווערט מיט איהם היימיש. אַט שטעהט זי אין אַ פינסטערער נאַכט, און בעט זיך ביי איהם ער זאָל זי נעמען פאַר אַ פרוי. זיין מח אַרבייט פיבערדיג, ווי בליצען לויפען זיינע מחשבות. איין קליינינג־קייט! ער קען דערגרייכען זיין ציעל אַזוי לייכט. מיט איין וואָרט, קען ער ווערען דער פאָטער פון דער גרעסטער און הייליגסטער מלכים־דינאַסטי. ער וויל שוין אַרויסזאָגען דאָס דאָזיגע וואָרט פון הסכמה... קומט איהם אָבער אַ צווייטער געדאַנק, וואָס זאָגט צו איהם:

— בועז, ווי וואָגסטו צו טוהן אַזאַ זאַך? לויט'ן אידישען דין באַלאַנגט זי דאָך צו נעהנטערע קרובים. זיי דאַרפען זי אויסלייזען פון איהר יבמה'שאַפט. דיר איז זי פאַרבאָטען, סיידען יענע קרובים וועלען זיך אָפּזאָגען פון איהר[39].

בועז ווייסט אַז ער וואַרפט זיין גליק אויף אַ וואַגשאָל, וואָרען וואָס וועט זיין, אַז יענע קרובים וועלען זי יאָ אַוועקנעמען פון איהם? איז דאָך דאַן זיין גאַנצע ליכטיגע צוקונפט, די פאַרווירקליכונג פון זיין שעהנעם ציעל אין לעבען — פאַרשפּילט.

ער וויל זיך אָבער נישט באַנוצען מיט זינדיגע מיטלען צו דער־גרייכען זיין ציעל. ער וועט בעסער איינשטעלען און וואַרטען אויף גאָט'ס בחירה, ווייל ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז ביים אידישען פאָלק,

צייט - מאָטיוועז

דאַרפען זיך די מיטלען אויסצייכענען מיט זייער עהרליכקייט און אנטשטענדיגקייט פונקט ווי דער ציעל.

* * *

1) בראשית לז.
2) שם לז, ח־יט
3) שם י.
4) בראשית לז, כח.
5) שם לז, לו. בראשית רבה פ״ד ו, במ״ר טז. שבת י.
6) בראשית לט, ז. ע״ז ה.
7) יומא לה, ילקו״ש רמז קמה.
8) ב״ר פ׳ פז. ילקו״ש רמז קמה.
9) ילקו״ש שם, ב״ב קיח, ברכות כ׳.
10) בראשית לט, יא. שבת מט. סוטה לו.
11) ילקו״ש קמה — קמו.
12) ב״ר פ׳ פז, ז.
13) ב״ר שם.
14) סוטה לו־מג, כתובות קיא.
15) ב״ר פד, ספר הישר, רה, ו.
16) שמואל א׳ טז:יב.
17) שמואל א׳ יז:לה.
18) שם יז, ו—לט — מלחמתו עם גלית
19) שמואל ב׳ כג:א, ברכות ג.
20) שם ש״ב, וברכות ג:
21) שמואל ב׳ ח:טו, מדרש רות רבה פ״ח, ע״ז ה., שבת נו—ל.
22) שמואל א׳ יח:ח.
23) שם יח:יא, ועוד בכמה מקומות.
24) שמואל א׳ כ.
25) שם כב.
26) שם כו.
27) שמואל א׳ כב:ב.
28) שם כד.
29) שם כד:ז, כו
30) מגילת רות.
31) ילקו״ש רות תרה.

32) מגילת רות, ילקו״ש רות תרד.
33) חז״ל, רש״י רות א׳ פסוק ד.
34) מ״ר רות.
35) מ״ר רות, ילקו״ש.
36) מדרש רבה רות, ילקו״ש שם, ברכות ז:
37) מדרש חז״ל, ב״ב צא.
38) מגילת רות ב.
39) מגילת רות ג.

ליכט דורך נעפּעל

וירא העם וינועו ויעמדו מרחוק — שמות כ:יח)
ומשה נגש אל הערפל כי שם אלקים — (שם)

(א)

וירא העם — דאָס פאָלק ישראל — שטעהענדיג ביים מעמד הר־סיני — האָט אַריינגעקוקט אין זיין עתיד אַלס פאָלק צווישען פעל־קער...

וינועו — זיינען זיי דערציטערט געוואָרען...

ויעמדו — זיי זיינען שטעהן געבליבען, מורא האָבענדיג צוצוגעהן צו קבלת התורה. זיי האָבען אָנגעהויבען חרטה צו האָבען...

מרחוק — צוליעב'ן טרויעריגען „ווייטענס", וואָס האָט געגרוילט מיט אַזוי פיעל שחיטות און אכזריות'ן, און וואָס האָט אַזעלכע שאָטענס אויף די הערצער געלייגט...

ומשה נגש אל הערפל — דער אידישער פיהרער איז נישט פאַר־צווייפעלט געוואָרען. מוטהיג און זיכער איז ער געגאַנגען פאָראויס... נישט פאַרלוירען זיך, נישט געבראָכען געוואָרען פון דעם אַלעם, וואָס שרעקט און וואָרענט אַזוי שטאַרק פון דערווייטענס...

כי שם אלהים — ווייל געוואוסט האָט ער, אַז גראָד אין די שווער־סטע מינוטען אינ'ם לעבען פון דעם פאָלק, ווען נעפעל און אומזיכער־קייט וועט פרעסען און פלאַגען אַמשטאַרקסטען דאָס האַרץ, עס וועט זיך דאַכטען, אַז אָט, אָט, פאַלען מיר אַרונטער אין אָפּגרונט — גראָד אין אַזעלכע מינוטען — וועט זיך פלוצים באַווייזען די האַנד פון השגחה און צוטרייבען די וואָלקענס, צורייסען דעם שווערען גזר־דין — און ווידער וועלען זיך אויסשפּרייטען פאַר'ן פאָלק, וועגען פון נייע לעבען און קיום...

צייט - מאָטיוועו

(ב)

אז אמר שלמה ד׳ אמר לשכן בערפל — (מלכים ח)

פונקט ווי עס איז געזונט פאַר׳ן גייסט, נישט אַריינצופאַלען — אין מינוטען פון צרה — אין פאַרצווייפלונג, נאָר אין סאַמע גרעסטען פינסטערניש, זעהן דעם מאָרגען, וואָס וועט באַלד קומען; אַזוי איז אויך ראַטהזאַם — אין צייטען פון גליק און עשירות — נישט פאַר׳שיכור׳ט צו ווערען פונ׳ם ערפאָלג און מזל, נאָר וויסען און געדענקען, אַז צייטען קענען זיך ענדערען, און אַז מען האָט זיך נאָך נישט פאַרזיכערט אויף אייביג.

אַזאַ באַוואוסטזיין וועט העלפען ווייכער מאַכען דאָס האַרץ, און גורם זיין, אַז דער מענש זאָל שטענדיג בעטען ביי גאָט, און העלפען אָרימע לייט.

האָט דערפאַר שלמה המלך, אין דעם מאָמענט ווען זיין לאַנד און זיין פאָלק האָבען דערגרייכט דעם העכסטען שפיץ פון גליק; יעדער איז זיך געזעסן „תחת גפנו ותחת תאנתו”, און דאָס בית המקדש איז שוין געשטאַנען מיט זיין גאַנצען פראַכט און גלאַנץ, — האָט ער זיי דערמאַנט אַז עס קענען נאָך קומען צייטען פון „ערפל”; צייטען אין וועלכע דער בית המקדש וועט נישט זיין, און שווערע וואָלקענס וועלען שטיקען און פינסטער מאַכען דעם איד׳ס הימעל. ער האָט אָבער צוגעגעבען, אַז אויך דאַמאָלס זאָלען זיי נישט אַריינפאַלען אין יאוש — ווייל:

ד׳ אמר לשכון בערפל — גאָט וועט נישט פאַרלאָזען זיין פאָלק. ער וועט קומען אין די ערפל־צייטען און וועט זיי העלפען...

דורך דער זעלבער טיהר — צום קאַמף

כשבקשו להתיר צרת הבת נכנסו ר' אלעזר ור' יהושע ור' עקיבא וכו', כשנכנסו, נכנסו בפתח אחד וכשיצאו, יצאו בשלשה פתחים.
— (יבמות טו)

נאָכוואָס נייטיגען זיך די חז"ל צו דערציילען מיט וויפיעל טיהרען זיי זיינען אַריין אָדער אַרויסגעגאַנגען?

וואַרפען מיר אָבער אַ ביסעל ליכט אויף די לעבענס-געשיכטעס און אויף די פּאָליטישע השקפות פון אָט די דריי גרויסע מענשען, ווייזט זיך אַרויס, אַז אונזערע חכמים האָבען דאָ אויפגעדעקט אַ גאַר גרויסע אידעע, וואָס דאַרף אונז עפּעס לערנען.

* * *

ר' אלעזר איז געווען איינער פון די רייכסטע מענשען[1] אין זיין צייט. ער האָט געפיהרט גרויסע מסחרים[1]. דערצו האָט ער גע'ירש'נט פון זיין פאָטער גרויסע שטאַלען מיט בהמות[2]. ער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין לומדות[3]. געווען אַן איינגעפונדעוועטער בעל הבית, וואָס לעבט מיט חשבון[4], וואַרפט נישט מיט קיין געלד[5]. זיין פּאָליטישע השקפה איז געווען די אַלטע, גוט באַקאַנטע „שתדלנות-שיטה". ער אַליין איז זיך משתדל פאַר זיינע ברידער[6], האַלט פאַר זיי דרשות[7], לערענט זיי צו זיין עהרליך[8] און יושר'דיג[9] איינער צום צווייטען. איז מתפלל צו גאָט פאַר זיי[10]. אין די שפּעטערע[11] יאָהרען ווערט ער, דורך אַ צופאַל, דער נשיא ביי אידען אויף אַ שטיקעל צייט[12].

בקיצור קען מען זאָגען, אַז ר' אליעזר איז געווען פון דעם אַלטען טיפּ, גבירישען, יחוסנ'ישען בעל הבית, וואָס לעבט נישט בלויז פאַר זיך, און וואָס האַלט, אַז דער איינציגער וועג פון ווירקען לטובת הכלל איז דורך שתדלנות.

* * *

ר' יהושע, דאַגעגען, האָט שוין געהאַט אַ מעהר וועלטליכע שטעלונג צו דעם ענין פון כלל-טעטיגקייט[13]. ער פיהרט שוין פּאָליטיק

אין אַ ברייטען פאַרנעם. ער איז נישט קיין שתדלן. ער זיצט נישט אין דעם אַלטען שלאָס פון בעל הבת׳ישער געמיטהליכקייט. ער איז אין מיטען קאָך פון דעם דאַמאָלסדיגען כלל-לעבען[14]. מען זעהט איהם אומעטום אין צענטער פון די געשעהענישען[15]. ער איז אָבער געבוירען געוואָרען מיט אַ נאַטירליכע גוטסקייט און ווייכקייט[16], איז דערפאַר זיין שטעלונג אין פּאָליטיק, אַ ווייכע, אַ נאָכגעביגע[17], אַ שלום זוכענדע. זיין גאַנצער פּאָליטישער צוגאַנג ווערט אויסגעדרוקט אין פאָלגענדען עפּיזאָד :

— דאָס פאָלק האָט שוין מעהר נישט געקענט אויסהאַלטען פון די גזירות המלכות. האָבען זיי זיך געזאַמעלט אין בית המקדש־חצר און געוואָלט אָנהויבען אַ מרידה. עס האָט שוין געהאַלטען דערביי, אַז אַ בלוטיגער בונט זאָל פּלוצים אויסברעכען. האָט זיך דאַמאָלס ר׳ יהושוע אויפגעשטעלט און דערצעהלט אַ משל :

— ביי אַ לייב האָט זיך אַמאָל אַריינגעשטעקט אַ ביין אין האַלז. ער האָט באַלד אַרויסגעלאָזט אַ באַפעהל צו זיינע אינטערטאַנען אין וואַלד, אַז ווער עס וועט אַרויסשלעפּען דעם ביין וועט באַלוינט ווערען כיד המלך. איז געקומען צו לויפען דער באָטשאָן מיט זיין לאַנגען שנאָבעל, און ער האָט אַריינגעשטעקט זיין שנאָבעל טיעף אין לייב׳ס האַלז, און אַרויסגעשלעפּט דעם ביין. ווען ער קומט פאַר׳ן לייב מאָהנען די צוגעזאָגטע באַלוינונג, ענטפערט איהם דער מלך שבחיות, מיט אַ הויכען געבּרים : — די גרעסטע באַלוינונג וואָס דו קענסט דיר וואונשען איז געווען דיע, וואָס זייענדיג אין מויל פון׳ם לייב, ביזטו אַרויסגע־קומען גאַנץ. דאָס אַליין איז שוין דיין שכר פאַר דיין אַרבייט . . .

— איהר אידען, וואָס געפינט זיך אין מויל פון׳ם לייב, דאַרפט זיין צופרידען וואָס דער דאָזיגער לייב פרעסט אייך נישט איינגאַנצען אויף[18] . . .

— מיר קענען אַלזאָ מיט זיכערקייט אויספיהרען, אַז ר׳ יהושוע איז געווען פון די „שלום-זוכער״, פון די, וואָס פאַרדאַמען געוואַלד טאַאַטען און זוכען צו שליכטען קאָנפליקטען אויף אַ ריין דיפּלאָמאַטישען און געלאַסענעם אופן[19].

* * *

ר׳ עקיבא איז שוין געווען אַ גאַנץ אַנדערער טיפּ אידישער פיהרער. ער איז געווען דינאַמיש און ברויזענד[20]. אין זיין בלוט האָט געקאָכט אַ פייער פון רעוואָלט און מרידה[21]. ער האָט נישט געדולדעט די רוהיגע אויסגערעכענטע פּאָליטיקער, וואָס באַדען זיך אין ימים פון רייד און טוהען־אויף ווינציג. זיין שיטה איז געווען: אַקציע[22], מעשים וואָס זאָלען איבערצייגען און אַרויפוואַרפען פּחד אויף די שונאים. ווען עס צופלאַקערט זיך דער בר־כוכבא־בונט, איז ער פון די ערשטע און מוטהיגסטע אויפ׳ן מלחמה־פעלד. זיינע תלמידים קעמפען ווי די לייבען.

מיט איין וואָרט: ר׳ עקיבא איז דער סימבאָל פון אַ רעוואָלוציאָנער, פון אַ מענש, וואָס גלויבט אין מעשים, וואָס וויל צוברעכען דעם שונא מיט׳ן כח פון פויסט — מיט דעם זעלבען מיטעל, וואָס דער שונא באַנוצט זיך...

* * *

עס שטעהען פאַר אונז דאָ, דריי פאַרשידענאַרטיגע פּערזענליכקייטען. יעדער איינער פאַרטרעט אַ באַזונדערען פּאָליטישען שטאַנדפּונקט, אַ באַזונדערען בליק אויף לעבען און אויף געשעהענישען. זייערע השקפות קענען נישט לעבען בשלום.

וכשיצאו, יצאו בשלשה פתחים — אַרויסגעגאַנגען איז יעדער באַזונדער. יעדער איינער דורך זיין אייגענער טיהר — דער שתדלן באַזונדער, דער רוהיגער, געמיטהליכער, שלום־זוכענדער פּאָליטיקער באַזונדער, און אויך דער אומרוהיגער, וואולקאַנישער און פלאַם־פייערדיגער רעוואָלוציאָנער — באַזונדער.

יעדער מיט זיין אייגענער וועלט... מיט זיין אייגענער שפּראַך... אָפּגעטיילט מיט גראָבע מחיצות איינער פונ׳ם אַנדערען... נישט אַזוי גרינג קענען זיך אַזעלכע ווייטע וועלטען צוזאַמענקומען...

און דאָך —

כשנכנסו, נכנסו בפתח אחד—ווען זיי זיינען אַריינגעגאַנגען צום קאַמף פאַר אַ תקנת חכמים, האָבען זיי זיך פאַראייניגט; אָפּגעמעקט די גרעניצען, וואָס טיילען זיי פאַנאַנדער, און אַלע צוזאַמען, אין איין געשלאָסענער מחנה, מיט די זעלבע כונות. און, דורך איין־און־דערזעלבער טיהר, האָבען זיי אַריינמאַרשירט צום קאַמף...

דער געדאַנק, אַז זיי געהען ראַטעווען דאָס יהדות האָט זיי אויסגעגלייכט, צונויפגעבונדען, און פסיכאָלאָגיש נאָהנט געמאַכט...

דער מוסר־השכל דערפון איז: אַז טראָץ־דעם וואָס די אומשטענדען פונ׳ם לעבען טיילען פינאַנדער איינעם פונ׳ם צווייטען, שאַפען פאַרשי־דענע פאָליטישע מיינונגען און השקפות, מאַכען אויף פאַר יעדען איינעם אַ באַזונדערע טיהר... פיהרען איהם אויף אַן אַנדערען וועג, דאָך, ווען עס האַנדעלט זיך אין פאַרטיידיגען די אינטערעסען פונ׳ם פאָלק און פון זיינע טראַדיציעס, דאַרפען מיר פינאַנדערוואַרפען די מחיצות, אָפּמעקען די אונטערשיעדען, און אַלע צוזאַמען, אין איין גרויסער פאַראייניגטער מחנה אַדורך־געהן דורך דעם איינעם טויער, וואָס פיהרט צום קאַמף פאַר אידישקייט און אויף וועלכען עס פלאַטערען די הייליגע ווערטער: „זה השער להי צדיקים יבואו בו"...

* * *

1) ברכות נז. תוספתא סוטה פ׳ טו.
1) ב״ב צא. קידושין מט. תוספתא סוטה ט, ב.
2) שבת נד:
3) גיטין פו. אדר״נ פ׳ יח
4) חולין פד. — אם יש לו מנה יקח לטרא ירק וכו׳...
5) ערכין כח. — אמר ר״א ב״ע וכו׳ על אחת כמה וכמה יהא אדם חס על נכסיו.
6) מכות כג. סוכה מא.
7) סנהדרין לח. חגיגה יד. פסיקתא רבתי כג. ברכות יא.
8) משנה סוף יומא. עירכין טז.
9) אבות סוף פ״ג.
10) עירובין פה.
11) ירושלמי ברכות פ״א הל׳ ו׳ — דהיה אז שבעים שנה.
12) ברכות כז.
13) ברכות נו. שבת קיט. סנהדרין צ: חולין נט. — הויכוחים שלו עם הקיסר ושרים.
14) ב״ר פ׳ סד. עירובין קא. ברכות כז. גיטין נז.
15) ברכות כז. מעשר שני פ״ה ט. ערכין יא.

16) ב"ר פ"ע א. קהלת רבה פ"א ח. קידושין לא. עירובין נג.
17) ב"ר פ' סד. גיטין נז — שהלך עם ר"י להשתדל אצל אספסינות.
18) ב"ר פרשה ס"ד.
19) סוטה בסופו — משמת ר"י בטל עצה ומחשבה.
20) נוכל לראות זה מנסיעותיו לכל קוצי עולם —ר"ה כו. ב"ר פ' לג. ברכות ג.
21) מרידת בר כוכבא.
22) סוטה מט — משמת ר"ע בטלו „זרועי" תורה —בעלי זרוע ומעשה...

צוריק צו זיך

(א)

בשעה שכרה דוד שיתין קפא תהומא בעא למישתפא לעלמא וכו׳
כתב שם שדי אתהומא נחת וקם אדוכתיה. — (מכות יא: סוכה נג.)

דער בית המקדש איז געווען דער לעבענס-נערוו פונ׳ם פאָלק[1], דער צענטער פון רעליגיעזער[2] און פּאָליטישער טעטיגקייט[3], דאָס אָרט וואו עס האָט זיך קאָנצענטרירט דער גאַנצער מלוכה׳שער אַפּאַראַט[4]. דער בית המקדש איז אויך געווען דער זאַמעל-פּונקט פון די מאַסען[5], די אַרענע, וואו עס האָט זיך אָפּגעשפּילט די דראַמאַטישע לעבענס-געשיכטע פון אידישער אונאָבהענגיגקייט און פרייהייט[6].

שטודירענדיג די געשעהענישען און די פּאַסירונגען וואָס זיינען פאָרגעקומען אין בית המקדש און אין זיינע גרעניצען, שווימען פאַרביי פאַר׳ן אויג, די וויכטיגסטע מאָמענטען[7], די פרעהליכסטע[8] און אויך טראַגישסטע[8] אין אונזער געשיכטע.

דאָס פאָלק האָט תמיד געקוקט אויפ׳ן בית המקדש, ווי אויפ׳ן מח[9] און האַרץ[10] פון דער אומה. און די שונאים האָבען קיינמאָל נישט געקענט ברעכען דעם אידישען אויסדויער און עקשנות, סיידען זיי האָבען צוערשט פאַראומווירדיגט[11] און צושטערט דעם מקדש און דעם קדשי קדשים.

איז דערפאַר, מיט רעכט, דער בית המקדש געוואָרען דער סימבאָל און דער סינאָנים פונ׳ם פאָלק. און אַ סך מאָל, ווען מען דערמאָנט דעם בית המקדש, באַצייכענט מען דערמיט דאָס גאַנצע פאָלק, די אומה אין איהר גאַנצען פאַרנעם.

* * *

בשעה שכרה דוד שיתין — דער גרויסער דוד, וועלכער איז נישט נאָר געווען דער קעניג, נאָר אויך דער געטרייער פאָטער[12], דער ליבער רבי און ערציהער פון זיין פאָלק[13] — האָט זיך געגראָבען אין

די יסודות פונ'ם אידישען פאָלק, פון אידישער צוקונפט. ער האָט געוואָלט אויסגעפינען אויף וואָסערע פונדאַמענטען דער קיום פונ'ם אידישען עתיד וועט זיך בויען. צי עס זיינען פאַראַנען שטאַרקע אויס־זיכטען און עגזיסטענץ־מעגליכקייטען.

קפא תהומא — איז פאַר זיין אויג אויפגעשוואומען אַ שוואַרצער אָפּגרונד, אַ תהום וואָס שטעהט מיט אַן אָפען מויל און שרעקט מיט אונ־טערגאַנג און שנאה.

ער האָט פאַר זיך דערזעהן, דעם לאַנגען בלוטיגען לעבענס־וועג פונ'ם אידישען פאָלק אין די גלות'ן, די מערדערייען און פאַרראַטען פון די פעלקער לגבי דעם איד די אונענדליכע טייכען פון בלוט און טרערען.

בעא למישתפא לעלמא — עס האָט זיך איהם געדוכטען, אַז די גאַנצע וועלט שטעהט אויפ'ן שוועל פון אונטערגאַנג. אַלע שעהנע זאַכען, און הויכע שיטות, דער גאַנצער קולטורעלער בנין פון דער מענשהייט האָט געהאַלטען ביים פאַרשלונגען ווערען אין דעם דאָזיגען תהום.

כתב שם, שדי אתהומא — דוד האָט אַ סך אַריינגעקלעהרט, האָט גוט אַדורכגעטראַכט דעם גורל פון זיין פאָלק, און איז ענדליך געקומען צו אויספיהר, אַז די איינציגע רעטונג פונ'ם מקדש — וואָס באַצייכענט דעם קיום העם — ליגט אין „שם־המפורש" — אין צוריקקום צום מקור, צו אידישקייט, נאָר דאַמאָלס ווען מיר וועלען באַקעמפען דעם תהום מיט גאָט'ס נאָמען, נאָר דאַמאָלס וועלען מיר זיגען, וועלען מיר איינשטילען די אָפּגרונטען, און צוריק געפינען דעם קיום, דעם באָדען אונטער די פיס . . .

(ב)

אר"ג פעם אחת הייתי מהלך בספינה וראיתי ספינה שנשברה ומטרפת בים והייתי מצטער על ת"ח שבה ומנו ר"ע, וכו' אמרתי לו: בני מי העלך? — אמר לי: דף מצאתי וכו' — (יבמות קכא.)

עס איז איבעריג צו שילדערען די פערזענליכקייט פון ר' עקיבא. יעדען איינעם איז באַקאַנט זיין מעכטיגע אַלזייטיגע און קאַלירפולע פערזענליכקייט. ער איז געווען אויסער דעם גרויסקייט אין תורה,

אויך וועלטליך[14] און געזעלשאַפטליך[15]. ער איז געווען אַן אָפּטער באַזוכער אין די רוימישע רעגירענדע הייזער[16], האָט שטענדיג פּאַרטיי־דיגט און משתדל געווען זיך לטובת דעם פאָלק[17], איז געשטאַנען אין סאַמע מיטען דאַמאָלסדיגען טעמפּאָ פון לעבען און געשעהענישען[18], האָט ער דעריבער גוט געקענט די נאַטור פון די פעלקער און זייער באַציהונג צום אידישען פאָלק.

ספינה שמטרפת בים — דאָס אידישע לעבען האָט ביי איהם אויסגעזעהן, ווי אַ צובראָכענע שיף, וואָס ראַנגעלט זיך אין אַ בייזען צושטורעמטען ים.

דף מצאתי — די איינציגע רעטונג פון די כוואַליעס איז דער „דף" — דער דף־גמרא, דאָס לערנען, תורה, דאָס אָנהאַלטען ישיבות און בתי תורה ויהדות. נאָר דער „דף" גמרא קען אַרויסראַטעווען דעם איד פון דעם שטורעם פונ'ם ים, אין וועלכען ער ראַנגעלט זיך צווישען לעבען און טויט... נאָר דער צוריק־קום צום אַלטען טראַ־דיציאָנעלען אידישקייט, קען איהם געבען קראַפט אויסצוהאַלטען דעם אָנגריף פון די „גלי הים"...

(ג)

אז ישיר משה — שר לא נאמר אלא ישיר, מכאן לתחית המתים שהוא מן התורה. — (סנהדרין צא:)

שר לא נאָמר, אלא ישיר — דאַמאָלס ווען דאָס אידישע פאָלק וועט זיין צוגעבונדען צו זייער גאָט מיט אונבאַגרעניצטער אמונה, זיי וועלען האָבען רעספּעקט פאַר זייערע מנהיגים, עס וועט מקוים ווערען דער „ויאמינו בד' ובמשה עבדו" — טריישאַפט און איבערגעבענהייט צו די משה'ס וועלכע זיינען „עבדו" — גאָט'ס באַדינער —

דאַן קענען זיי זיין זיכער, אַז דער וועג צו גאולה וועט פאַר זיי שטעהן אָפען. זיי וועלען זיך נישט האָבען וואָס צו שרעקען פאַר שונאים, ווייל זיי וועלען באַזיצען דעם פּאַנצער פון אמונה, וואָס שיצט און ראַטעוועט.

מכאן לתחית המתים שהוא מן התורה — נאָר פון דער אַלטער סיני־תורה קענט איהר שעפּען לעבען און תחיה. נאָר דאַן ווען די תורה און די אידישע טראַדיציע וועלען ווידער הערשען אויף דער אידישער

גאַס, נאָר דאַמאָלס קענט איהר ערוואַרטען ווידער־געבורטה — תחית המתים...

תחית המתים - לעבעדיג מאַכען די אָפּגעשטאָרבענע גלידער פונ׳ם פאָלק; אַריינברענגען לעבען און האָפענונג אין דער מתים־שטי־מונג און מתים־פּסיכאָלאָגי פון אַ סך גרופּען, קען מען נאָר

— מן התורה — געהט צוריק צום מעמד הנבחר! זאָגט ווידער דעם נעשה ונשמע! נעמט אויף זיך נאָכאַמאָל דעם „עולו של תורה״!

און דאַן וועט איהר דערזעהן מיט אייערע אויגען דעם „תחית המתים״!...

(ד)

וכיון שהגיע חצות לילה בא רוח צפונית ונושבת בו ומנגן מאליו,
מיד היה עומד ועוסק בתורה — (ברכות ג:)

אין צייטען ווען ס׳איז געווען „חצות לילה״ — אין מיטען נאַכט, פינסטער און טרויעריג, פול מיט סכנות און שרעקען. דאָס פאָלק האָט זיך געשטיקט אין דעם שוואַרצקייט און געדיכטקייט פון דער דאָ־זיגער נאַכט. אַ „רוח צפונית״ — אַ ווינט, וואָס זאָגט אָן בייזע בשורות, וואָס ברענגט מיט זיך פּחד און יסורים — האָט געבלאָזען, האָט אַנגעוואָרפען אַ פאַרצווייפלונג אויף יעדען.

מנגן מאליו — עוסק בתורה — האָט דוד געוואוסט אַז אין אַזאַ צייט דאַרף מען זיך נעמען צום „ספר תהלים״ און צום „לימוד התורה...

דער רוח צפונית דאַרף נישט אַריינברענגען קיין יאוש און רע־זיגנאַציע, נאָר פאַרקערט, נאָך מעהר אויפוועקען אין אונז דעם חשק צו תפלה ועבודה, צום אַלטען אידישקייט...

(ה)

משכיל לדוד בהיותו במערה תפלה

משכיל לדוד — די גרעסטע חכמה און וויטזיכטיגקייט פון דוד׳ן איז געווען דאָס, וואָס — בהיותו במערה — געפינענדיג זיך אין

שלעכטע צייטען, אין אַ לאַגע, וואָס איז געגליכען צו אַ טיפען פינ־סטערען גרוב.

— ותפלה — האָט ער זיך באַלד געכאַפּט צום אַלטען אידישען מיטעל, צו תשובה ותפלה, צו באַנייען זיין פרומקייט און אידישקייט...

* * *

1) יומא יב —אחוזת כל השבטים. יומא נד — שממנה הושתת העולם. מנחות פ״ו —שיהא אור יוצא ומאיר לעולם משם.

2) איכ״ר — בית מלכותו, בית יקירו. סוטה מא — מוציו״ט, המלך נטל ס״ת וקרא בו. מנחות פ״ו.

3) מדרש רבה בראשית סד — ר׳ יהושע והעם אודות המרידה. מדות פ״ה — שם היתה סנהדרין יושבת. יומא ע״א — שמעיא ואבטליון והמלך.

4) ברכות ג־ד — מיד שאלו באורים ותומים. סנהדרין — מקום הסנהדרין סמוך למזבח.

5) פסחים סד —המלך בקש לידע כמה אוכלסין וידע ע״י הכליות של הקרבנות. ואודות עליה לרגל ראה: ביכורים פ״ג, פסחים ח ובתוס׳ שם, ירושלמי פאה, סוכה מט, יומא עא. ואפילו בשעת סכנה הלכו לרגל — תענית כח.

6) מ״ר בראשית סד, ועוד.

7) רמב״ם הל׳ בית הבחירה פ״ב א, ראה שם.

8) סוכה נג —ולא היה שמחה כשמחת בית השואבה, סוכה פ״ד.

8) גיטין נז־נח — ההריגה על דמו של זכריה, הפרחי כהונה שנשרפו, ועוד. יומא כג — געו כל העם בבכיה וכו׳.

9) מקום הסנהדרין — מדות פ״ה, סנהדרין, ב״ב מז, יומא כא.

10) מקום צדקה —שקלים פ״ה. ב״ב שם. יומא שם.

11) סוטה מט — כל זמן שעוסקים בעבודה אינם נמסרים בידכם.

12) ברכות ג־ד. — עמך ישראל צריכין פרנסה. ר״ה כה. סוטה מט.

13) ברכות ד — ואני ידי מלוכלכות בדם ובשפיר וכו׳. שה״ש רבה פ״ח, שבת ל. — טוב לי יום אחד שאתה יושב ועוסק בתורה וכו׳.

14) ברכות ח — שלמד וידע תהליכות עמים מדי ופרס וכו׳.

15) ר״ה כו. ב״ר פ׳ לג. ספרי דברים סימן מז. סוף מכות.

16) ע״ז כ. תנחומא תרומה. נדרים מ. וברש״י ור״ן שם.

17) נדרים מ. ברכות סא.

18) ר״ה סוף פ״ב. יבמות טז. ב״מ נט.

די גאַנצע מנורה און דער צושרויפטער טיש

שלחן (של מקדש) של פרקים היה, ומנורה — מוקשה — (מנחות)

שלחן — איז דער סימבאָל פון עולם הזה[1], פון זאַכען וואָס זיינען פאַרבונדען מיט ערדישע הנאות[2].

דער טיש דערמאָנט אין עסען און טרינקען. ביים טיש זיצט מען מיט פריינט און מען פאַרברענגט. די גאַנצע אַרבייט אין געשעפט אָדער אין פאַבריק, איז בלויז פאַר'ן טיש, אָדער, ווי מען רופט עס: „פאַר'ן טעיבל"[3]. . .

איז דערפאַר דאָס וואָרט „שלחן", דער סינאָנים פון ערדישען שטרעבען, פון זיין מאַטעריאַליסטיש און עולם-הזה'דיג.

„שלחן" — של „פרקים — דאָס גאַנצע צוטיילטקייט און צוריסענקייט, וואָס מיר זעהן אויף דער וועלט. די אַלע אָפּגרונטען, וואָס טיילען אָפּ מענש פון מענש און פאָלק פון פאָלק — זיינען פאַראורזאַכט געוואָרען נאָר דערפאַר ווייל מיר זיינען געוואָרען צופיעל „שלחנ'דיג", צופיעל אַריינגעלאָזט אין פאַרגעניגענס און תאוות. דער טיש איז געוואָרען דער אידעאַל פונ'ם דורכשניטליכען בירגער, זיין מזבח, און זיין אָפּגאָט. באַלד ווי ער קומט פון דער אַרבייט זיצט ער שוין ביים טיש. ער עסט, ער טרינקט, אָדער ער שפּילט אין קאַרטען. . .

די אמת'ע אידעאַלען האָט מען אַרויסגעוואָרפען פון די הייזער. דעם גאָט פון די עלטערען האָט מען פאַרשלאָסען אין טעמפעל. . . אינ'ם שעהן אויסגעשניצטען אָרון-קודש. . . און אַליין טאַנצט מען אַרום דעם טיש, ווי אַרום אַן עגל-הזהב.

זיינען מיר דערפאַר געוואָרען מגושמ'דיגער, תאוה-זוכענדיגער, און עגאָאיסטישער, און אַזוי אַרום האָט זיך געשאַפען דער „של פרקים" — יעדער לעבט פאַר זיך. איינער וויל נישט פיהלען דעם צווייטענס צער. — מיר האָבען זיך צושרויפט אויף שטיקלאַך און אויף גרופּקאַלאַך, איינער וויל זיך נישט חבר'ן מיט'ן צווייטען. . .

מנורה׳ — אַנדערש וואָלט דאָס אידישע לעבען אויסגעזעהן, ווען מיר צינדען אָן גאָט׳ס מנורה אין אונזערע היימען, אין אונזערע גאַסען, און אין אונזערע געזעלשאַפטליכע ערטער.

מוקשה — עס וואָלט זיך צוריק אויפגעוועקט דער „ישראל ערבים זה לזה״[5], מיר וואָלטען צוריק דערפיהלט אין זיך די אַלטע אידישע פאַראַנטוואָרטליכקייט, דאָס ווייטיגען מיט׳ן צווייטענס אומגליק, און דאָס לויפען אין פייער אַריין פאַר׳ן חבר.

מנורה —לאָמיר נאָר צוריק געהן צום אַלטען טראַדיציאָנעלען אידישען שטייגער לעבען, ווי תורה־ליכט, ווי אמונה־פייער, האָט זיך געפונען אין האַרץ פון יעדען איד, דאַמאָלס וואָלט געווען —

מוקשה — איין פאָלק, איין־און־די־זעלבע אינטערעסען, און איין גרויס כלל־האַרץ, וואָס קלאַפט צום ריטהם פון אידיש־לעבען און אידישע געשעהענישען...

* * *

1) הרוצה שיעשיר יצפין וסמנך שלחן בצפון — ב״בכה. יומא כא, מנחות פו.
2) נדרים כ. — שהופכים את שלחנם. ערכתי לו שלחן והופכו—אשה למשכב.
3) ב״מ יב —סמוך על שלחן וכו׳. ב״ב נז — שלחן של ת״ח כיצד וכו׳.
4) הרוצה שיחכים ידרים וסמנך מנורה בדרום—ב״ב כה, יומא כא, מנחות פו.
5) שבועות לט, סוטה לז, ר״ה כט. ברש״י ד״ה אע״פ.

פאַנטאַזיע אוןווירקליכקייט

ויירא מלאך ה׳ בלבת אש מתוך הסנה וירא והנה הסנה בער באש
והסנה איננו אכל. — (שמות ג)

משה האָט געלעבט ווייט פון שטעדטישען גערויש, פונ׳ם טומעל, וואָס מענשען שאַפען אַרום זיך. ער האָט פאַרבראַכט אין דער שטילער שווייגענדיגער נאַטור פון גאָט, צווישען בוימער און גראָזען. האָט ער איבערגעהאַט צייט און מעגליכקייט, צו חלומ׳ען און צו וועבען זיינע פלענער פאַר דעם עתיד. ער האָט שוין דאַמאָלס געפיהלט אין זיך אַ קול פון גאָט, וואָס שרייט אַרויס און רופט איהם, צו טוהן גרויסע זאַכען פאַר זיין פאָלק, פאַר דער גאולה פון זיינע ברידער. זיין פאַנטאַזיע האָט געצונדען פלענער, אין זיין האַרץ האָבען פייערען פון באַגעהר, פון ווילען און שטרעבען אויפגעטויכט.

אַ „לבת אש״ — אַ ברענענדער פאַקעל האָט זיין אויג געזעהן...

נאָר דאָ, האָט ער אויך נישט פאַרגעסען צו טראַכטען פון די אַלע שוועריגקייטען, וואָס וועלען איהם שטעהן אין וועג.

סנה בוער באש ואננו אכל — אָט געהט־אויף פאַר׳ן אויג דער פלאַם פון דער אידעע. עס צינדט זיך די פאַנטאַזיע. עס פלאַמען־אויף באַגעהרען און שטרעבונגען. עס דאַכט זיך, אַז דער וועג איז אַזוי גלאַט און זיכער... באַווייזט זיך פלוצים דער דאָרן, וואָס שטרויכעלט... וואָס לאָזט נישט געהן...

דאָס פייער ראַנגעלט זיך, וויל פאַרלענדען דעם דאָרן, דער דאָרן איז אָבער דויערהאַפט, נישט פאַרלענדבאַר... ער ליגט אַלץ אין סאַמע מיטען... מיט זיין שטעכענדיגער צושטערערישקייט...

משה צווייפעלט... עס וועקט זיך אין איהם אומרוה... וואָסזשע וועט איצט זיין?

פלוצים דערהערט ער גאָט׳ס קול:

— המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קודש הוא — אמת איז, אז אומעטום, ביי יעדער אונטערנעמונג, דאַרף מען זיך רעכענען מיט

די שטרויכלונגען פון דער ווירקליכקייט, וואָס שטעהען אין וועג. נישט איינמאָל קענען זיי צושטערען די שעהנסטע בנינים פון טרוים און פאַנטאַזיע. גאַנץ אַנדערש איז עס אָבער ווען ס'האַנדעלט זיך וועגען אַ הייליגער אידעע. דאַמאָלס וועלען די פאַנטאַסטישסטע פלענער און חלומות באַזיגען אַלע שטערונגען און שטרויכלונגען אויפ'ן וועג. די דערנער, מעגען זיי זיין ווי דויערהאַפט, וועלען זיי סוף־כל־סוף זיך מוזען אונטערגעבען דעם פייער, פון אש־דת, וואָס פלאַמט אַרויס פון דיינע פלענער און צוקונפט וויזיעס...

* * *

בשוב ה׳ את שיבת ציון היינו כחולמים

אין מינוטען פון גלות־פיין, פון צרות אוןליידען, געפינען מיר טרייסט אין אונזערע חלומות און האָפענונגען פון דער צוקונפט. וואָס מעהר אונטערדריקונג אין דער געגענוואַרט, אַלץ גרעסער וואַקסען אין דער פאַנטאַזיע די ערוואַרטונגען אינ'ם עתיד. מיר שרעקען זיך נישט פאַר ענטוישונגען, טראַץ דעם, וואָס מיר ווייסען, אַז יעדער חלום און יעדע פאַנטאַזיע, קען צונישט ווערען דורך די שטערונגען פון דער ווירקליכקייט — ווייל אונזערע חלומות זיינען געוועבט מיט געט־ליכען בטחון. מיר פאַרלאָזען זיך אויף גאָט, אַז —

בשוב ה׳ את שיבת ציון — ווען עס וועט האַלטען ביים פאַר־ווירקליכען אונזערע גאולה־חלומות, אונזערע באַגעהרען און שטרעבונגען אין די אַלע לאַנגע יאָהרען פון גלות און לייד —

היינו „כחולמים" — וועט די ווירקליכקייט זיין, פונקט ווי דער חלום, און אפשר נאָך אַ סך העלער און פאַרבען־רייכער...

אויף קבר אבות

כלב השתטח על קברי האבות בחברון —(סוטה לד)

ווי קומט עס, אַז אין אַזאַ ערענסטער און געוואַגטער לאַגע, ווען יעדע מינוט איז וויכטיג, און יעדער שפּאַן איז געוואויגען און געמאָסטען, זאָל גאָר כלב נישט האָבען עפּעס בעסערס וואָס צו טוהן ווי צו געהן אויף קבר־אבות?

האָט ער דאָס דען נישט געקענט אָפּלייגען אויף שפּעטער?

נאָר, די כוונה פונ'ם מאמר איז טיעפער ווי עס זעהט זיך אויס אין אויבערפלאַך.

* * *

אונזערע אבות זיינען געווען די ערשטע אידען, וואָס האָבען באַוויזען פאַר די שפּעטערדיגע דורות, אַז אפילו די פאַנטאַסטישסטע און אונגלויבליכסטע זאַכען קענען פאַרווירקליכט ווערען, אויב נאָר זיי זיינען לכבוד התורה והיהדות.

זיי און זייער לעבענס-וועג, איז דער בעסטער באַווייז דאַרויף.

אברהם, איז געבוירען געוואָרען, געלעבט און ערצויגען געוואָרען אין אַ וועלט פון געצענדינסט און גאָטלאָזיגקייט[1]. די ערשטע צייט וואָס ער האָט אָנגעהויבען פאַרשפּרייטען אלהות, האָט מען פון איהם געלאַכט, האָט זיך יעדען איינגעדוכטען, אַז זיינע פּלענער זיינען צו פאַנטאַסטיש, אַז עס איז נישט מעגליך פאַר איין מענש צו באַזיגען אַ גאַנצע וועלט[2].

אברהם האָט נישט אַראָפּגעלאָזט זיינע הענד. ער האָט נישט אויפגעגעבען זיין קאַמף, זיינע באַמיהונגען. ער, צוזאַמען מיט זיין טרייהער לעבענס־באַגלייטערין שרה[3], האָבען אונטערגענומען דאָס אונגלויבליכסטע; דאָס וואָס האָט אויסגעזעהן ווייט און אילוזיאָנעריש פאַר'ן בליק פון לאָגיק. און דאָך האָבען זיי אויסגעפיהרט, באַזיגט אַלע שטערונגען און טריאומפירט געגען דער גאַנצער וועלט[4].

יצחקים לעבען איז אויך אַ דעמאָנסטראַציע געגען די אָנגענומענע כללים פון מענשליכער אויסגערעכענטקייט און לאָגיק. ער שטייגט

און וואַקסט פון אַן אונבאַוואוסטען אָרימען פרעמדען[5], אַ גע׳רודפ׳טען פון דער רעגירונג[6]. צו איינעם פון די מעכטיגסטע מענשען אין זיין צייט. זיין פאַרמעגען איז געוואַלדיג[7]. זיין איינפלוס איז איבעראַל. מלכים ושרים זוכען זיין פריינדשאַפט[8]. אַלעס קומט ביי איהם אַזוי פלוצים׳דיג, אַזוי איבערראַשענד. די גרויסע בערג פון שטערונג און שטרויכלונג ווערען באַזייטיגט מיט דער הילף פון גאָט. וויפיעל זיינע שונאים ווילען איהם נישט אונטערשטעלען אַ פוס, געלונגט עס זיי נישט.

און אַזוי איז עס ביי יעקב׳ן.

צוערשט איז ער אָרים און געיאָגט[9]. ער האָט אפילו נישט אויף וואָס צו שלאָפען[10]. יעקב ווערט אָבער נישט רעזיגנירט. אין דער גרעסטער נויט, חלומ׳ט ער פון גרויסע זאַכען[11]. ער איז זיכער, אַז זיינע חלומות וועלען מקוים ווערען, ווייל ער האָט די הילף פון גאָט.

אין די שפּעטערדיגע יאָהרען באַזיגט ער אַלע שטרויכלונגען און אַלע שונאים אויף אַ וואונדערליכען אופן[12]. זיינע חלומות ווערען רעאַליזירט. זיינע שונאים, וואָס האָבען איהם פריהער מבטל געווען, געהאַלטען איהם פאַר אַ פוסטען בעל-חלומות, מוזען זיך בייגען פאַר איהם[13]. ער באַווייזט פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז אויב מען געהט מיט׳ן כח פון גאָט, דאַן קען מען באַזיגען די שווערסטע שטיינער און שטערונגען; דאַן זיינען אַלע אוממעגליכקייטען, מעגליך, און רעאַ־ליזירבאַר.

* * *

כלב, קומענדיג קיין ארץ ישראל, דערזעהענדיג די נפילים, די גרויסע ריעזען, וואָס וואוינען דאָרט, די מעכטיגע פעסטונגען מיט וועלכע דאָס לאַנד איז פול, שטעהענדיג פנים אל פנים מיט די שרעק־ליכע שוועריגקייטען און געפאַהרען מיט וועלכע ס׳איז פאַרבונדען דער אַריינמאַרש אין לאַנד אַריין; וויסענדיג ווי שוואַך און אויסגע־מאַטערט זיינע ברידער זיינען פון דעם לאַנגען מדבר־וועג — האָט ער אָנגהויבען צו צווייפלען... האָט זיך איהם אויך אָנגעהויבען צו דאַכטען — פונקט ווי די איבעריגע מרגלים — אַז דער גאַנצער פּלאַן איז פאַנטאַסטיש און אוממעגליך דורך־צו־פיהרען. זיין שכל, זיין לאָגי־

שער בליק אויף דער לאַגע, האָט איהם געשראָקען, אַריינגעוואָרפען אין יאוש...

ער האָט זיך אָבער באַלד דערכאַפּט.

השתטח על קברי אבות — ער האָט זיך אָנגעלעהנט אויף די אבות. פון זיי געלערענט, אַז אידישער נצחון קומט אויסער יעדער מענשליכער לאָגיק. אַז אידישע פּלענער רעכענען זיך נישט מיט מענשליכע אויסרעכענונגען און קאַלקולאַציעס.

השתטח על קברי אבות — די אבות מיט זייערע לעבענס, מיט זייערע ערפאַהרונגען און נצחונות, האָבען אין איהם אַריינגעגאָסען פרישען מוטה[14]. ער האָט אָנגעהויבען צו קוקען גאַנץ אַנדערש אויף דער לאַגע. די אַלע ריעזען, די אַלע פעסטונגען, דאָס אַלעס וואָס זעהט אויס אַזוי מעכטיג און שטאַרק, וועט צובראָכען ווערען אונטער די פיס פון די בני ישראל, ווען זיי וועלען אַריינמאַרשירען צו זייער ציעל. ווייל גאָט'ס הילף און גאָט'ס השגחה וואַכט און שיצט זיי. ווייל ביי גאָט זיינען אַלע אומגלויבליכקייטען — גלויבליך, און אַלע אומ־מעגליכקייטען — מעגליך...

(ג)

בנערנו ובזקננו נלך — (שמות)

צוערשט די נערים און ערשט דערנאָך די זקנים?

יאָ! ווייל צו געהן אין מדבר, צו ווערען ווערען פון אַ שקלאַפען פאָלק, דאָס גרויסע אתה בחרתנו־פאָלק; איינצונעמען אַזעלכע שטאַרקע פעלקער; צו באַזיגען אַ גאַנצע וועלט —מוז מען האָבען אין זיך יוגענדליכע התלהבות וואָס איגנאָרירט יעדע לאָגיק, וואָס שפּרינגט מיט שמחה אין די ערגסטע געפאַהרען, וואָס נעמט אונטער אַלע אוממעג־ליכע און אומגלויבליכע אונטערנעמונגען.

זקנים מיט זייער אויסגערעכענטקייט, מיט זייער ישוב־הדעת'־דיגען קוקען אויף זאַכען און אויף געשעהענישען, וואָלטען שאָדען גע־בראַכט. זיי וואָלטען אָפּגערעדט און שוואַך געמאַכט די הענד. זייער ניכטערער בליק וואָלט נישט געקענט זעהן דעם ווייטען גליקליכען ענדע,

וועלכער איז געקומען, טראָץ אַלע אוממענשליכע שטערונגען און געפּאַהרען . . .

* * *

1) ב"ר פ' לח. תדב"א כה. ב"ר סא. ב"ב צא.

2) ב"ר פ' לט — מנח עד אברהם לא דבר הקב"ה עם אחד מהם וכו'. תדא"ז פ' כה. פדר"א פ' כו.

3) שרה גיירה נשים — מ"ר

4) ב"ר יט—לט. אדר"נ פ' יח. ב"ב טז.

5) בראשית כו.

6) שם.

7) ב"ר פ' סד — זבל פרדותיו של יצחק ולא כספו של אבימלך.

8) בראשית כו — אבימלך ופיכול שר צבאו.

9) בראשית כח. סה"י.

10) בראשית כח.

11) ב"ר סח־סט, חולין צא.

12) מעשה לבן ומעשה יוסף.

13) ב"ר פ' עח. חולין שם, גדולתו במצרים.

14) מעשה אבות סימן לבנים — סוטה לד. נטל הקב"ה שיחתן של אבות ועשאן מפתח לגאולתן של בנים — ב"ר פ' ע.

דער קאָפּ פונ׳ם פאָלק אָדער
דאָס אויג פונ׳ם פאָלק

הבו לכם אנשים חכמים וכו׳ ואשימם בראשיכם (דברים א) —האשם בראשיכם (חז״ל). ואם כל עדת ישראל ישגו ונעלם דבר מעיני הקהל ואשמו והקריבו הקהל פר בן בקר לחטאת (ויקרא ד)

פאַראַנען מנהיגים ביי אידען, וועלכע ווערען געאַכטעט און גע־שעצט. זייער וואָרט איז וואָגיג און האָט די געהעריגע השפעה. מען רעכענט זיך מיט זייער מיינונג און מען הערט אויס, מיט הכנעה, יעדעס וואָרט זייערס אפילו דאַמאָלס ווען עס שלאָגט דערפון מיט שטראָף און פאַרוואורף.

אַזאַ שטייגער מענש ווערט באַטראַכט אַלס דער קאָפּ פון זיין עדה.

אַ קאָפּ וואָס פאַרמאָגט אויגען, אויערען און אַ מויל.

מיט די אויגען, דרינגט ער אַריין אין די פאַרבאָרגענסטע וויב־קעלאַך פון זיינע מענשען, היט זייער מאָראַל[1], געפינט אויס יעדעס ברעקעלע שטויב, וואָס מען דאַרף אָוועק בלאָזען... דערזעהט יעדען פגם[2], דעם מינדעסטען דעפעקט.

מיט די אויערען, כאַפּט ער אויף יעדען וועה-געשריי פון זיינס אַ מענש[3], יעדען קרעכץ און קלאָג, און ער פאַרשפּעטיגט נישט צו ברענגען גלייך די געהעריגע הילף, די פּאַסענדע רפואה צו לינדערען אָט די קרעכצען און וועהען[4].

און מיט׳ן מויל, טרייסט ער, מוטהיגט ער, ברענגט ער אַריין פריש ליכט און בטחון. מיט׳ן כח פון זיין מויל און מיט׳ן צויבער פון זיין שפּראַך, פאַרטרייבט ער וואָלקענס, צושמעלצט דאָס אייז פון גלייכגיל־טיגקייט[6], גיט עצות, און לערענט[7]... און ווען מען דאַרף — וואָרענט ער און שטראָפט[8]. שמידעט אויס פון ווערטער פייערדיגע ריטער און שלאָגט מיט זיי איבער׳ן רוקען פון דיע וואָס האָבען עס כשר פאַרדינט.

ער האָט די מעגליכקייטען צו טוהן דאָס אַלעס, ווייל ער איז דאָך דער קאָפּ פון זיין פאָלק, דער קאָפּ מיט אַלע זיינע פונקציעס און אויפ־גאַבען, וואָס די נאַטור האָט איהם געשאָנקען...

דעריבער, ווען עס טרעפט עפּעס אַ חטא ביים פאָלק, עס ווייזט זיך אַרויס מאָראַלישע אָדער געזעלשאַפטליכע צוריקגעשטאַנענקייט, דאַ־מאָלס פאַלט די גאַנצע שולד אויפ'ן פיהרער[9].

— האשם — „בראשיכם" — ווייל ער איז דאָך דער קאָפּ. ער איז דאָך בכח געווען צו פאַרהיטען עס זאָל נישט געשעהן דאָס, וואָס איז יאָ געשעהן. ער, מיט זיין איינפלוס און מאַכט, האָט דאָס געקענט לייכט אויספיהרען. ווייזט זיך דאָך איצטער אַרויס, אַז ער האָט פאַר־נאַכלעסיגט זיינע פליכטען. דאַרף מען דערפאַר מאַהנען ביי איהם פאַר אַלע באַגאַנגענע זינד[10]...

גאַנץ אַנדערש איז דער דין, אין פאַל ווען דער מנהיג האָט נישט געוואונען פאַר זיך דעם נויטיגען איינפלוס און רעספּעקט. מען הערט זיך נישט צו צו זיין וואָרט, מען רעכענט זיך נישט מיט זיין מיינונג. אמת איז, אַז ער זיצט טאַקע אויף דער שטוהל, ער האָט צייט און מעג־ליכקייט זיך אַרומצוקוקען, אויסצוגעפינען דעם צושטאַנד פון זיינע מענשען, צי זיי געהען אויף די ריכטיגע וועגען. ער טאָר אָבער גאָרנישט זאָגען. ער מוז „הערען, זעהן און שווייגען"... ער איז בלויז פון די „עיני העדה" — אַן אויג, וואָס זעהט אַלעס, אָבער בלייבט ביים זעהן... מעהר ליגט נישט אין זיין רשות. ער איז פאַרשקלאַפט צו זיינע בעלי־בתים. זיי דיקטירען איהם, נישט ער — זיי...

אין אַזאַ לאַגע, קען מען ביי איהם נישט פאַרלאַנגען קיין אחריות. דאָס פאָלק אַליין איז זיין אייגענער בעל־הבית. דאַרפען זיי דערפאַר אַליין אויף זיך טראָגען די משא פון זייערע זינד.

והקריבו הקהל פר לחטאת — זיי דאַרפען ברענגען די קרבנות, ווייל די חטאים זיינען זייערע, נישט דעם מנהיג'ס. זיי האָבען איהם נישט געגעבען די אויטאָריטעט און די השפּעה. ער האָט זיי נישט גע־קענט וואָרענען און שטראָפען. ער איז דאָך ביי זיי פון די עיני הקהל און נישט פון די ראשי הקהל...

(ב)

א״ר יוסי מימי לא אמרתי דבר וחזרתי לאחורי — (שבת קיח:)

ר׳ יוסי איז געווען פון די מנהיגים, וואָס טוהען זייערע פליכטען מיט שטאַרקען כאַראַקטער און אונבויגזאַמען ווילען. ער האָט זיך נישט געבויגען צו די מיינונגען פון יעדען מינדעסטען בעל־הבית׳ל. נישט איין מאָל איז איהם אויסגעקומען צו געהן געגען די אָנגענומענע כללים און השקפות[11]. ער געהאַט גענוג מוטה צו געהן געגען דער ריכטונג וואו „דער ווינד בלאָזט". זיינע מענשען האָבען איהם רעספעקטירט, פאַר זיין וואָרט געציטערט. ער האָט זיי געפיהרט, נישט זיי —איהם . . .

מימי לא אמרתי דבר — עס האָט זיך קיינמאָל נישט געטראָפען, אַז איך זאָל עפּעס זאָגען, עפּעס באַפעהלען —

וחזרתי לאחורי — און איך זאָל מיך בעת־מעשה, אויסדרעהען פון אונטען און הערען, וואָס די בעלי־בתים זאָגען וועגען דעם... אָנטאַפּען דעם דופק פון דיע, וואָס כלומר׳שט שטעהען זיי אונטער׳ן רב, אונטער׳ן מנהיג, אָבער אין דער אמת׳ען קלאַפּען זיי איהם כסדר אויף דער פּלייצע ער זאָל זיך אויסדרעהען צו זיי און נעמען „דירעק־טיוון", „אָנווייזונגען"... ער וועט טאַקע ווייטער לויפען פאָראויס, ווי אַ ריכטיגער פיהרער, אָבער לויפען וועט ער אין דער ריכטונג וואו מען וועט איהם הייסען...

— איך האָב דאָס קיינמאָל נישט געטוהן — זאָגט ר׳ יוסי . . .

(ג)

עתידה אשה שתטול ככר וכו׳ ותילך לבתי כנסיות ושואלת אם טמאה היא או טהורה היא — (שבת קלח)

די פרוי, וועלכע האָט תמיד שטאָלצירט מיט איהר צוריקגע־צויגענקייט און צניעות[12], וועלכע האָט געוואוסט, אַז איהר אויפגאַבע אין לעבען ליגט אינערהאַלב די ווענט פון איהר היים[13]. אַז איהר הייליגסטע פליכט איז צו האַלטען דאָס הויז ריין, אידיש און וואַרים[14]; צו ערציהען איהרע קינדער[15] און עמפּאַנגען דעם מאַן מיט ליבליכקייט און געטריישאַפט[16].

זי, די פרוי וואָס האָט זיך געשלייערט אין באַשיידענקייט און אַראָפּגעלאָזט די וויהעס אין דער געגענוואַרט פון פרעמדע,

— איז גאָר לעצטענס געוואָרען אַ גאַנצע „כלל טוהערען", אַ „קהל'ס פאַרזאָרגערין"; זי האָט דעם מאַן אָנגעטוהן דאָס פאַרטוך, אַריינגעטריבען איהם אין קיך... און אַליין געוואָרען אַ דרויסענדיגע"[17], אָן אויסגעהערין"[18]... זי האָט אַריינגעדרונגען אין אַלע ווינקעלאַך פון געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט... זי איז „פּרעזידענטין", „טשערליידי", „סעקרעטאַרין" און — וואָס איהר ווילט נאָר...

דאָס ערגסטע איז, וואָס איהר ממשלה האָט דערגרייכט אויך אין די בתי מדרשים און שוהלען. זי שאַלטעט איבער די פּרנסות פון רבנים און אַנדערע כלי קודש, איבער די בודזשעטען פון די וויכטיגסטע אינסטיטוציעס.

עתידה אשה שתטול ככר ותילך לבתי כנסיות — דאָס שטיקעל ברויט, די פּרנסה פון דעם רב וועט זיין אין איהר האַנד. זי, וועט איהם אויסהאַלטען...

וועט דאַך דער רב זיין פאַרקויפט צו דער דאָזיגער פרוי. ער וועט פאַר איהר מורא האָבען, זי מוזען חנפ'ענען און שמייכלען. איין קלייניגקייט! זי איז דאַך די „ליידיס-אָגזילערי"... זיין „פּרנסה-געבערין" און „טשעק-אונטערשרייבערין"...

ושואלת אם טמאה היא, או טהורה היא —זי וועט אָפּטוהן אַלע עבירות, אַלע מעגליכע געמיינהייטען, פאַרוואַנדלען דעם מקום קדוש אין אַ קאָרטען קלוב, מאַכען פאַרטיס מיט טריפה'נע „סענדוויטשעס", פאַרנאַכלעסיגען די היים, פאַרברענגען דעם מאַנ'ס געלד אויף נאַרישקייטען, האָבען אויף זיך מענערישע מאַנירען, און מענערישע פרעכהייט, און נאָך דעם אַלעמען, קומען צום רב און זאָגען: ראַביי! אַדרבא, זאָג דו אַליין, בין איך טמא אָדער טהור? אַ יאָ איך בין טהור? איאָ איך בין גרויס און געוואַלדיג?... האָלט טאָקע אַ „ספּיטש" וועגען מיר. דערצעהל יעדען איינעם ווי נאָבעל איך בין!... און וואָסער גרויס שטיק גן-עדן איך וועל קריגען... יו נאָו ראַביי!...

דעם רב ווייטיגט דאָס האַרץ. ער קען זי דורך און דורך. עס גלוסט זיך איהם אויסצו'מוסר'ען זי, צו וואַרפען אויף איהר אַדרעס, שטראָף און ביטערקייט. ווערטער וואָס זאָלען אויפרייסען און צושטערען

איהר אויסגעבויטע וועלט פון עגאָאיזם און זעלבס־צופרידענהייט.
ער דערזעהט אָבער דאָס „ככר" אונטער איהר אָרעם... ער וועט וואָגען מיט זיין ברויט. ער קען נאָך פאַרלירען זיין פּרנסה. ער טאָר עס נישט טוהן. ער האָט אַ ווייב מיט קינדער אין דער היים...

שטעלט ער זיך אויף, מיט אַ צובראָכען האַרץ, ווי צו אַן עקדה, ציהט אַרויף אויף זיין געזיכט אַ געמאַכטען שמייכעל און זאָגט:

ליידיס אונ דזשענטעלמען! זי איז „טהור"!... זי איז ווי די מוטער שרה, ווי די צדקת רחל, ווי... און אַזוי ווייטער און ווייטער...

* * *

1) כתובות קה: — משום דלא מוכח להוא במילי דשמיא.

2) ברכות י — יתמו חטאים ולא חוטאים. ספרי — אמור להם שסרבנים וטרחנים הם.

3) שמו"ר ב: — אם יש לך רחמים לנהוג הצאן — אתה תרעה צאן ישראל.

4) הוריות י׳ — נעשה עבד לציבור.

5) סנהדרין צב — מנהיג הציבור בנחת וכו׳.

6) רבי דרש מתנמנם הציבור וכו׳ — שהש"ר פ"א פסוק טו ג. מכילתא בשלח פ"ט. במ"ר פנחס ג. ר"ע היה דורש והציבור מתנמנם וכו׳ — ב"ר חי׳ שרה. אד"ר פ"א. ילקוט ס"ז ינ"ך תתרמ"ד — בדרך דרוש...

7) סוטה מא.

8) סנהדרין ח. סוטה מ. — טול מקל והך על קדקדם.

9) דב"ר א, ילקו"ש — ואשמם בראשיכם — האשמה תלויה בראשיכם וכו׳.

10) שבת נד, נה — ד׳ במשפט יבא עם זקניו — על שלא מיחו וכו׳. שמו"ר כז — הוא נענש עליו, וכו׳.

11) ספרי פנחס — שיכול להלוך כנגד רוחות של כל אחד ואחד.

12) תנחומא וישלח — בזמן שהיא צנועה מכפרת כמזבח, תנחומא נשא — אין דרכן להיות לא קולניות ולא פרוצות.

13) יבמות עז ברש"י ד"ה הנה באהל: דאין דרך אשה לצאת מביתה.

14) יומא ב — ביתו — זה אשתו. שבת קיח — קראתי לאשתי ביתי.

15) ברכות יז. — באקרויי בנייהו לבי כנישתא.

16) שם — ונטרן לגברייהו. ב"מ נט — גחין ותלחש לה. ברכות נז:

17) ב"ר יח — דרכו של איש ליצא ואין דרכה של אשה להיות תצא לשוק... כתובות סז — אין דרכה לחזור על הפתחים.

18) ב"ר מה — ציתניות, קנאניות, יוצאניות...

אין דער היים און אין דער פיהרערשאַפט

ראה אתה אומר אלי העל את העם וכו׳, הראני נא את כבודיך וכו׳, ויאמר ה׳ אל משה: הנה מקום אתי ונצבת על הצור והי׳ בעבור כבודי ושמתיך בנקרת הצור.

גאָט לערענט משה׳ן ווי אַזוי אַ אידישער מנהיג דאַרף זיך פיהרען, ווי אַזוי ער דאַרף ערשיינען אין דער עפענטליכקייט, און ווי אַזוי, ביי זיך אין דער היים.

הנה מקום אתי — ווען עס וועט זיך האַנדלען אין פאַרטיידיגען דעם כבוד שמים, וועסט דאַרפען עפּעס טוהן פאַר׳ן קיום העם ותורתו, דאַמאָלס: —

ונצבת על הצור — זאָלסטו דיך אַנגורטען מיט מוטה און שטאָלץ[1]. די גאַנצע וועלט זאָל ביי דיר אויסקוקען קליינליך און באַזיגבאַר[1]. הויך, הויך, אויף די העכסטע שפּיצען פונ׳ם הערשער־שטיין זאָל מען דיך זעהן[2]. פון דאָרט, וואַרף אַן אַ מורא[3] אויף אַלע. מיט דיין מעכטיגקייט, טימ דיין שטאַרקען כאַראַקטער און אייזערנעם ווילען[4].

ונצבת על הצור — ווי אַ פעלז זאָלסטו שטעהן. ווי אַ ריזיגער פעלז, וואָס קיינער קען איהם נישט אַוועק רירען פון אָרט[5], און וואָס אַלע שרעקען זיך פאַר זיין געוואַלדיגער האַרטער גבורה...

ווען אָבער: —

והיה בעבור כבודי — ס׳וועט נישט זיין קיין פראַגע פון פאַרטיידיגען די אינטערעסען פון גאָט און פאָלק, נאָר אין פּריוואַטען טאָג־טעגליכען לעבען, צווישען חברים און נאָהענטע, אין געשפּרעכען און אין באַנעמונג.

—דאַן: —

ושמתיך בנקרת הצור — שטיל און באַשיידען, ליבליך און חבר׳יש — אינטים[6] דאַרפסטו זיין צו אַלע. אין די שפּאַלטען זאָלסטו

דיך געפינען. באַהאַלט דיין שטאָלץ. פאַרגעס אין דיין פּאָזיציע און ראַנג'. קוק אָן דיין פריינד מיט די זעלבע אויגען וואָס ער קוקט דיך אָן', מיט נאָך מעהר מענשליכער האַלטונג און הכנעה'.

דאַמאָלס וועלען דיך אַלע ליעב האָבען און אַכטען. דיין פּרעס־טיזש וועט גאַרנישט ליידען. פאַרקערט, דו וועסט איינגעבאַקען ווערען אין זייערע הערצער. מיט באַגייסטערונג וועלען זיי ריידען פון דיר. דיין פּריוואַט לעבען וועט דיר נאָך צוגעבען מעהר חן אין די אויגען פון די אַלע וואָס וועלען דיך שפּעטער זעהן אויבען, אויפ'ן הויכען שטיין פון הערשען און געוועלטיגען...

די סינטעזע פון עקסטרעמען

בכל מקום הוא מקדים אברהם ליעקב ובמקום אחד כתיב: וזכרתי את בריתי יעקב וכו׳, מלמד ששניהם שקולים. בכל מקום הוא מקדים משה לאהרן ובמקום אחד הוא אומר הוא אהרן ומשה, מלמד ששניהם שקולים. בכל מקום הוא מקדים יהושוע לכלב וכו׳, מלמד ששניהם שקולים — (ב״ר פ״א)

אברהם איז געווען אַ שטאָלצער אומבויגזאַמער כאַראַקטער. ער האָט געהאַט דעם מוטה אַנטקעגען צו שטעלען זיך דעם מעכטיגען נמרוד׳ן, און זיין אייגענע משפחה[10]. מיט אַ מערקווירדיגען עקשנות און אויסדויער האָט ער זיך געשטעלט קעמפען געגען אַ גאַנצער וועלט[11], געגען די שטרעבונגען פון זיין צייט. עס האָט זיכער געמאַכט דעם איינ־דרוק, ווי איינער וואָס וויל אָפּשטעלען דעם לויף פונ׳ם ים... בלויז אַ מענש וואָס פאַרמאָגט אויסערגעוועהנליכען גלויבען אין זיינע כחות. פעלזען־ פעסטען ווילען און כאַראַקטער, שטאָלץ און עזות־דקדושה, האָט געקענט טוהן אַזאַ זאַך.

יעקב, דאַגעגען, איז געווען אַ שטילער מענש, מיט דער פּסיכאָ־לאָגי פון אַ נרדף. דער פּאַקטישער ערשטער „גלות־איד״ מיט דער כאַראַקטעריסטישער הכנעה און געבויגענקייט פאַר׳ן גוי, פאַר עשיו׳ן. ער קנייטשט זיך אין דרייען און זאָגט „אדני עשיו״[12], „פריץ לעבען״, זיך אַליין רופט ער „עבדך יעקב״[13]... אַן הכנעה וואָס האָט שוין באַלד פאַרדראָסען אונזערע חז״ל. זאָגען זיי דערפאַר דעמאָנסטראַטיוו, „אַז דערפאַר האָט בנימין זוכה געווען צו האָבען דאָס בית המקדש אין זיין חלק, ווייל ער האָט זיך נישט געבוקט צו עשיו׳ן[14]... און „מרדכי האָט זיך נישט געבויגען פאַר המן׳ען, ווייל ער האָט געזאָגט מיט שטאָלץ: איך בין אַן אייניקעל פון בנימין, וואָס האָט זיך נישט געבוקט פאַר עשיו׳ן״[15]...

מלמד ששניהם שקולים — אַמאָל איז אַ מעלה צו זיין שטאָלץ און מוטהיג, פעסט און האַרט ווי אַ שטיין, און אַמאָל דאַרף מען פאַרמאָגען

אין זיך הכנעה און ווייכקייט, געבויגענקייט און צוגעלאַזענקייט. עס ווענדעט זיך ווען, און אונטער וואָסערע אומשטענדען און באַדינגונגען...

* * *

משה — ואהרן.

משה האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין שאַרפקייט און שטרענגקייט. ער שטעלט זיך פאַר גאָרנישט אָפּ. ווען עס האַנדעלט זיך אין דורכפיהרען זיינע פלענער, „יקוב הדין את ההר"[16], איז זיין שיטה אין לעבען. ווען עס איז נויטיג, שטראָפט ער מיט טויט און פאַרניכטונג[17]. ער איז דאַמאָלס, ווי אַ פייער שפריצענדיגער באַרג, וואָס וואַרפט אָן שרעק און אונטערטעניגקייט אויף אַלע[18].

וירד משה מן ההר אל העם[19] — ער קומט צום פאָלק פון אַ באַרג... פול מיט הערשערישען שטאָלץ. מיט'ן זיכערען גלויבען, אַז אַלע מוזען איהם פאָלגען...

אַהרן, דאַגעגען, איז געווען אַ געהענדיג מוסר־ספר, וואָס פּרעדיגט הכנעה און גוט־ברודערישע אויסמישונג מיט'ן פאָלק[20]. ער אַליין איז דער סימבאָל פון ווייכקייט, נאָכגעביגקייט, און התבטלות פאַר אַנדערע[21]. אַ סך מאָל אַ ביסעלע איבער דער מאָס, ווי למשל, ביים „מעשה העגל"[22].

מלמד ששניהם שקולים — מיר דאַרפען זוכען די סינטעזע פון ביידע, ווייל סיי די אייגענשאַפטען פון משה און סיי — פון אהרונ'ען, קומען צונוץ. עס ווענדעט זיך נאָר ביי וואָסערע געלעגנהייטען מען זאָל זיי נוצען...

* * *

יהושוע וכלב.

יהושוע איז געווען אַ שטיק לעבעדיג עניוות. ווען אלדד און מדד זאָגען נביאות, אַז ער וועט אַמאָל זיין משה'ס שטעל-פאַרטרעטער[23], איז עס ביי איהם אַ ווילדע זאַך, אַזוי אומגלויבליך און פאַנטאַסטיש, אַז ער לויפט באַלד און בעט זיין רבי'ן „אדני משה כלאם"[24]... זיין שפלות־קאָמפּלעקס איז אַזש אויפפאַלענד משה'ן, און משה בעט גאָט אויף איהם צוליעב דעם[25]...

כלב, דאַגעגען, האָט זיך אויסגעצייכענט מיט מוטה און גלויבען אין זיך. בשעת דאָס גאַנצע פאָלק איז, ווי איין גרויסע לאַווע פון צאָרן און פאַרביטערטקייט, אפילו דער גרויסער משה פאַרלירט זיך שיעור־נישט אין דעם אויפגעקאָכטען ים, וואָס שטורעמט און ברויזט, איז כלב דער איינציגער, וואָס שטעלט זיך אַרויס ווי אַ מעכטיגע דעמבע[26], און איינער אַליין געלונגט איהם אָפצושטעלען דעם צאָרן און אויפרויש פונ׳ם פאָלק: — ויהס כלב[27]...

ויהס כלב — יעדעס מאָל וואָס איך לערען די דאָזיגע צוויי ווערטער, דאַכט זיך מיר, אַז איך הער אַ ריזיגע לייבען־שטימע, וואָס רייסט זיך אַרויס פון אַ הויכען, שטאָלצען מענשען, און וואָס איז אַזוי מעכטיג, אַז איהר ווידער־קול צוקייקעלט זיך, ווי געוואַלדיגע דונערען איבער דער גאַנצער מחנה־ישראל: —

— „שטיל זאָל זיין״!... „דרך ארץ״!...

מלמד ששניהם שקולים — אַמאָל דאַרף מען זיין אַ כלב, און אַמאָל — אַ יהושע...

* * *

1) יומא כב — לא נענש שאול אלא על שמחל על כבודו.

1) יבמות צב, סנהדרין ו — יקוב הדין את ההר.

2) ר״ה כה: — הרי הוא כאביר שבאבירים.

3) ואהבת לרעך „כמוך״ — כמו שהוא אוהב אותך... מה שבלבך על

4) ספרי פנחס — שיכול להלוך כנגד כל הרוחות.

5) שם.

6) סוטה ה. שבת סז. סנהדרין פח — חכם ושפל דרך ודעת הבריות נוחה הימנו יהא דיין וכו׳.

7) זבחים קב — בשעה שפוסקים גדולה לאדם וכו׳ ואם הגיס דעתו הקב״ה משפילו.

8) ואהבת לרעך „כמוך״ — כמו שהוא אוהב אותך... מה שבלבך על חברך — מה שבלבו עליך — ספרי דברים, תנה״ק שלח. וראה יבמות קיז, בסם פ׳ ט״ז על הפ׳ כמים פנים אל פנים וכו׳.

9) ברכות יז. — ר״י הי׳ מקדים שלום לכל אחד.

10) תדב״א. ב״ר פ׳ לח. פסחים קיח.

11) נדרים לב. שבת קנו. ב״ב טז.

12) בראשית לב־לג.

13) שם.
14) תרגום שני אסתר עלה״פ ויאמרו עבדי המלך וכו׳.
15) ילק״ש תתרנ״ד.
16) יבמות צב. סנהדרין ו.
17) עדת קורחו — נחשים — מגפות.
18) במדבר טו — נסו לקולם כי אמרו פן תבלענו הארץ...
19) יתרו יט. מכילתא שם.
20) אבות פ״א, יב. פדר״א פ׳ יז.
21) סנהדרין ז. אדר״נ פ׳ יב.
22) שמות לב.
23) סנהדרין יז — יהושוע מכניס.
24) במדבר יא.
25) מ״ר וארא — כד חמא משה ענותנותו של יהושע אמר יה יושיעך וכו׳.
26) מגילה יג. סנהדרין יט — מרד זה כלב שמרד בעצת מרגלים וכו׳.
27) במדבר יג. סוטה לה.

נייע מיטלען צום אַלטען ציעל

באה זהב, באה כפתורים גביעים ופרחים. — (מנחות כח־כט)

די אַמעריקאַנער אידישע געזעלשאַפט האָט זיך איהרע אייגענ־אַרטיגע אופנים ווי אזוי צו שאַפען הכנסה און געלד־באַזיס פאַר די הונדערטער רעליגיעזע און קולטורעלע מוסדות וואָס געפינען זיך איבער'ן לאַנד. די דאָזיגע מיטלען און אופנים זיינען כאַראַקטעריס־טיש צוגעפּאַסט צו דער פּסיכאָלאָגי פונ'ם דורכשניטליכען אַמעריקאַנער מענש, און דאַדורך האָבען זיי טאַקע, כמעט שטענדיג, אַן איבער־ראַשענדען ערפאָלג.

דער אַמעריקאַנער האָט פיינט לאַנגווייליגע ערנסטקייט, אַנגעצוי־גענע חשבון־הנפש־שטימונג. ער פיהלט זיך גוט, ווען דער טאָן פון דער סביבה אין וועלכער ער געפינט זיך, איז ווייך, אינטים, מיט אַ לאַכענדיגען, שטיפערישען אונטערגרונד. מעג עס זיין אַן ערענסטער מאָמענט, אפילו אַ טראַגישער, דאָך וויל ער אויפנעמען דאָס געשעהע־ניש אינטערעסאַנט, לייכט, מיט אַ מין צערעמאָניאַלע פייערליכקייט. ער זוכט נישט דעם אמת פון דער זאַך, נאָר די אַטראַקציע, דאָס וואָס פאַרשאַפט איהם הנאה, וואָס גיט איהם אַ מעגליכקייט צו געניסען און באַפרידיגען זיך...

זיינען דעריבער, די כל־המינים „פּאַרטיס" און „פעסטיוואַלס" דער הויפּט מיטעל אַריינצונאַרען דעם אַמעריקאַנער איד אין שוהל, אָדער אַנדערען „אינסטיטושאָן".

ער קומט זיך אונטערהאַלטען, פאַרברענגען. ער ענטווישט זיך נישט. עס שטעהען טישען מיט כל־טוב. משקאות, וואָס רופען און ווינקען. פאַרשידענאַרליי „דעזאָוירטען", וואָס רייצען דעם אַפּעטיט. נעמט זיך דער עולם טאַקע צו דער אכילה... גאָפּלען און מעסערס אַרבייטען פלייסיג.. גלעזער ליידיגען זיך אויס... די לופט איז האָפּערדיג, הייס, אָנגעזאַפּט מיט זאַרגלאָזען כלים-געקלימפּער און מיט

משקה־ריח. דערצו נאָך רייסען זיך צום אויער די אָפּגעהאַקטע און פאַרדומפּענע מוזיק־טענער פון „אַמעריקאַנער דזשעז״...

ווערט מען טאַקע וואָס אַמאָל פרעהליכער, אויפגעלעבטער... ווערט מען ממילא ברייטהאַרציג און מילד... מען וואַרפט געלד און מען ענטפערט מיט אַ פולער האַנד אויף די אַלע „אַפּילס״, וואָס ווערען אויפ׳ן אָרט „אַריינגעשמוגעלט״ אין „פּראָגראַם״...

עס זיינען אפילו דאָ אַ סך שוהלען און אַנדערע אינסטיטוציעס, וואָס האָבען שפּעציעל־אַנגעגרייטע כלים — טעלער, לעפעל, בעכערס, און זאָגאַר שפּילקעלאַך און בלומעלאַך, אַריינצושטעקען אין לאַץ...

טראַכטענדיג פון דעם אויבען־דערמאַנטען, קומען מיר אויפ׳ן געדאַנק די ווערטער פון די חז״ל וועגען מנורה.

די מנורה — דער אָנגענומענער סימבאָל פון תורה[1], פון דער אידישער נשמה־וועלט — האָט געמוזט זיין אַרומגענומען און באַציהרט מיט „גביעים״ „כפתורים״ „ופרחים״... עס האָבען געמוזט זיין „אַטרעקשאַנס״, וואָס זאָלען צוציהען און באַפרידיגען דעם פּשוט׳ען דורכשניטליכען מענש. אַ פּנים אַז די בלויזע ליכטעלאַך וואָלטען נישט אַזוי איבערראַשט אָהן די דאָזיגע „קליינינגקייטען״.

באה זהב — אויב מען וויל, אַז זי — די מנורה — זאָל זיין באַגילדעט, אַרומגענומען מיט רחבות,

באה „כפתורים״ „גביעים״ ו„פרחים״ — דאַן מוז מען זיך באַנוצען מיט אויסערליכע אַטראַקציעס און באַפּיצונגען; מיט זאַכען, וואָס זאָלען לאַשטשען דאָס גופניות׳דיגע אין מענש. און נאָר דורך אַזעלכע מיטלען קען מען געווינען די אויפמערקזאַמקייט פונ׳ם עולם[2].

* * *

מנורה — מוקשה.

דאָס אַלעס וואָס איך האָב געזאָגט איז טאַקע אמת און פּראַקטיש. די מנורה ווייזט עס אונז סימבאָליש, ווי אויבען אַרומגערעדט. מען טאָר אָבער נישט פאַרגעסען צו לערנען נאָך עפּעס פון דער זעלבער מנורה: נעמליך, אַז „גביעים״ „כפתורים״ ו„פרחים״ זיינען גוט און נוצליך נאָר דאַן ווען זיי זיינען אַ טפל צו די ליכטעלאַך... דער עיקר און דאָס וויכטיגסטע זיינען די קליינע פלעמעלאַך, וואָס דערמאַנען דעם אור־תורה.

מוקשה — אַלעס אז אויך פון איין שטיק — די „גביעים כפתורים ופרחים זיינען פון דעם זעלבען מאַטעריאַל וואָס די קני המנורה... טאַקע „פאַרטיס" און „אונטערהאַלטונגען", אָבער על טהרת הקודש. דער אָטעם פון הייליגקייט זאָל זיך פיהלען דאָרט. מען זאָל דערקענען, אַז עס איז אַ שמחה של מצוה.

ליידער זיינען די אַמעריקאַנער סעודות געוואָרען אַזוי פאַרגרעבט, אַזוי פראַפאַנירט, אַז נישט בלויז פאַר אַ שוהל פאַסט עס נישט, נאָר אפילו פאַר גלאַט אַן אידישע שמחה איז עס דערנידעריגענד און ביליג.

די פרעכע טענץ, דאָס וואולגאַרער געלעכטער, די שווערע, הייסע וואָלקענס פון ציגאַרעטען־רויך און וויצען־געפילדער, וואָס קנוילען זיך אין דער לופט און פילען אָן דעם חלל, ביי אַ סך שוהל־אונטערנעמונגען, האָבען אין זיך גאַנץ ווינציג פון דער רעליגיעזער שטימונג און איידעלער ערהאַבענער פייערליכקייט, וואָס אַזעלכע אונטערנעמונגען וואָלטען געדאַרפט פאַרמאָגען...

(ב)

בשעה שבנה שלמה את בית המקדש נטע בו כל מיני מגדים של זהב והיו מוציאים פירות וכשהרוח מנשבת בהם נושרים וכו'
וכיון שנכנסו גויים להיכל יבשו. — (יומא כא)

שלמה, דער מאָדערנער מלך, האָט פאַרפלאַנצט אין חצר המקדש — וואו עס האָט זיך קאָנצענטרירט דאָס גאַנצע געזעלשאַפטליכע לעבען — מיט „כל מיני מגדים" — „רעפרעשמענטס", „פאַרטיס", אַלע מאָדערנע „אַטרעקשאַנס", זאַכען וואָס ציהען־צו גרויסע מאַסען, וואָס מאַכען אַן איינדרוק אויפ'ן „קראַוד", ברענגען אַריין לעבען און טעטיגקייט אין דעם בית המקדש.

והיו מוציאים פירות — עס האָט אויסגעוויזען ווי אַן ערפאָלג...

מענשען זיינען געקומען און פאַרבראַכט, און דרך־אגב, שוין אויס־געהערט אַ "סוירמען" אויך... פרויען האָבען געשאַפען „ליידיס אָגזילעריס"... עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַ פריש לעבען האָט אָנגעקוואָלען אין די הייליגע ווענט פונ'ם מקדש. די „מיני מגדים" האָבען געמאַכט „סוקסעס".

והיו מוציאים פירות — עס האָבען זיך אָנגעהויבען צו באַווייזען יונגע פּנים'ער. די פּירות פון די אַלטע „מעמבערס". די נייע מאָדערנע „אַטרעקשאַנס" האָבען געשאַפען אַ באָדען פאַר יוגענטליכער טעטיגקייט. האָבען געוועקט אין יונגע הערצער אינטערעס פאַר שוהל און מקום קדוש...

וכשהרוח מנשבת בהם נושרים — האָט זיך אָבער שפּעטער אַרויסגעוויזען, אַז שלמה דער חכם האָט געמאַכט אַ גרויסען טעות. ווייל מיט קיין „מיני מגדים" קען מען נישט בויען קיין אידיש באַוואוסטזיין, וואָס זאָל וואָרצלען טיעף אין דער נשמה, וואָס זאָל אויסשמידען אַ איד מיט גרייטקייט צו מסירת־נפש. „מיני מגדים" קענען בלויז צוציען אויף אַ מינוט, און אויך נאָר דעם ביליגערען עלעמענט, דעם עולם־הזה'דיגען פאַרגעניגען־זוכערישען מענשען. זיי האָבען אָבער נישט קיין כח אַריינצוטריפען אידישקייט אין די טיעפענישען פונ'ם באַוואוסטזיין און אין די טיפענישען פון דער נשמה. אדרבא, זיי פאַרפלאַכען דעם גאַנצען צוגאַנג צו אידישער לעהרע, שאַפען אַ לייכטזיניגע שטימונג, מאַכען דעם איינדרוק, אַז אידישקייט איז אַ מיטעל צו „ענזשאָיען זיך", צו פאַרברענגען.

וכשהרוח מנשבת — טאָמער דאַרף מען אַמאָל קרבנות ברענגען, טאָמער בלאָזען שלעכטע ווינטען און דאָס אידישקייט פאָדערט און מאָהנט הילף —

נושרים — קומט מען נישט מעהר אין „סינאַגאָג"... ווערט דאָס גאַנצע ביסעל „אידישקייט" איבעריג און דערעסען. אַז ס'איז נישט דאָ מעהר קיין „ענטערטיינמענט", אַז מען קען נישט האָבען קיין „גוד טיים", מען דאַרף נאָך דערצו אויסהערען „ספּיטשעס" מיט צרות פון „יוראָפּ", טאָ נאָך וואָס זיך „באַדערען" און געהען אין „בית המקדש", בעסער זיצען אין דער היים און שפּילען אַ „פּאָוקער"...

וכיון שנכנסו הגויים להיכל — עס איז פאַראַנען נאָך אַ טרויעריגערע ערשיינונג אין די „מיני מגדים" שוהלען. זיי גליטשען זיך צוביסלאַך אַלץ ווייטער און ווייטער... זיי וואַרפען פון זיך אַרויס בהדרגה'דיג אַלע סימנים פון „אַלד־אָרטאָדאָקס־דזשודאאיזם"... זיי

זוכען וואָס מעהר אויסצושמירען זייער פּנים מיט מאָדערנעם „רוזש-און־ליפּסטיק"... „דזשיזוס קרייסט" ווערט אַן אָפּטער גאַסט אין זייער ראַביי'ס „סוירמענס"... גלחים מיט פרומע פּנים'ער און פאַלשע חן'דלאַך קומען און באַטייליגען זיך אין די „סוירוויסעס", „אַן אַקאַונט אָף גוד־וויל" — ס'איז דער ריכטיגער „נכנסו הגוים להיכל"...

יבשו — עס איז זעלבס־פאַרשטענדליך, אַז דאָס לעצטע ביסעל אידישקייט טריקענט אויס. די פּירות — די קינדער — פאַלען אַראָפּ, געהען אַוועק גאָר וויט... דאָס גאַנצע מין שוהל אָדער „סינאַגאָג" ווערט אַ ביטערער „גראַטעסק", אַ טראַגישער חוזק־שפּיל. עס קוקט אויס אין די אויגען פון אַן ערענסטען מענשען ווי אַ נישט געלונגענער וויץ, וואָס מען וויסט נישט צי מען דאַרף לאַכען אָדער גאָר וויינען פון איהם...

(ג)

בארבעה פרקים העולם נדון — בעצרת על פירות האילן — (ר"ה טז)

אין עצרת, אין דעם טאָג פון „מתן־תורה, איז דער יום הדין פון די פּירות האילן — פון דיינע קינדער און צוקונפטיגע דורות.

ווענסטו צוגעהן צו קבלת התורה, נאָכאַמאָל אויף זיך נעמען דעם אַלטען עול תורה, באַנייען דעם נעשה ונשמע — דאַן וועלען „דיינע פּירות ניש אַראָפּ פאַלען" — דיינע קינדער וועלען בלייבען אין דיין קרייז. זיי וועלען ערצויגען ווערען אין דער געזונטער גאַנצער סביבה פו אידישקייט און אידיש־פיהלען. זיי וועלען נישט זיין אינערליך צוריסען און צושניטען. אין זייערע מחות וועלען זיך נישט פּלאָנטערען פאַרמישטע אידעען, נישט קלאָרע באַגריפען פון אַ אידישען וועלט־באַנעם, וואָס איז נאַריש, סתירות'דיג און פול מיט פאַרעווע, לעכער־ליכע „תקנות".

זיי וועלען געהן אויף דעם אַלטען אויסגעטרעטענעם וועג. זייער בליק וועט קוקען פאָראויס, און זעהן קלאָרקייט, וויסען וואוהין זייער גאַנג איז געווענדעט, און וואָס זיי פאַרלאַנגען פונ'ם לעבען.

זעה נאָר — דו טאַטע! אַז זאָלסט נאָר דעם „עצרת" גוט איינ־זאַפּען אין דיר. איהם אויפסניי איינלאַדען ער זאָל ווערען אַ תושב ביי דיר אין שטוב!...

* * *

1) תורה אור

2) זוהר פ׳ בהעלותך קמח.

3) וסעודות גדולות היו עושין שם, בשביל שיהא רגילין לבא — ר״ה פ״ב משנה ה.

די דאָפּעלטע תורה

(א)

ואהרן וחור תמכו את ידיו מזה אחד ומזה אחד ויהי ידיו אמונה.

אהרן איז געווען אַ גרויסער סבלן[1]. קיינמאָל זיך נישט געבייזערט[2], געדולדעט אפילו עוברי עבירה, אָבי זיי מיט דער צייט מתקן צו זיין[3]. אַ סך מאָל איז געווען זיין ווייכקייט און נאָכגעביגקייט איבער דער גרעניץ[4].

חור, דאַגעגען, האָט זיך קונה־שם געווען מיט זיין קנאות, מיט זיין נישט־קאָמפּראָמיסליכקייט. ער איז אַ סך מאָהל געווען אַזוי האַרט און אומבויגזאַם, אַז ער האָט אַזש אויפגערעגט.

אין דער צייט פונ׳ם עגל־הזהב פאַלט ער טאַקע אַ קרבן צוליעב זיין שאַרפקייט און צו קאָנסעקווענטער האַלטונג[5].

משה האָט נישט געוואָלט אַז איינער אַליין פון דיביידע זאָל אַרויפלייגען די האַנד אויף איהם, ווייל צו האַלטען זיך בלויז ביי איינעם איז איינשטעלעריש. מען קען אַ סך מאָהל האָבען אַ דורכפאַל. דאָס לעבען פאַרלאַנגט פיעל מאָהל נאָכגעביגקייט און קאָמפּראָמיס. דערפאַר איז גוט, אַז ביידע צוזאַמען לייגען אַרויף זייערע הענד — מען פאַראייניגט אין זיך די עקסטרעמען פון ביידע. מען שאַפט פון זיי איין האַרמאָנישע גאַנצקייט. מען נוצט יעדענס מעלה באַזונדער אויף דעם געהעריגען אָרט און אין דער געהעריגער לאַגע — דאַן קען מען זיין זיכער, אַז „ידיו אמונה"...

(ב)

כד חמא משה ענוותנותי׳ של יהושוע אמר יה יושיעך מעצת מרגלים,
ומיד הוסיף לו אות אחד על שמו, ויקרא לו יהושוע — מ"ר וארא)
והיכן לקח היוד ? — משרי — (מ"ר שם)

גאָט האָט אַראָפּגענומען פון שרי די „יוד" און איהר צוגעזעצט אַ „הא" — כי שרה שמה, שתהא שרה על הכל (רש"י שם) — אַ

דעמאָנסטראַטיווער אָנזאָג, אַז שרה אַלס די מוטער פונ׳ם פאָלק ישראל, אַלס די שטאָלצע אָנזאָגערין צו דער וועלט וועגן גאָטהייט, אַלס די גרויסע נביאה — טאָר זי נישט זיין צופיעל עניוות׳דיג, איבער דער מאָס באַשיידען, זי מוז ערשיינען פאַר די מאַסען מיט אַ געהויבענעם קאָפּ, מיט׳ן פולען באַוואוסטזיין, אַז זי איז די האַרינטע פון הערצער, די פּרינצעסין פון נשמות. זי דאַרף דערמיט שטאָלצירען, ווייל איהר שטאָלץ וועט פאַר איהר שאַפען מעהר השפעה און מעהר טעטיגקייט.

איז דאָך דאָס באַזייטיגען די „יוד״ געווען דער לימוד צו זיין מוטהיג און שטאָלץ ווען מען דאַרף, האָט דערפאַר משה צוגעזעצט צו יהושוע׳ס נאָמען יענע אַרומבלאָנקענדיגע „יוד״, כדי יהושוע, ווען ער וועט דערזעהען די דאָזיגע „יוד״ זאָל ער זיך דערמאָנען אין איהר גאַנצער געשיכטע, וואָס זי לערענט, און צוליעב וואָסער סיבה זי איז באַזייטיגט געוואָרען פון שריין. און אַזוי אַרום אַליין אויך לערנען די דאָזיגע לעקציע, אַז עניוות פאַר אַ מנהיג איז נישט תמיד גוט און נוצליך. מען דאַרף זיך אַמאָל באַנוצען מיט גיאות־דקדושה — ויגבה לבו בדרכי ה׳...

(ג)

וכתב את משנה התורה הזאת — כותב לשמו שתי תורות אחת שהיא יוצאת ונכנסת עמו, ואחת בבית גנזיו, אותה שיוצאת ונכנסת עמו תולה אותה על זרועו — (סנהדרין כא)

אַ תורה בבית גנזיו — אין פּריוואַטען לעבען, צווישען פריינד און באַקאַנטע, נישט זייענדיג אָנגעטוהן דעם הערשער מאַנטעל.

דאַמאָלס דאַרף ער האָבען אַ תורה פון גוטסקייט, נאָכגעביגקייט און האַרציגער נאָהנטקייט צו יעדען.

ואחת שנכנסת ויוצאת עמו — אַרויסגעהענדיג צום פאָלק, אַלס פיהרער, אַלס פּאָליטיקער און רעליגיעזער וועג־ווייזער —

תולה אותה על „זרועו״ — „זרועו״ איז אַן אויסדרוק, וואָס באַצייכענט שטאַרקייט, מאַכט און נצחון.

שטאָלץ, האַרט, אומבויגזאַם, דאַרף ער ערשיינען פאַר׳ן פאָלק. ער דאַרף אָנוואַרפען שרעק און הכנעה. זיין וואָרט מוז זיין געזעץ...

(ד)

א״ר שב״י ספר משנה תורה היה סגנון ליהושע, שנגלה אליו הקב״ה, מצאו יושב וספר „משנה תורה״ בידו, אמר לו חזק יהושע אמץ יהושע לא ימוש ספר התורה הזה וכו׳ (בראשית רבהפ״ו)

פאַרוואָס לערענט יהושע גראָד משנה תורה? און וואָס האָט דאָס אַזוי באַגייסטערט כביכול?

די „משנה תורה״, איז די „דאָפּעלטע תורה״ פון וועלכער מיר האָבען פריהער גערעדט. נאָך משה׳ס תפלה אויפ׳ן „כד חמי משה ענונותי וכו׳״, האָט ער ענדליך אויסגעלערענט יהושוע׳ן די תורה פון זיין שטאָלץ און האַרט ווען מ׳דאַרף[8], און איצטער האָט זיך יהושוע גוט איינגע׳חזר׳ט די דאָזיגע צוויי תורות...

השי״ת האָט זיך שטאַרק געפרעהט דערמיט, ווייל דאָס וועט יהושע׳ן מאַכען פאַר׳ן אמת׳דיגען מנהיג-ישראל...

* * *

4) אצל מעשה העגל, ראה סנהדרין ז, ותנחומא תשא יט.

2) פדר״א פ׳ יז.

3) אדר״נ פ׳ יב.

4) אצל מעשה העגל, ראה סנהדרין ז, ותנחומא תשא יט.

5) שמו״ר פ׳ מח. ראה סנהדרין סט: ובמהרש״א שם.

6) בזרוע עזך — תהלים פט:יא, את זרוע פרעה שברתי — יחזקאל ל:כא, וגדעתי את זרועך — ש״א ב:לא.

7) זרועים ממנו יעמדו — דניאל יא:לא. ובזרוע נטיה — תהלים קלז:יב, ועוד. פסחים נז — והיו בעלי זרועות נטלין אותו וברש״י שם.

8) ועשיר יענה עזות, זה יהושע — סנהדרין מד.

צדקה ומשפט—אַן ערפאָלגרייכע סינטעזע

(א)

ע״י שכתוב בו — באברהם — ושמרו דרך לעשות צדקה ומשפט
(בראשית יח) זכה לזקנה — (חז״ל)

אין דער הנהגה פון פעלקער און לענדער זיינען פאַראַנען צווייַ געגענגעזעצטע מעטאָדען.

עס איז פאַראַנען די מעטאָדע פון צדקה — יושר׳דיגקייט, ווייכ־קייט, בויגעוודיגע טאַקטיק, וואָס לייטערט זיך דורכ׳ן האַרץ, און וואָס קוועלט אַרויס פון סענטימענט און מיטגעפיהל צום שוואַכערען.

אַזאַ הנהגה דערנעהנטערט און געווינט ליעבע צו זיך, גראָבט אָבער גלייכצייטיג אונטער דעם הויכען ניוואָ פון דיסציפּלין.

דאַגעגען איז פאַראַנען די מעטאָדע פון משפט — יורידישע אויס־געהאַלטענקייט, דיקטירט פון טרוקענער, איבערערכענטער, לאָגיק, וואָס אונטערדריקט יעדען סענטימענט, יעדעס פינטעלע פון רחמנות. דיסציפּלינישע האַרטקייט און אַנגעצויגענקייט, וואָס ווייסט נישט פון נאָכגעבען און זיך בויגען, נאָר שאַלטעט מיט שטעקען און שווערד.

אַזאַ מעטאָדע פיהרט איין אָרדענונג און אָרגאַניזאַציע, באַזייטיגט אַ סך איבלען און דערנער, האָט אָבער דעם גרויסען חסרון, וואָס דאָס פאָלק פיהלט זיך געפּענטעט. עפּעס ווי אַ שטריק זאָל זיין פאַרצויגען אויף יעדענס האַלז... מיט דער צייט מוז זיך שאַפען איינגעהאַלטענע, פאַרטאַמעוועטע אומצופרידענהייטען וואָס וועט מיט דער צייט אויפּברעכען און אַרויס מיט אַ צושטערערישען כח, ווי אַן ערד ציטערניש...

צו דערגרייכען אמת׳ען און אויסדויערליכען ערפאָלג, איז נוטיג צו באַנוצען זיך מיטביידע מעטאָדען צוזאַמען... צו שאַפען פון זיי אַ סינטעזע —צו לייטען די הנהגה פונ׳ם לאַנד מיט דער ענערגישער פּונקטליכקייט פון געזעץ, נאָר גלייכצייטיג, נישט צו פאַרגעסען אַריינ־

צוטריפען דעריין הארציגקייט — אַ ביסעל ווייכקייט און סענטימענט. מען דאַרף נאָר וויסען, ווען און ווי אַזוי.

און אַזוי אַרום וועט דאָס גאַנצע אַנגעוואַרעמט ווערען מיט ליעבע און מענשליכקייט. עס וועט קיינמאָל נישט קענען קומען צו אַזאַ אָנגעצויגענקייט, וואָס זאָל פּלאַצען...

ע"י שכתוב בו באברהם — ושמרו דרך ה' לעשות „צדקה ומשפט" —ביידע צוזאַמען[1].

זכה „לזקנה" — עגזיסטענץ־מעגליכקייט, לאַנגע יאָהרען פון הערשען און געוועלטיגען... שטעלענדיג צופרידען יעדען איינעם באַזונדער, סיי די פיהרער און סיי דעם געפיהרטען...

(ב)

ודוד היה עושה צדקה ומשפט — (שמואל ב' ח)

דוד האָט זיך אויך באַנוצט מיט דער זעלבער האַרמאָנישער פאַר־איי ניגונג פון צדקה ומשפט אין זיין מלוכה פיהרונג. אַ סך מאָהל איז „היה מקשה את עצמו כעץ"[2]. ער וויזט אפילו אַרויס ברוטאַליטעט צו זיינע שונאים ווען מען דאַרף[3]. אַן אַנדערש מאָהל זעהט מען איהם זיצען אין בית המדרש „וידיו מלוכלכות בדם ובשפיר"[4]. אָדער גאָר אין דער ווייכער סענטימענטאַלער שטימונג פון „מנגן בכנור בחצות לילה"[5]...

דערפאַר, ווען זיין זוהן שלמה דאַרף באַשטייגען דעם טראָן, פרעגען איהם די פאַרשטעהער פונ'ם פאָלק: והחכמה מאין תמצא?

— פון וואַנען וועסטו נעמען דיין סיסטעם פון הערשען?

— ממח או מלב? — צי וועסטו איינשטעלען אַ פעסטע דיס־ציפּלין אויף די פונדאַמענטען פונ'ם טרוקענעם געזעץ, וואָס וואַקסט אַרויס פונ'ם מוח?

או „מלב"? — אָדער גאָר דו וועסט אָנהאַלטען דעם צווייטען סיסטעם פון נאָכגעבען און זיין מיטפיהלענד — אַ פּראָדוקט פון הארץ? ענטפערט ער: ממוח ללב, ומלב למוח — פון ביידע צוזאַמען, צונויפגעפּאַרט און גלייך־געשטעלט, אַזוי ווי איך האָב געלערענט ביי מיין פאָטער דוד[6]...

(ג)

פנחס בן אלעזר השיב את חמתי וכו׳ לכן אמור לו הנני נותן לו את בריתי שלום. — (פ׳ פנחס)

פנחס האט זיך ארויסגעוויזען פאר א מענש מיט קנאי׳ש בלוט אין זיך[1]. ער שטעלט זיך נישט אפ פאר גארנישט. עס האלטען איהם נישט אפ די געפארען וואס לויערען אויף איהם[2]. ער נעמט א שפיז אין האנד און רעכענט זיך אפ מיט אכזריות און שארפקייט פאר דעם חילול הקודש.

ווען גאט וויל פנחס׳ען ארויסרוקען אין פאדערגרונד, ער זאל ווערען פון די פיהרענדע פערזענליכקייטען ביי אידען, זאגט כביכול צו משה׳ן: —

משה, קנאות האט פנחס גענוג. ווען מען וועט זיך דארפען באנוצען מיט א שטארקער האנד, וועט ער עס קענען באווייזען.

הנני נותן לו את בריתי שלום — א אידישער מנהיג דארף אבער אויך באזיצען די מדה פון שלום — צוגעלאזענקייט, ווייכקייט, הארציגע באציהונג צו אנדערע. וויל איך איהם דערפאר איצטער געבען אויך די דאזיגע מדה און וועט ער ראוי זיין ארויפצושטייגען אויף דער ערענע אלס מנהיג... ער וועט דאן פארמאגעןביידע מדות — קנאות און ברית שלום...

* * *

1) ב״ר מט — מתחלה צדקה ולבסוף משפט.

2) לשון הש״ס סנהדרין, ומו״ק טז.

3) שמואל ב׳ ח.

4) ברכות ג״ד.

5) שם, ובירושלמי שם. ברכות סא.

6) מוניטין של דוד, מקר ותרמיל מכאן — ענוות, ומגדל מכאן — אמץ הלב ותקיפות — ב״ר פ׳ לט.

7) ראה בסנהדרין קה, במ״ר פ׳ כא.

8) ע״פ דין הרשות הי׳ לזמרי להרגו, ראה: סנהדרין פ״ב, ובירושלמי סנהדרין פ״ט — בקשו לנדותו וכו׳.

אין גלות ביי גוים, ביי אידען און ביי זיך

ושמתי פדות בין עמי ובין עמיך — שמות ח:יט). פדות שלח לעמו — תהילים קיא). והרבה עמו פדות — (תהילים קל)

די דאָזיגע מסורה פון דריי מאָהל „פדות" גיט אונז אַן אויסשעפענד בילד פון דעם אידישע לעבען... שילדערט פאַר אונזער אויג די דריי פאַרשידענאַרטיגע גלות'ען אין וועלכע דער אידישער גוף זינקט און קען נישט אַרויסקריכען פון זיי: —

דער „גלות ביי גויים".
דער „גלות ביי אידען"
און דער „גלות ביי זיך אַליין".

(א)

ושמתי פדות בין עמי ובין עמיך — גלות ביי גויים. —

דאָס פאָלק ישראל ראַנגעלט זיך שוין טויזענדער יאָהרען אין צוויי פאַרשידענאַרטיגע גלות'ן. זיי — די גלות'ן — זיינען ווייט און קאָנטראַסטיש איינער פונ'ם צווייטען, דאָך ציעלען זיי ביידע צו איין-און-דעם-זעלבען צוועק און תכלית.

די דאָזיגע צוויי גלות'ן ווערען באַצייכענט אַלס דער „גלות יון" און דער „גלות מצרים" — דער גלות פון דער נשמה און דער גלות פון דעם גוף.

די מצריים האָבען אונטערדריקט דעם איד, ברוטאַל און אָפען. זיי האָבען געאַרבייט מיט איהם פיזיש — געזוכט אויסצוצופּלומפּען זיין ענערגי און לעבענס-ווילען — זיין שעפּפערישקייט און בטחון אין דער צוקונפט.

וימררו את חייהם בעבודה קשה — מיט פראָסטער קנעכטישער אַרבייט, האָבען זיי געפּרואווט צוזאַמענצוברעכען דעם גייסט פונ'ם

פאָלק ... אויסשעפּען זיינע זאַפטען און כחות ... פאַרוואַנדלען דאָס פאָלק אין אַ מאַסע פון אַרומבלאָנקענדיקע, ציעל־לאָזע שקלאַפען.

דאַגעגען יון האָט מיט אַ גאַנץ אַנדערער טאַקטיק געפּרואווט זיין מזל אין דעם קאַמף מיט׳ן איד.

ער האָט, ווי אַ געניטער כירורג, מיט דעליקאַטע הענטלאַך, אַנגעטוהן אין דינע זיידענע הענטשקעס, געפּרואווט מאַכען אַן אינער־ליכע אָפּעראַציע ... אַכטונג געבענדיג אויפ׳ן קערפּער, עס זאָל פון איהם גאָרנישט געמינערט ווערען — האָט ער זיך געגרייט בלויז די נשמה אַרויסצושניידען, דעם גייסט און די אמונה[3] ... נישט מעהר[4] ...

איך וועל אייך געבען גלייכבאַרעכטיגונג און פרייהייט — האָט יון גע׳טענה׳ט צו די אידען — איהר וועט זיך קענען באַוועגען פריה וואו נאָר איהר אַליין ווילט. נישטאָ ביי מיר קיין אונטערשיעד צווישען מענש און מענש. ביי מיר זיינען אַלע גלייכע בירגער. איך וועל אייך בעטען בלויז איין קלייניגקייט: — פּאַסט אייך צו, צום נייעם לעבען! ווייזט נישט אַרויס קיין אויפפאַלענדע באַזונדערקייט! מעקט אויס פון אייער כאַראַקטער און מהות, די אייגענאַרטיגע אידישע שטריכען[5], די ספּעציפיש־אידישע קנייטשען! פאַרווישט אייער פאַרגאַנגען לעבען[6]! כדי איהר זאָלט אייך לייכט און באַקוועם קענען צונויפשמעלצען מיט אַלע בירגער פונ׳ם לאַנד, און ממילא געניסען פון אַלעם גוטען, גלייך ווי זיי! ...

אָט דאָס איז די טאַקטיק פו׳ם גלות יון, אין אַלע צייטען און אין אַלע דורות. די מיטלען זיינען ווייך, הומאַניטאַר און בעל־טובה׳דיג. דער צוועק איז אָבער דער זעלבער בייזווילגער וואָס אין גלות מצרים.

פאַר׳ן איד, אין היסטאָרישען פּערספּעקטיוו, איז דער גלות מצרים בעסער ... מיט ווינציגער סכנה און נסיון. ווייל פאַר אַזאַ אָפענעם שונא ווייסט ער זיך ווי אַזוי צו היטען. ער דערקענט באַלד זיינע כוונות און באַנוצט זיך געגען איהם מיט זיינע אַלטע פאַרטיידיגונגס־מיטלען. דאַגעגען איז שווער און פול מיט סכנה אין גלות יון. דער איד ווערט געשמייכעלט. מען טראַגט איהם אונטער גאַנצע עמערס מיט גוטסקייט, מיט העפליכקייט ... פיהלט ער זיך דעריבער, זיכערער, היימישער, ווי ביי זיך אין דער היים. ער פאַרלירט זיין וואַכזאַמקייט צו היטען און שיצען זיך[7]. ער ווערט וואָס אַמאָל, אַלץ צוגעקלעפּטער

צום שונא, אַלץ ליידיגער פון זיין אייגנאַרטיגקייט און לעבענס־השקפה. שפעטער, ווען דער שונא ווייזט אַרויס זיין אמת געשטאַלט, איז ער הילפלאָז און באַזיגט...

* * *

בשעה שפגע עשיו ליעקב בקש לנשכו נעשה צוארו של שיש, בקש לנשקו אמר עשיו — מוצץ אני את דמו — (מדרש)

בקש לנושכו — עשיו ווייזט אַרויס זיין אמת פנים און זיינע אמת'ע כוונות. ער באַגעגענט יעקב'ן מיט אַן אָפען בלוט־פאַרלאַפענעם פיסק, מיט שאַרפע ציין, וואָס ווילען בייסען און פאַרציקען.

נעשה צוארו של שיש — יעקב שטעלט אַרויס זיין אַלטען אויס־געפּרואווטען פאַנצער, וועלכען ער האָט גע'ירש'נט פון זיינע עלטערען. ער נעמט זיך צום „צואר" — תפלה ובקשה, לימוד התורה... און דער דאָזיגער צואר מאַכט דעם ביסען פאַר עשיו'ן אַזוי האַרט, אַז זיינע ציינער הייבען זיך באַלד אָן צו ברעקלען...

בקש לנושקו — ווען עשיו קומט אָבער מיט אַ מאַסקע אויפ'ן פנים, ער פאַרשטעלט זיך פאַר אַ פריינט, ער וואַרפט זיך גאָר קושען יעקב'ן — אמר — עשיו — מוצץ אני את דמו — איצט, וועט יעקב נישט זיין וואַכזאַם... ער וועט מיינען, אַז מיר זיינען גוטע־ברידער. איצטער וועל איך גאַנץ לייכט קענען אויסזייגען זיין בלוט און דערנאָך איהם אַוועק־וואַרפען...

יאָ! יעקב דאַרף זיך היטען אפילו פאַר עשיו'ס אַ קוש...

(ב)

פדות שלח לעמו — אין גלות ביי אידען...

דאָס אידישע לעבען איז איצטער ווי אַ רעגען־בויגען — פול מיט סתירות און ווידערשפּרוכען. די מנהיגים ביי אידען, אַנשטאָט אַריינצו־ברענגען אָרדענונג און קלאָהרקייט, העלפען זיי נאָך מעהר דאָס צו־טומעלטקייט צו פאַרשטאַרקען. זיי זיינען נישט דערוואַקסען צו זייערע

פּאָזיציעס, וואָס זיי פאַרנעמען. זייערע מחות זיינען שמאָל און פלאַך. זייערע השגות — גראָשענדיגע. איז דערפאַר די אידישע גאַס צוריסען און צושפּליטערט. איינער ציהט קיין מזרח, דער צווייטער — קיין מערב. נישטאָ דער שטאַרקער מענש, וואָס זאָל אַריינגעמען די לייצעס אין זיין האַנד; וואָס זאָל מיט זיין פערזענליכקייט קאָנצענטרירען און קאָאָרדענירען דאָס אידישע כלל־לעבען. איז דערפאַר אַזוי הפקר׳דיג און אַזוי זינלאָז — סתירה׳דיג — דאָס גאַנצע אידישע געזעלשאַפטליכע און קולטורעלע לעבען.

נאָך וויטאָגליכער איז צו טראַכטען וועגען דעם אין איצטיגען מאָמענט, ווען די וועלט שטעהט ביי דער שוועל פון דער אַלטער תקופה און מאַכט שוין פּלענער, ווי אַזוי אויפצובויען די נייע וועלט. די וועלט וואָס וועט קומען נאָכ׳ן חורבן פון דער אַלטער. יעדעס פאָלק, וואָס האָט נאָר אַמביציע צו עגזיסטירען, קומט איצט אַרויס מיט זיינע פאָדערונגען און פאַרלאַנגען; לאָזט פון זיך הערען, גרייט זיך מיט פרישע כחות צום נייעם לעבען, וואָס קומט באַלד אָן.

און וואָס איז מכח אונז אידען?

קליינליכע מחלוקות׳לאַך... פאַרטייען און פאַרטייעלאַך... פּאָ־ליטישער „מוחין דקטנות"... מען שלאָגט זיך איבער׳ן נעכטיגען טאָג. די איינציגע אַמביציע, וואָס מען ווייזט אַרויס, איז צו דערשלאָגען דעם געגנער, אונטערצושטעלען איהם אַ פיסעל דאָרט וואו מ׳דאַרף.

די פיהרער פון די פעלקער קוקען אויף אונז מיט שטוינונג. זיי פאַרשטעהען נישט, ווי אַזוי אַ פאָלק קען האָבען געדולד פאַר אַזעלכע זאַכען, אין דער צייט וואָס זיין בלוט רינט אָפּ אין אַלע ווינקעלאַך פונ׳ם ערד־קוגעל...

פדות שלח לעמו — צוערשט דאַרף אונז גאָט שיקען אַ „פדות" פון די אַלע איבלען און פעהלערען וואָס וואַקסען אויף אונזער קערפּער. מיר דאַרפען אַרויס פון דעם „גלות ביי אידען" — פונ׳ם גלות ביי פּאַרטייען און פּאַרטיי־פיהרער... פונ׳ם גלות ביי פאַלשע משיחים... פון גלות ביי קליין־קעפּעלדיגע ראַביים, וואָס האָבען אַ „דיסלייקינג" פאַר ארץ ישראל.

פדות שלח לעמו — לייז אונז שוין גרויסער גאָט אויס פון דיע אַלע אָפּשטויסענדע ברואים׳לאַך, וואָס פלאָדיען זיך אין אידישען וויק־

גאָרטען און פּאַשען זייערע גופים און זייערע קעשענעס, מיט אידישע בלוטיגע פּענעס!... פאַרטרייב זיי פון אונז! און דאַן, ווען מיר וועלען אויסגעלייזט ווערען פונ׳ם גלות ביי די אַלע קהל׳ישע וועלף, קענען מיר האָפען אויף אחדות און אויף אַ גאולה שלמה במהרה...

(ג)

והרבה עמו פדות — אין גלות ביי זיך...

אונזערע חז״ל האָבען געזוכט אויפצוועקען אין אונז אַ געפיהל פאַר שעהנקייט[9] און רחבות[10]. זיי האָבען צוגערעדט דעם איד צו וואוינען אין אַ שעהנער וואוינונג[11], צו באַוואונדערען דאָס שעהנקייט און די פּראַכט פון נאַטור־ לאַנדשאַפטען[12]. זיי האָבען שטאַרק געטאַדעלט אויסערליכע נאַכלעסיגקייט. שיך[13] אָדער מלבוש[14] וואָס אַ מענש טראָגט, מוז זיין — לויט זייער מיינונג — ריין און גאַנץ. בנוגע דער פרוי, האָבען זיי גאָר פיעל מדקדק געווען. זי מוז ערשיינען אין איהר גאַנצער פּראַכט און פרויען־שעהנקייט[15]. דער מאַן איז פאַרפליכטעט זי צו באַזאָרגען מיט די נויטיגע ציהרונג[16]. אפילו אין איהר נדה־צייט טאָר זי נישט פאַרנאַכלעסיגען איהרע טואלעטע[17].

זיי — די חז״ל — האָבען אָבער גלייכצייטיג אָנגעזאָגט דעם מענש ער זאָל נישט אַריינפאַלען אין לוקסוס[18]. זיי האָבען איהם געוואָרענט צו האַלטען זיך אין די ראַהמען פון מעסיגקייט און לויט זיין יכולת[19]. אַ מענש, וואָס לעבט איבער זיינע פאַרדינסטען און מעגליכקייטען איז — לויט זייער מיינונג — דער גרעסטער זינדיגער[20].

האָט זיך דערפאַר דאָס אידישע לעבען פון אַמאָל אויסגעצייכענט מיט זיין ריינקייט און פּוץ און גלייכצייטיג מיט זיין איינגעהאַלטענקייט און בעל הבת׳ישער אויסגערעכענטקייט. די אידישע שטוב האָט גע־פינקעלט מיט זויבערקייט און צניעות׳דיגער אויפגעראַמטקייט. דאָס אידישע קינד איז אַרויסגעגאַנגען אין גאַס מיט דעם שעהנעם באַ׳חנ׳טען מלבוש׳ל, וואָס נאָר אַ מאַמעס האַנט קען אַזוי זאָרג־פעלטיג אויספּרע־סען און ריין מאַכען. די אידישע פרוי האָט געבלענדעט און גע׳כישופ׳ט מיט איהרע מלבושים און ציהרונג. אַ באַשיידענער צניעות׳דיגער חן איז געלעגען אין איהר גאַנג און אין איהר יעדען באַוועג.

אַלעס האָט אַזוי געגלעט דאָס אויג, געוואָרעמט און געלאַשטשעט דאָס האַרץ... יעדע זאַך האָט גערייצט און גלייכצייטיג זיך צניעות׳דיג באַהאַלטען...

דאָס אַלעס איז אָבער געווען אַמאָל... אין די אַלטע גוטע צייטען...

אין די לעצטע יאָהרען האָט זיך דאָס לעבען אויף דער אידישער גאַס אין גאַנצען געענדערט. ביים יחיד, ווי ביים כלל האָבען זיך גע־שאַפען גאַנץ נייע באַגריפען וועגען לעבען און געניסען.

די אַמאָליגע בעל־הבית׳ישע באַשיידענהייט, האָט אין גאַנצען אויסגעוועפּט. אַדרבא, עס איז גאָר געוואָרען אַ בושה צו זיין אויסגע־רעכענט און באַשיידען. לויט דער נייעסטער מאָדע דאַרף מען גאָר לעבען איבער די כחות — נישט אַזוי פאַר זיך ווי פאַר יענעם... פאַר חברים און שכנים...

לעבט מען טאַקע אָהן חשבון... וואַקסען די „בילס״, ווי געשווירען וואָס יאַטערען און פאַרמעהרען זיך, אַזוי זיינען די דאָזיגע „בילס״... טריקענט דער מוח, ווי אַזוי צו צאָהלען די חובות. און — דערוויל — לעבט מען וויטער גרויס און פלאַט... און „בילס״ וואַקסען ווי בערג... מען קען דאָך נישט אַנדערש... עס פּאַסט דאָך נישט...

ווערען די דאָזיגע בילס די אמת׳ע נגעים, וואָס די תורה רעדט פון זיי[21]...

נגעי בתים — מען וואוינט אין אַ „פענסי סעקשאָן״ וואו דער „רענט״ איז צוויי מאָהל אַזוי פיעל, ווי די פאַרדינסטען זיינען. מען מוז האָבען „פוירניטשע״ „עקאָרדינג די לעיטעסט פעשאָן״ און נאָך דערצו כסדר בייטען און „טשענדזשען״ זי.

נגעי בתים[22] — די „פּאַרטיס״ און „ברידש געימס״ נאַגען אויס דאָס לעצטע ביסעל „דם התמצות״. מען קען אָבער נישט אָפּשטעהן... מען איז שוין צופיעל אַריינגעלעבט אין אַזאַ שטייגער לעבען... קרעכצט מען אונטער, און — מען געהט וויטער אין שפּאַן...

נגעי בגדים — מען מוז האָבען „סוטס״ און „דרעסעס״, „קאָוטס״ און „אָוערקאָוטס״ צוגעפּאַסט צו יעדען בלאָז פון׳ם ווינט... שפּעציעל די פרויען און מיידלאַך. זיי מוזען „אומבאַדינגט״ האָבען די בעסטע „פּאַר קאָוטס״, די סטיילישסטע „העטס און דזשעקעטס״. פון „סילק־סטאַקינגס״ און אַנדערע קלייניגקייטען, איז דאָך אָפּגערעדט...

דער מאַן קרעכצט, ער איז אַ פּראָסטער אַרבייטער אין אַ שאַפּ. די פאַרדינסטען קומען איהם אָן מיט שווייס און מיט בלוט. ער האָט קיין כח נישט צו טראָגען אַזעלכע גרויסע לאַסטען אויף זיך. ער האָט אָבער נישט קיין ברירה. ער מוז אָנהאַלטען „סטייל" און נאָכלויפען דעם שווערען וואָגען... ער וועט דאָך נישט וועלען, אַז זיין ווייב און קינדער זאָלען זיך ברוגז'ען אויף איהם... איבעריגענס, ער אַליין „גלייכט" אויך אַזוי. עס ליגט שוין אין זיין נאַטור צו קרעכצען און — שלעפּען די משא...

נגעי אדם — דער מענש אַליין איז געוואָרען קראַנק אויף פאַרשי־דענע שעדליכע חולאת'ן: ער קען זיך נישט באַגעהן אָהן אַ „פּאָוקער". ער מוז אויך כאַפּען אַ „גוטען טרינק" — פון צייט צו צייט. ער זוכט אין יעדער זאַך, פאַרגעניגען. אפילו אין שוהל זוכט ער אויך נאָר דעם „גוד טאַים". דער רב דאַרף זיין פאַר איהם אַן „ענטערטיינער". דער חזן מוז אויסזעהן און, זינגען, ווי אַ „מואווי־סטאַר". אָהן „רע־פרעשמענטס" רירט ער זיך נישט...

והרבה עמו פדות — זאָל צוערשט גאָט אויסלייזען דעם מענשען פון די אַלע איבלען און שלעכטע געוואוינהייטען ביי וועלכע ער איז אין גלות, צו וועלכע ער איז פאַרשקלאַפּט סיי מיט זיין גוף און סיי מיט זיין געלד...

עס צווינגט איהם קיינער נישט צו די אַלע זאַכען. עס ליגט אין זיין רשות צו ענדערען זיין גאַנצען לעבענס־שטייגער. איז ער אָבער צו שוואַך קעגען דעם יצר הרע, וואָס האָט זיך אַריינגעקליבען אין זיין האַרץ און וואוינט דאָרט, ווי אַ מעכטיגער קעניג און באַפעהלער. ער איז אין גלות ביי זיך... ביי זיינע אייגענע אַמביציעס און ליידענשאַפטען. דאַרף ער, דעריבער, פאַר'ן אַרויסגעהן פונ'ם גרויסען גלות, צוערשט אויסגעלייזט ווערען פון זיין יחיד'ישען, קליינעם גלות — פונ'ם גלות ביי זיך...

* * *

1) שמות, סוטה יא, תנחומא ויצא.

2) סוטה יא, שמו"ר פ"א.

3) גזרה מלכות הרשעה שלא יעסקו בתורה וכו' — ר"ה יט. אותו היום שהכניס ירבעם עגלי הזהב, נבנה צריף — וזו אטליא של יון — שבת נו. — יון רצה לעקור האלהית...

4) ראה סוכה נו. סוטה מט.

5) שקלים פ״ג, ב — וי״ג פרצות פרצו וכו׳.

6) כתבו לכם וכו׳ שאין לכם „חלק ונחלה״ באלקי ישראל — ירושלמי חגיגה פ״ב ה״ב, ויק״ר פ׳ טו:ט, תנחומא תזריע יא.

7) נטל את „הנר״ מלפניהם — (תורה), או בצילך או בצלו של הרומים — גיטין טז.

8) אין בשר המת מרגיש באיזמל (שבת יג)

9) מלך ביפיו — ישעי׳ לג:יז. יפה תואר — ש״ב טז:יב. יופי לך מזבח — סוכה מה. גדול מאחיו בנוי וכו׳ — הוריות ט. ר׳ ישמעאל הי׳ מיפה בנות ישראל — נדרים סו, וראה תענית לא — שאין האשה אלא ליופי. כתובות נט — הרוצה שילבין את בתו וכו׳. מגילה יד־טו, סנהדרין לט — אודות יפיה של שרה. ב״ב נח — אודות חוה ויפיה, ועוד בכמה מקומות. אודות יופי של התנאים ראה — ב״מ פד, ברכות כ, שבת קיח, נדרים ט, ועוד.

10) אין עניות במקום עשירות — שבת קב, במ״ר פ׳ יד:יב — שלא יהא מלבושך של חול כמלבושך של שבת — שבת קיג. יהא רעוא דתיטום בשיראו — מגילה כז.

11) שלשה דברים מרחיבין דעתו של אדם, דירה נאה וכו׳ — ברכות נז.

12) ברכות נז, שם מג.

13) ברכות מג — מנעלים מטולאים גנאי לת״ח.

14) שבת קיג — קרי למאניה מכבדותו, שלא יהא נמצא רבב על בגדו — שבת קיד. כל המבזה בגדים סוף אינו נהנה מהם — ברכות סב.

15) כתובות יז — כלה נאה, שאין האשה אלא ליופי — תענית לא. אשה נאה מרחיבה דעתו של אדם — ברכות נז. אשה יפה, אשרי בעלה — יבמות סג.

16) עם המן ירד להם לישראל תכשיטי אשה — יומא עה: עזרה תקן להם שיהיו רוכלין מחזירין, כדי שיהיו תכשיטין מצוין לבנות ישראל — ב״ב כב. מי שאינו נותן לאשתו תכשיטין סוף בא לידו עניות — שבת סב. ותכשיטין יהיבנן לה כי היכא דלא תתנול — כתובות מח.

17) עד שבא ר״ע ואמר א״כ אתה מגנה על בעלה וכו׳ — שבת סד.

18) האי מאן דאפשר לי׳ למישתא שיכרא ושתי חמרא עובר על בל תשחית, דאפשר לי׳ למיכל נהמא דשערי ואכל דחיטי עובר על בל תשחית — שבת קמ. האי מאן דמיכסי שרגא דמישחא ומגלי נפטא קעבר משום בל תשחית — שבת סז.

19) שם, חולין פ״ד האי מאן דאית לי׳ מנא יקח ליטרא ירק וכו׳. אל תראו עצמכם שבעים וכו׳ — תענית י.

20) עובר על בל תשחית, ראה — שבת קמ, סז, ועוד.

21) ויקרא יג־יד.

22) לפי שהטמינו מטמונות של זהב באו הנגעים — ויק״ר פ׳ מצורע. מטמונות של זהב היינו המותרות, ולכן הביא זאת לחורבן הבתים...

צוויי דורות אונטער איין דאַך

ומלכי צדק מלך שלם הוציא לחם ויין — לחם, זה לחם הפנים
ויין, זה יין נסכים — (מ״ר בראשית מג, ילק״ש עד)

ווען מען קוקט זיך צו, צום לעבען, באַמערקט מען דעם שטענדיגען קאַמף צווישען יוגענד און אַלטקייט, צווישען דעם דור, וואָס קומט אָן און דעם דור, וואָס האַלטביים אַוועקגעהן.

יעדער דור קוקט אויפ׳ן צווייטען מיט ביטול, באַטראַכט איהם ווי אַ שטער. זיי קענען נישט קומען צו אַ פאַרשטענדיגונג, ווייל יעדען איינעם דאַכט זיך, אַז בלויז ער איז באַרעכטיגט צו האַלטען די הנהגה פון דער וועלט אין זיין האַנד.

דער אמת איז, אַז די וועלט דאַרף ביידע האָבען. סיי די יוגענד און סיי די אַלטע. ווייל ביי יעדען באַזונדער זיינען דאָ ניצליכע מעלות, וואָס דער צווייטער צד פאַרמאָגט נישט.

יוגענד האָט ענערגיע און לעבענס־ווילען, פרישע כחות און פריש פייער. יוגענד קען אויסרייסען בערג און אויסשעפען ימים. זי איז טעמפעראַמענטפול און רירעוודיג, פול מיט אימפעט און מיט מעגליכ־קייטען צו בויען און שאַפען.

צו בויען הייזער, צו אַרבייטען אין פאַבריקען, אויפצושטעלען שטעדט און דערפער, אַנצופיהרען מיט דעם פיזישען אַפּאַראַט, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די אינדוסטרי און דעם האַנדעל פון דער וועלט — איז נויטיג יוגענד און יונגע כחות.

אַלטקייט, דאַגעגען, איז טאַקע פיזיש ערשעפּט און צובראָכען. דערפאַר פאַרמאָגט זי אַ סך לעבענס־ערפאַהרונג, געזעצטקייט און ניכטערען בליק. זי היצט זיך נישט, פאַלט נישט אַריין אין פלאַמען פון סטיכישע אויסברוכען, קוקט מיט ישוב־הדעת און מיט דעם מתינות פון חכמה אויף יעדער זאַך און אויף יעדען געשעהעניש, ווייסט ווי אַזוי אַריינצוגלידערען אין אַ סיטואַציע און משפט׳ן זי אָביעקטיוו און גרינדליך.

אַלטקייט שטעהט אויך נענטער צום לעצטען סך־הכל פונ׳ם לעבען. איהרע פייערען פון ליידענשאַפט און אינסטינקט, האָבען זיך שוין אויסגעקיהלט. זי זעהט שוין דאָס זינלאָזיגקייט פון אַ סך זאַכען, וואָס אין דער יוגענד כישופ׳ן זיי מיט אויסערליכען גלאַנץ און אָנשטעל.

צו שאַפען געזעצען, צו פאַרטיפען זיך אין מאָראַלישע לעהרען, צו פאַרשטעהן די אמת׳ן פון אמונה און גאָטהייט — איז אַלטקייט פאַסיג און ווי אַנגעמאָסטען. אונזערע חז״ל האָבען טאָקע אומעטום פאַרבונדען זקנה מיט חכמה.

ווען דער איד איז געקומען אין בית המקדש אַריין, האָט ער דאָרט דאָס אויבען געזאָגטע געלערענט פון דעם „שלחן״ „ומזבח״.

שלחן — דער סימבאָל פון עולם הזה[1], דאָס אָרט וואו עס קאָנצענטרירט זיך כמעט אַלעס וואָס איז פאַרבונדען מיט עסען און טרינקען און מיט אַלע ערדישע זאַכען — האָט אויף זיך געהאָט לחם הפנים — „כסידורו״ כך „סילוקו״ — שטענדיג וואַרים, שטענדיג יונג און פריש. אַלטקייט איז דאָרט אַ „פסול״.

— ווייל שלחן, וואָס באַצייכענט עולם-הזה — בויען און שאַפען, ווירקען און פראַגרעסירען פיזיש — מוז זיין מיט יונגע כחות, מיט יונגען אונטערנעמונגס־גייסט... מיט יוגענד.

מזבח — דער סימבאָל פון גאָטהייט[2], פון געזעץ[3], דאָס אָרט וואו עס שטעהט דער כהן און פאַרבינדעט מענש מיט באַשעפער, וואָשט אָפּ זינד דורך קרבנות, לערענט און פאַרשפרייט געטליכע לעהרע...

— דאַרף האָבען אויף זיך „נסכים פון יין״, וואָס סימבאָליזירט אַלטקייט. ווייל: „הביא יין מגיתו פסול לנסכים״[4] — יוגענד איז פסול ביים מזבח.. מען דאַרף זקנה, דאָס מתינות און די חכמה פונ׳ם זקן...

* * *

אברהם אבינו איז געווען דער ערשטער שעפער פון דער דאָזיגער שיטה צו פאַראייניגען יוגענד מיט זקנה.

מטבעה של אברהם, זקן וזקנה בצד זה, בחור ובתולה בצד זה[5] — דער גרויסער חכם, וואָס מלכים ושרים זיינען צו איהם געקומען לערנען חכמה, האָט גאַנץ גוט אָפּגעשאַצט די מעלות פוןביידע. ער

האָט אויסגענוצט אין זיינע טעטיגקייטען די פעהיגקייטען פון יוגענד און אויך די פעהיגקייטען פון זקנה.

* * *

דערפאַר, ווען מלכי צדק מלך שלם באַגעגענט איהם, לערענט ער באַלד די דאָזיגע נוצליכע שיטה פון אברהם׳ן.

והוא — און מלכי צדק —

הוציא — האָט אַרויסגעצויגען פון אברהם׳ן — געלערענט ביי איהם.

לחם ויין — לחם הפנים ויין נסכים — די שיטה פון לחם הפנים — אַז ביי שלחן, מוז מען זיך באַנוצען מיט פרישע כחות — מיט יוגענד.

און די שיטה פון יין נסכים — אַז ביי מזבח ענינים דאַרף מען וואָס עלטער. יוגענד איז דאָרט אַמאָהל אַ פסול...

(ב)

די עקדת יצחק האָט אויך מיט זיך פאַרגעשטעלט די דאָזיגע שיטה. עס פאָדערט זיך אויסצופיהרען גאָט׳ס שליחות... אברהם און יצחק — טאַטע און זוהן, יוגענד און אַלט. אברהם, דער זקן, איז דער פיהרער, דער ערקלעהרער, דער, וואָס האָט אויסגעפלאַנט און אויסגעטענדיגט די גאַנצע אונטערנעמונג. יצחק, דער יונגער, לאָזט איבער טראַכטען און פלאַנען צום פאָטער. ביז דער לעצטער מינוט ווייסט ער נישט ווער עס וועט זיין דער קרבן.

ער איז אָבער גרייט מיט זיין גוף... ער וועט טוהן דאָס, וואָס אברהם וועט אויספלאַנען און באַפעהלען צו טוהן.

יצחק איז דער איש המעשה. אברהם איז דער איש המחשבה.ביידע צוזאַמען דיענען איין־און־דעם־זעלבען צוועק...

(ג)

איזהו מטבע של ירושלים, דוד ושלמה מצד אחד, וירושלים עיר הקודש מצד אחד — (בבא קמא צז)

די מטבע פון ירושלים — די ריכטיגע גאַנגבאַרע שיטה — איז „דוד ושלמה״ — דער טאַטע מיט׳ן זוהן — „בצד אחד״ — אין איין זייט, מיט איין־און־דער־זעלבער לעבענס השקפה, נאָר יעדער מיט זיינע באַזונדערע פעהיגקייטען פאַר׳ן זעלבען ציעל.

(ד)

ויאמר משה ליהושע בחר לנו אנשים —(שמות יז:ט)

בחר „לנו״ אנשים — מענשען וואָס זאָלען אין זיך פאַראייניגען משה׳ן און יהושע׳ן. זיי זאָלען האַרמאָנירען יוגענד און אַלט . . .

בלויז אַזעלכע מענשען וואָס שטעלען צופרידען ביידע, סיי משה׳ן — דעם פאָרשטעהער פון אַלטען דור, און סיי יהושע׳ן — דעם פאָר־שטעהער פונ׳ם יונגען דור, זיינען צוגעפּאַסט צום קאַמף מיט די עמלק׳ס פון אַלע צייטען. און נאָר דורך אַזעלכע אויסדערווײלטע אנשי־מלחמה קענען מיר געזיכערט זיין מיט אַ נצחון...

* * *

1) ושיעשיר יצפין — ב״ב כה. נדרים כ.
2) ויצב שם מזבח ויקרא לו אל אלהי ישראל — בראשית לג:כ.
3) לומר לך שמקום סנהדרין אצל מזבח — סנהדרין, ורש״י ריש משפטים.
4) מנחות, ורמב״ם הל׳ מעשי הקרבנות יין ישן שדעת זקנים נוחה הימנו — מגילה טז.
5) בבא קמא צז.

דאָס קול פון עגאָאיזם

אין קול ענות גבורה ואין קול ענות חלושה קול ענות אנכי שומע.
— (שמות לב:יח)

די געשיכטע פון דער מענשליכער קולטור איז פול מיט קאַמפען און אומוועקסלונגען. פאַרשיעדענע קולטורעלע שיטות און השקפות זיינען שוין דורכגעגאַנגען דורכ׳ן מענשענ׳ס מח און האַרץ. כמעט אין יעדען דור ווערען געבוירען נייע גייסטיגע ווערטהען, נייע קולטורעלע בנינים, וועלכע שטופען אַרויס פונ׳ם צענטער, די אַלטע, פאַרוואַנדלען זיי אין עבר־בטל׳דיגע מטבעות, און שטעלען זיך אַליין אויפ׳ן מזרח־אָרט, ביז... אַן אַנדער דור וועט קומען, און די איצטיגע נייע שיטות וועלען אַלט ווערען, און אויך אָפּגערוקט ווערען אין דעם היכל פון פאַרגעסענ־הייט.

סיבות, פאַרוואָס קולטורען און לעבענס אַנשויאונגען שטאַרבען, און אַנדערע פאַרנעמען זייער אָרט, זיינען פאַראַנען צוויי.

קודם־כל, ווייל יעדע זאַך וואָס ווערט געבוירען אויף דער וועלט מוז אַרונטערפאַלען אונטער׳ן געזעץ פון לעבען און שטאַרבען. פונקט ווי מענש און בוים, אַזוי אויך אַבסטראַקטע באַשעפענישען, ווי קולטור־רעלע שיטות, האָבען זייערע בליה־צייט און שפּעטער, זייער צייט פון אַלט־ווערען און שטאַרבען.

מיר קענען אָנרופען דעם דאָזיגען פּראָצעס מיט׳ן נאָמען „קול ענות חלושה״ — דאָס ווידער־קול פון שוואַך ווערען, פון אַרויסווייזען אַלטקייט און אָפּגעלעבטקייט.

עס איז אָבער אַמאָהל פאַראַנען, וואָס אַ קולטור שטאַרבט אָפּ אין מיטען איהר בליהען און וואַקסען. זי האָט נאָך קיין צייט נישט געהאַט אַרויסצווייזען איהרע אַלע כחות. זי הייבט ערשט אָן אַרויס־צוגעבען פּירות, און פלוצים ווערט זי פאַרשוואונדען פון דער ערד. אַזאַ זאַך קען פּאַסירען, ווען אַן אַנדערע יונגע קרעפטיגע קולטור ווערט פלוצים געבוירען. זי איז אַזוי הויך, זי האָט אין זיך אַזוי פיעל

לעבענס־כחות, איהר השפעה כאַפּט פּלוצים אַרום אַזעלכע ברייטע מאַסען, אַז אַלע פריהערדיגע שיטות און קולטורען מוזען זיך אַוועקרוקען אין אַ זייט. זיי ווערען מיט געוואַלט פאַרטריבען פונ׳ם לעבען.

אַזאַ פּראָצעס קען אָנגערופען ווערען „קול ענות גבורה״ — דאָס מעכטיגע קול פון שטאַרקייט, פון גבורה, וואָס פאַרכאַפּט די וועלט ווי אַ שטורם ווינד, וואָס צוברעכט אַלעס וואָס שטעהט אין וועג, און נעמט זיך אַליין דעם אויבען־אָן.

די דאָזיגע צוויי סיבות זיינען נאָרמאַל און קומען פאַר גאַנץ אָפט אין דער וועלט פון גייסט און געדאַנק.

עס איז אָבער פאַראַנען אויך אַ דריטע נישט־נאָרמאַלע סיבה, וואָס טרייבט אַרויס קולטורען און גייסטיגע שאַפונגען פונ׳ם לעבען. דעס איז די סיבה פון עגאָאיזם... פון אנכיות...

אַ פאָלק ווערט רייך און זאַט. זיי האָבען נישט די ליידען פון שאַפען עגזיסטענץ־מעגליכקייטען. זיי דאַרפען אויך נישט זאָרגען פאַר אַנ־טאגאָניזם מצד אַנדערע פעלקער. ס׳איז זיי גוט אין אַלע הינזיכטען. ווערען זיי מיט דער צייט איינגעשלאָפען, טעמפּ. זייער מח ווערט ווי פאַרקלעפּט מיט חלב. עס ענטוויקלען זיך אין זיי אַלץ מעהר די גופניות׳דיגע געברויכען. אַלעס וואָס איז גייסט, נשמה׳דיגס, ווערט פאַרביליגט, אַנטווערטעט. דער עגאָאיזם, דער געלויף נאָך באַפרידי־גונג און תאוה פאַרשלינגט דאָס גאַנצע געזעלשאַפטליכע לעבען. דער גוף איז די אַקס אַרום וועלכער עס דרעהט זיך אַלעס. — אַזאַ לאַגע קען באַצייכענט ווערען מיט׳ן אויסדרוק „קול ענות אנכי״ — דאָס ווידער־קול פון „אנכי״ — עגאָאיזם און אייגען־ליעבע.

* * *

ווען משה האָט געהערט, אַז די אידען האָבען פּלוצים אַוועקגעוואָר־פען די תורה, האָט ער געמיינט, אַז מסתמה איז עס געשעהן צוליעב איינעם פון די נאַטירליכע סיבות צוליעב וועלכע אַ פאָלק ענדערט זייך קולטור. ווי ערשטוינט איז ער אָבער געוואָרען ווען ער איז צוגעקומען נעהנטער און געזעהן אַז —

אין קול ענות גבורה — דאָס איז נישט דער קול פון אַ פרישער, מעכ־טיגער קולטור, אַ נייער הויכע שיטה, וואָס האָט מיט איהר גבורה,

מיט איהרע צויבערען און לעבענס־כחות אַרויסגעשטויסען די תורה־קולטור.

ואין קול ענות חלושה — ס׳איז אויך נישט צוליעב׳ן שוואַכקייט פון דער תורה, צוליעב דעם, וואָס די אידען האָבען פלוצים איינגעזעהן, אַז זי איז צו אַלט, און אומפּעהיג צו לייטען מיט׳ן לעבען.

קול ענות „אנכי״ שומע — עס איז דאָס מגושמ׳דיגע הייזעריגע קול פון דעם „אנכי — עגאָאיזם. ס׳איז דאָס גראָבע געיעג נאָך תאוה און פריקת־ עול. דער „עגל־הזהב״ איז דער קולט פון געלד און הנאה ...מען דינט צום „גוד־טיים״... צום בויך און צו דערליידענשאַפט.

דאָס האָט אַזוי שטאַרק וועה געטוהן משה׳ן.

אין דעם שאָטען פון עגל הזהב

(א)

ויהי כאשר קרב אל המחנה, וירא את העגל וכו׳ ויחר אף משה וישלך
מידיו את הלוחות — (שמות לב:יט)

משה האָט דאָך נאָך פריהער געוואוסט וועגען מעשה העגל. השי״ת האָט דאָך איהם געזאָגט וועגען דעם. פאַרוואָס האָט ער פריהער גאָרנישט געטוהן, און ערשט איצט אַראָפּגעוואָרפען די לוחות, און זיך אַזוי געבייזערט?

— ווייל פריהער האָט משה געדענקט, אַז די אידען האָבען מסתמה אויסגעביטען די תורה אויף אַן אַנדערער גרויסער קולטור, האָט ער אין זינען געהאַט אַראָפּצוגעהן צו זיי, פיהרען מיט זיי וויסענשאַפטליכע ויכוחים, זיי איבערצייגען אַז די תורה איז אַלץ העכער און הייליגער פון די גרעסטע און שעהנסטע קולטורען און גייסט־שאַפונגען.

ויהי כאשר קרב אל המחנה, „וירא את העגל״ — ער קומט צו דער מחנה, דערזעהט ער גאָר פאַר וואָס מישטיינס געזאָגט די אידען האָבען פאַרביטען די תורה; נישט פאַר אַנדערע הויכע אידעאַלען, נאָר פאַר אַ מגושמ׳דיג, נאַריש קעלבעלע, פאַר אַ פעט גאָלדען בייכעלע... זיי האָבען אַוועקגעוואָרפען הימעל־הויכע ווערטהען, זיי האָבען אַרויס־געטריבען פון זייער מחנה דעם אייביגען גאָט, פאַר אַ ביסעל קליינליכע תאוה׳לאך, פאַר אַן עגל הזהב...

עס איז גאָרנישט דאָ מיט וועמען צו טענה׳ן. עס לוינט זיך נישט צו אַרגומענטירען. זיי זיינען פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ מאַסע פון „וישב העם לאכל ושתו ויקמו לצחק״ — נאָר מען עסט און מען טרינקט; נאָר מען שפּיעלט און מען פאַרשפּיעלט די יאָהרען. דאָס דענקען און פיהלען האָט מען אַוועק געלייגט אין אַ זייט. דער גראָבער גוף האָט די ממשלה. דערפאַר — ויחר אף משה וישלך את הלוחות...

(ב)

— והיו הלוחות סובלין את עצמן ואת משה עמן, וכשראו את התופים ואת המחולות ואת העגל ברחו הכתובים ופרחו מן הלוחות, ונמצאו כבדין על ידי משה ולא יכול לסבול את עצמו ואת הלוחות וכו׳ — (פדר״א פרקמה)

אין דער רײנער סביבה פון גאָט און הימעל, איז געווען אַזוי לײכט פאַר משה׳ן צו טראָגען די לוחות. ער האָט נישט בלויז נישט געפיהלט זײער לאַסט, נאָר עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז די לוחות טראָגען איהם... געבען איהם לעבען און אינטערעס, זײנען איהם געטרײ און פאַטערליך. אָבער, ווי נאָר משה האָט זיך דערנעהנטערט צו דער סביבה פון „עגל ומחולות״, ער האָט גאָרנישט אין זינען געהאָט זיי נאָכצוטוהן, ער איז בלויז געווען אַ זײטיגער צושויער, האָט ער באַלד דערפיהלט אַ שווערקייט אין די לוחות... עפּעס זײנען זיי מיטאַמאָל געוואָרען אַ לאַסט, אַ שווערע משא, וואָס שטערט און שטעהט אין וועג...

אַזאַ כח האָט אַ סביבה. דו מעגסט זײן אַ פרומער איד. דו מעגסט בײ דיר אָפּמאַכען אַז די אַלע השפעות פון דרויסען, זאָלען נישט באַ־טרעטען דײן שוועל. דו מעגסט האַלטען די אַלטע געטליכע לוחות צוגעדריקט צו דײן האַרץ — קוים וואוינסט דו אין דער פאַרדאָרבענער אומגעבונג, קוים זעהן דײנע אויגען ווי אַנדערע טוהען שלעכטס; קוים זײנען דײנע שכנים פון דעם „עגל־ומחולות־טיפּ״ — דאַן ווערט עפּעס ווי פון זיך, דאָס אַלטע אידישקייט אַזוי שווער... אַזוי פּלאָנטענדיג־זיך צווישען די פיס... דו ביזט טאַקע ווײטער פרום, אָבער ס׳איז שוין נישט דאָס פרומקייט פון אַמאָל, ווײל אַמאָל איז בײ דיר אידישקייט געווען אַ באַקוועמע פריידיגע פליכט, אַ זאַך וואָס איז געווען אַזוי לײכט, און אַזוי אַנגענעם צו טוהן. און הײנט, איז עס עפּעס קרעכצענדיג... קוים־זיך־דערשלעפּענדיג... ס׳איז: ונמצאו כבדין על ידי משה... אפילו בײ די משה׳ס...

(ג)

וראו אותו שבעים זקנים ורצו אחריו, הוא אחז בראש הלוח והם אוחזין בראש הלוח, נסתכל בהן וראה שפרח כתב מעליהן, אמר היאך אני נותן לישראל את הלוחות שאין בהם ממש עמד ושברן. — (אבות דר׳ נתן פרק שני)

ווען די עגל־הזהב־אידען וואלטען אין גאנצען אויסגעדרעהט זייער רוקען צו די לוחות, וואלט מען כאטש געוואוסט ווי מען האלט מיט זיי, וואלט משה געזעהן זייער אמת פרצוף; ער וואלט דאן זיך אנגענומען מיט׳ן כאראקטעריסטישען אידישען סבלנות, און געווארט אויף דער גע־לעגענהייט ווען די תאוה־ארגיע ענדיגט זיך, און דאס איבערליכע חרטה־פינטעלע הויבט אן ארויסצוקריכען פון אונטערען בארג אש, און מאהנט. ער וואלט דאמאלס צוריק דערהויבען דאס פאלק צו דער אלטער מדרגה פון אן „עם הספר״.

שלעכט איז אבער געווען ווען ער האט פלוצים דערזעהן, אז זיי ווארפען נישט צוריק די לוחות. אדרבא, זיי כאפען זיי גאר מיטביידע הענד... נאר וואס דען? — עס זיינען געווען לוחות אהן כתב — פוסטע לוחות — אהן דער אלטער קדושה. לוחות וואס פארען זיך מיט „עגל הזהב״...

והם אוחזין בראש הלוחות — זיי וועלען אויפבויען פרעכטיגע טעמפלען, זיי וועלען די לוחות איינראהמען אין גאלד און אין זילבער... ס׳וועט די לוחות גוט געהן ביי זיי...

וראה שפרח כתב מעליהן — ס׳פעהלט דאס כתב — די נשמה. ס׳איז שוין נישט דאס אמאליגע היימישע אידישקייט, ס׳איז עפעס פרעמדס. א גוף אהן א נשמה. ס׳איז דזשודאאיזם מיט עגל־הזהב...

היאך אני נותן לישראל לוחות „שאין בהן ממש״ — זיי האבען נישט קיין האפט, קיין כח צו לעבען און צו עגזיסטירען. זיי קענען דינען בלויז ווי א שאלאטען־שמש פונ׳ם „עגל־הזהב״ און פון די „מחולות״ — אז א איד וועט וועלען שפילען אין קארטען אדער

טאַנצען און הוליען, על טהרת הקודש, וועט ער קומען אין דער „האַל״ פונ׳ם בית־מקדש־מעט, און אין דער אַנוועזענהייט פונ׳ם ארון הקודש מיט די לוחות, וועט שוין אַלעס זיין גע׳כשר׳ט...

עמד ושברן...

* * *

הלוך הלכת, כי נכסוף נכספת לבית אביך — למה גנבת את אלהי ?
— (בראשית לא:ל)

אויב דו מאַכט דעם אָנשטעל, אַז דו בענקסט אַהיים... אַז דו האָסט ליעב דיין אַלטען טאַטען — דאָס אַלטע אידישקייט — די אידישע תורה —

למה גנבת את אלהי ? — טאָ נאָכוואָס שלעפּסט דו מיט, אינטער׳ן אָרעם, „לבן׳ס אָפּגעטער״?.. ווי קען זיך גאָר צונויפּפּאָרען דאָס אַלטע „הויז פון די אבות״ מיט עפּעס לעבען־לאָזע האַלץ־און־שטיין געצקעס, וואָס שטאַמען פון לבן׳ס חדר ?...

* * *

אַ שטיקעל תירוץ האָבען די דאָזיקע יעקב׳ס. זיי טענה׳ן, אַז נישט זיי זיינען שולדיג אין דעם מיטנעמען די „לבן־געטער״, די שולד איז, רחל׳ס — אונזערע אידישע רחל׳ס זיינען עס געוואָרען די טרעגער פון דעם מאָדערנעם קולט, וואָס מען קען אָנרופען : „אלהי לבן״. זיי, ברענגען עס אַריין די אַלע איבלען אין דעם „בית אל״ פון די אבות...

פרעגט מען ווידער די רחל׳ס— טענה׳ן זיי —

„כי דרך נשים לי״ — מען קען נישט זיין אַנדערש ווי אַנדער פרויען... מען מוז זיך פיהרען ווי די מאָדע איז...

און די מאָדע ווייסט איהר דאָך וואָס זי איז :

— צו שפּילען „קאָרדס״ אין „סענטער״, און „פּלעדזשען״ דאָס גאַנצע געווינס פאַר דער שוהל... אַריינצוגעבען בשתיקה „טיקעטס״

אין די שכנ'ישע „קענדי סטאָרס" כדי אַז אַ רייכער „מעמבער" וועט שבת צוקומען מיט דער „קאַר", זאָל ער האָבען וואו צו קויפען אַ „טיקעט"... אָנצושטעלען „ריעל־אַמעריקען־ראַבייס", מיט געשניצטע וואָנסאַלאַך, אויף וועלכע ס'איז אַ „פלעזשור" צו קוקען... און נאָך, און נאָך אַזעלכע „אימפּרואוומענטס", וואָס אַן ערענסטער און אויפריכטיגער איד קרעכצט איבער זיי, און פרעגט:

כי נכסוף נכספת לבית אביך — למה גנבת את אלהי?...

הבלי לידה און הבלי מיתה

(א)

כמו הרה תקריב ללדת, תחיל תזעק בחבליה כן היינו מפניך ה׳
— ישעי׳ כו:יז

ביי א חולה מסוכן אין שטוב...

— ער ליגט אויף זיין געלעגער און קרעכצט... ער א־ז נוטה למות... זיין קול איז געבראָכען... מאַט... דורכגעווייקט מיט ווייטיג ... ער שטעקט אָן יעדען איינעם וואָס געפינט זיך אַרום זיין בעט מיט טויטליכען אַנגסט, מיט גסיסה שטימונג... אַלע פיהלען אַרויס פון דעם קראַנקען׳ס שטילע, אָפּגעהאַקטע קרעכצען, די שוואַרצע בשורות פון טוידט און צושיידונג... אַלע קלאָגען פאַרשטיקט אין זיך... טרויער און פאַרטאַמעטע געשרייען הערען זיך אַרויס פון יעדען ווינקעל... מען וואַרט... ס׳איז דאָס פיינליכע וואַרטען אויפ׳ן אָנקום פונ׳ם מלאך־המות. מען ווייסט, אַז דער געראַנגעל האָט זיך געענדיגט, געזיגט האָט דער בייזער מלאך. אָט באַלד וועט ער אַוועק רויבען די נשמה, און עס וועט בלייבען ליגען אַ קאַלטער אויסגעלאָשענער גוף...

עס איז פאַראַנען אַ צווייטער סאָרט וויינען און קרעכצען. אָבער, ווי אַנדערש עס זיינען די סיבות, וואָס רופען אַרויס דאָס געוויין!...

— אַ מוטער האַלט ביים געבוירען אַ קינד. זי ליידעט שרעקליכע וועהען. איהרע קולות זיינען האַרץ־רייסענד. זיי שפאַלטען הימלען און מאַכען אויפשוידערען דאָס לייב. דער מאַן, די עלטערען, די איבע־ריגע קרובים און באַקאַנטע, געהען אַרום אַנגעשטרענגט, ערנסט, מיט האַרץ־קלאַפּעדיגען אומגעדולד. פון מאַהל צו מאַהל פלאַמען אויף טרערען אין די אויגען פון די נאָהענטע. שטילע תפילות צו גאָט פּילען אָן די לופט...

פון צווישען, אָבער, דער דאָזיגער אַנגעצויגענער און פאַרטרויער־טער שטימונג, לאָזט זיך לייכט מערקען אַ פרעהליכקייט... אַן אומ־געדולדיגע, שמחה׳דיגע ערוואַרטונג.. עפּעס דאַכט זיך, אַז פון אונטער די אַלע קרעכצען און געבעטען, זינגט עס אַרויס מיט פריש געבוירענעם לעבען... מיט יום־טוב׳דיגער אויפגערוימטקייט...

אפילו די קולות פון דער ליידענדער מוטער ווערען פאַר׳ן אויער עפּעס וויכער, פריידיגער, מיט אַ מין נצחונ׳דיגען אַנזאָג, אַז נאָך די דאָזיגע וועהען, וועט קומען צאַפּעלדיג לעבען... וועלען קומען שעה׳ן און טעג פון גליק און שמחה...

אַ לעבעדיג קינד וועט געבוירען ווערען...

* * *

לייענענדיג די טרויעריגע ידיעות, וואָס קומען אָן פון יוראָפּ, אַרומגעהענדיג פאַרטריבט און פאַרצווייפעלט פון דעם אַלעם וואָס געשעהט מיט אונזערע ברידער אין די מלחמה־לענדער, זייענדיג שוין אין גאַנצען רעזיגנירט און געבראָכען — שווימען מיר אַ סך מאָהל פּלוצים אַרויף אויפ׳ן געדאַנק די דערמאַנטע צוויי פאַרשידענאַרטיגע ליידען, און עס וואַקסען אָן אין מיין האַרץ פרישע בלומען פון מוטה און האָפענונג. איך זאָג צו מיר אַליין די ווערטער פונ׳ם נביא ישעיהו:

כמו הרה תקריב ללדת תחיל תזעוק בחבליה — מיר פיהלען טאָקע צער. ווי מיט מעסערס שניידען זיך ווייטאָגען אין אונזער גוף. מיר ווייסען אָבער, אַז דאָס זיינען די חבלי־לידה. די וועהען פון אַ פאָלק, וואָס ווערט ווידער געבוירען, וואָס ברעכט זיך דורך אַ וועג צום ליכט פון אַ נייעם פריה־מאָרגען...

ווערען מיר דעריבער נישט פאַרצווייפעלט... מיר וואַרטען בלויז מיט אומגעדולד אויף דעם אויסגאַנג... אויף די רעזולטאַטען פון די וועהען... מיר בעטען גאָט, אַז די חבלי לידה זאָלען זיך ענדיגען וואָס פריהער, און אַ פרישע וועלט זאָל געבוירען ווערען... אַ וועלט אין וועלכער מיר זאָלען געפינען טרייסט און גליק, און וואָס זאָל אונז מאַכען פאַרגעסען די שווערע אַדורכגעגאַנגענע גהינום־צייטען...

צייט - מאָטיוועו

(ב)

מאי דכתיב ויגדל הילד ויגמל ויעש אברהם משתה גדול ביום הגמל
את יצחק בנו, אמר הקב"ה לאברהם: כך אני עתיד לגמול חסד
עם זרעו של יצחק לעתיד. — (פסחים קיט)

די האַרציגסטע און מענשליכסטע פליכטען, וואָס די נאַטור האָט עמיצען געגעבען, זיינען די פליכטען פון דער מוטער צו איהר ניי־געבוירען קינד.

אָט ליגט אַ יונג, צאַפּעלדיג קינדעלע. דאָס גאַנצע נפש'ל איז אַזוי צאַרט און שוואַך. די הענדטעלאַך, די פיסעלאַך, אַלע זיינע אברים'לאַך זיינען אַזוי דין און דורכזיכטיג. מיט די אומשולדיגע אויגעלאַך קוקט עס אין דעם חלל אַריין ווי עס וואָלט דאָרט עפּעס געזעהן און געגאַפט... אַזאַ ליבע און ריהרענדע תמימות וויקעלט עס איין אין גאַנצען. ווי אַ מלאך'ל זעהט עס אויס...

די מוטער שטעהט לעבען וויגעלע און באַטראַכט איהר קינד... באַוואַכט עס מיט איהר ציטערדיגע מוטערליכקייט... איז יעדע מינוט גרייט איינצוקלאַמערען עס אין איהרע אָרעמס, אַנטרינקען עס מיט איהר מילך, מיט איהר בלוט און חיות...

עס איז אַזוי מענשליך־ריהרענד צו זעהן, ווי דאָס דאָזיגע פּיצעלע באַשעפענישעל ליגט אין דער מאַמע'ס שויס, זויגט מיט פריידיגען אַפּעטיט די ברוסט, פאַרכלינעט זיך אַזש... זי, די מוטער, וואַרפט דאַרויף צאַרטע בליקען פול מיט רחמנות־פרייד און געבעט, גלעט עס מיט לייכטען אָנריהר, פאַרגינט זיך נישט אָנצונעמען עס מיט דער גאַנצער האַנד... זי האָט מורא, זי פלאַטערט און ציטערט איבער דעם קינד...

דערפאַר איז דאָפּעלט ריהרענד, כמעט טראַגיש, דאָס „אַנטוויינען" פונ'ם קינד, דאָס אָפּגעוויינען דאָס קינד פון דער מוטערס ברוסט.

— דאָס זעלבע קינד ליגט אויפ'ן בעטעל און וויינט... רייסט זיך מיט האַרצרייסענדע קולות צו דער מאַמען. די אויגעלעך זיינען פאַר־לאָפען מיט ריינע קינדערשע טרערען. די הענדטעלאַך און פיסעלאַך קאַרטשען זי קאָנוואולסיוו. עס שרייהט מיט קינדערישען לשון צו דער מוטער, נאָך עסען, נאָך מוטערליכע צערטלערייען...

זי, די מוטער, שטעהט אין דער זייט. איהר האַרץ טריפט אויס פון צער און רחמנות. זי וואָלט אַזוי געוואָלט צוגעהן און אַרומכאַפּען איהר קינד, לאַשטשען עס און שפּילען זיך דערמיט. זי האַלט זיך אָבער אָפּ. זי ווייסט, אַז איהר איצטיגע אכזריות וועט אַ סך העלפען איהר קינד. ס'וועט זיך אויסמענשלען. ס'וועט זיך אַנטוויינען און אַריבער אין אַ גרעסערער פאַזע פון וואַקסען און ענטוויקלען זיך. דאָס איצטיגע רחמנות אַרויסווייזען קען האָבען שלעכטע פאָלגען אויף שפּעטער. בעסער איז איצטער אָפּצוהאַלטען זיך, דערשטיקען טיעף אין האַרצען דאָס מיטלייד געפיהל, כדי אַזוי אַרום צו העלפען דעם קינד, און פאַרבאַרייטען עס פאַר זיין שפּעטערדיגען לעבען...

* * *

אברהם און שרה, די אבות פונ'ם אידישען פאָלק, האָבען אין טאָג פון אַנטוויינען יצחק'ן צונויפגערופען אַלע מלכים ושרים, די הערשער פון דער וועלט, און צו זיי אַזוי געזאָגט:

— איהר הערשער פון פעלקער און לענדער, איהר, וואָס אייערע נאָכפאָלגער אין די שפּעטערע דורות וועלען זיך פאַרמעסטען געגען אונזערע קינדער, די „בני ישראל", קוקט זיך צו, צום איצטיגען בילד פון „הגמל את יצחק", און לערענט עפּעס דערפון!...

— אַט זעהט איהר, ווי אַ יונג קינד רייסט זיך צו דער מאַמעס ברוסט. דאָס קינד וויינט און בעט אַ ביסעלע מילך פון דער מוטער. דער טאַטע און די מאַמע זיינען ווי טויב צום קינד'ס געוויין... זיי זיינען קאַלט צו זייער אייגען קינד'ס תחנונים. נאָך מעהר, די מאַמע נעמט איהר מילך און מאַכט זאַט מיט איהר, אַנדערע קינדער, פרעמדע, גוי'שע קינדער, און צו איהר אייגענעם וויל זי אפילו נישט צוגעהן...

דאָס קינד, ווען ס'וואָלט געקענט ריידען, וואָלט עס זיכער געשריגען, אַז די עלטערען זיינען איהם שונאים, האָבען איהם פאַרלאָזט...

אין דער אמת'ן ווייסען אַלע פאַרשטענדיגע מענשען, אַז די עלטערען האָבען יאָ ליעב זייער קינד, אַז דאָס האַרץ ווערט ביי זיי צוריסען פון ווייטיג צוזעהענדיג די ליידען פון זייער אייגען בלוט-און-פלייש. זיי ווילען אָבער „אַנטוויינען" דאָס קינד. זיי מיינען זיין טובה...

אַזוי וועט עס אויך זיין מיט'ן פאָלק ישראל אין די שפּעטערע דורות...

— נישט איינמאָל וועט זיך דוכטען, אַז גאָט, דער אבינו שבשמים, האָט זיי פאַרלאָזען, וויל פון זיי מעהר נישט וויסען. זיי וועלען קלאָגען און בעטען צום פאָטער אין הימעל און עס וועט זיך דאַכטען, אַז די טויערען פון תפלה האָבען זיך פאַרשלאָסען. איהר גוי'שע פעלקער, וועט לאַכען און זאָגען: — אידען, אייער פאָטער האָט אייך אַוועק־געוואָרפען! ער גיט זיין ברכה צו אונז פרעמדע! מיר, די בני עשיו, זויגען זיין מילך, געניסען זיין ברכה. איהר זייט פאַרשטויסען אויף תמיד!

— זאָלט איהר גוט געדענקען, אַז דאָס איז אַ טעות. גאָט וועט קיינמאָהל נישט פאַרלאָזען זיינע קינדער. ער וועט שטעהן פון דער וויטענס און ווינען אויפ'ן גורל פון זיין פאָלק. ער וועט זיך אָפּהאַלטען פון ענטפערען זיי, ווייל מסתמה וועט ער וועלען זיי „אַנטווינען", אויסלייטערען דורך די פלאַמען פון ליידען און מאַרטירערטום; דערהויבען זיי צו דער געהעריגער הויך... ער וועט וואַרטען אויף דעם מאָמענט ווען זיי וועלען שוין זיין „אַנטווינט" און דאַן, וועט ער צוריק אַרויס־וויזען צו זיי אמת'ע פאָטערליכע ליעבע און געטריישאַפט —

— כך אני עתיד לגמול חסד עם זרעו של יצחק...

כי זה כל האדם — דאָס איז דער גאַנצער מענש

(א)

נעשה אדם וכו׳ — נעשו מלאכי השרת כתות, חבורות חבורות, זה אומר כך וזה אומר כך, וכו׳ עד שאילו ואילו מדיינים זה עם זה, בראו הקב״ה א״ל כבר נעשה אדם. — (ילק״ש בראשית יג)

אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט זיי גאָט באַלד ביים אָנהויב געפרעגט זייער מיינונג?

— איך וועל דערפאַר זאָגען אַ גאַנץ אַנדערען פשט אין מדרש.

* * *

עס איז אַן אַלטער כלל, אַז „כח הפועל בנפעל" — אַז די שאַפונג איז שטענדיג אַן אָפּשפּיגלונג פונ׳ם שעפער און פון דער סביבה אין וועלכער זי איז געשאַפען געוואָרען. מען קען לייכט דערקענען די אומשטענדען און דעם געמיהטס־צושטאַנד, אונטער וועלכען אַ זאַך ווערט געבוירען, פון דער זאַך גופא.

גאָט האָט געוואָלט באַשאַפען דעם מענש טאַקע מיט׳ן צלם אלקים, אָבער דאָך אַ בריה פול מיט סתירות און הפכים אין זיך, פול מיט אינער־ליכע קאָנפליקטען און געגען־געזעצטע שטימונגען[1]. אַ מיש־מאַש פון יאָ און ניין, פון ליכט און שאָטען, פון טויזענדער זינען[2] און טויזענ־דער אונזינען[3]. אַ באַשעפעניש, וואָס פאַרמאָגט אין זיך די גרעסטע טוגענדען[4] און גלייכצייטיג דינט ער צום טייפעל[5]... אַ וועלט פון טומעל און אונאָרדענונג, פון מחלוקת׳ן און אַרומרייסענישען[6].

האָט השי״ת דערפאַר געשאַפען אַ סביבה פון טומעלניש און מחלוקת, פון יאָ און ניין, און פון אומרות און קאַך.

עד שאלו ואלו מדיינים זה בזה — ווען עס האָט זיך שוין גוט געטומעלט — די לופט איז געוואָרען פול מיט רייסערייען און מחלוקת׳ן — מיט יאָ און ניינס — מיט סתירות און שפאַרענישען —

בראו, וכבר נעשה אדם — האָט גאָט געגעבען אַ באַשאַף דעם מענש ... ער זאָל זיין אַ געטרייע קאָפּיע פון דער סביבה, פון די שטימונגען, און פון דעם געמיטהס־צושטאַנד, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש אין יענעם מאָמענט...

(ב)

אמרו לפניו המלאכים מאי מעשיו? — אמר להם הקב״ה: כך וכך מעשיו וכו׳ — (סנהדרין לח)

דעם מענש׳ס מעשים זיינען נישט: „כך״ — אַזוי און נישט אַנדערש, קאָנקרעט און אויסגעהאַלטען — נאָר: „כך וכך — „אַזוי און אַזוי״ — וואַקעלדיג, נישט זיכער, אַמאָל אַזוי און אַמאָל אַזוי... אַמאָל גערעכט און אַמאָל געלינקט...

* * *

אמרו לו המלאכים, מה אנוש כי תזכרנו, מיד הושיט הקב״ה אצבעו ביניהם ושרפן. — (סנהדרין שם)

„אצבעו״ איז דער „טייטעל־פינגער״ וואָס ווייזט די ריכטונג, וואָס באַפעהלט און צייכענט אָן ווי יאָ און ווי נישט.

אמת איז, אַז דעם מענש׳ס „כך וכך״ — טבע איז אַ גרויסער חסרון. עס וואַרפט איהם פון איין עקסטרעם צום צווייטען. פון איין שיטה צו דער צווייטער. ער איז אין אייביגען צווייפעל, און אין אייביגע יסורים פון וואַקעלניש און אומזיכערקייט. דאָס איז אָבער נאָר ווען ער זוכט אַליין זיין וועג אין לעבען. ווען ער וויל אַליין אַרומבלאָנקען אין די לאַבירינטען פון ספקות און זוכענישען. אַנדערש איז אָבער די לאַגע ביים מענשען ווען ער לאָזט זיך פיהרען פון גאָט׳ס אָנווייזונגען, פונ׳ם „אצבע־אלקים״, דאַן איז זיין וועג אַ זיכערער, זיין בליק אויפ׳ן לעבען אַ גראַדליניגער און פעסטער. ער איז שוין מעהר נישט קיין „כך וכך״־טיפּ...

הושיט „אצבעו״ ביניהם ושרפן — די מלאכים זיינען בלויז גערעכט ביי אַן אדם — אָהן דעם „אצבעו״. קוים אָבער איז עס אַן אדם, וואָס באַניצט זיך מיט׳ן „אצבעו״ — ער לאָזט זיך פיהרען און לייטען פון גאָט, דאַן „ושרפן״ — ווערט די מלאכים׳ס טענות צו אַש פאַרוואַנדעלט... אַזאַ אדם איז יאָ ווערטה, וואָס ער לעבט...

(ג)

ת״ר יום שנברא בו אדם, כיון ששקעה עליו חמה, אמר: אוי לי שבשביל שסרחתי עולם חשוך בעדי וכו׳ והיה יושב בתענית ובוכה כל הלילה, כיון שעלה עמוד השחר אמר מנהגו של עולם הוא וכו׳ — (עבודה זרה ח.)

אַזוי איז שוין די טבע פון דעם „אדם״. האַלט ביי איהם „שקעה עליו חמה״ — די צייטען ווערען שלעכט. די פרנסה ווערט געפאַלען. זיין הימעל פאַרוואָלקענט זיך מיט נאַכט... מיט צרות... דאַמאָלס ווערט ער פרום. קומט ער צו גאָט און איז מתפלל אויף זיך און אויף זיין משפחה — והיה יושב בתענית ואמר אוי לי שסרחתי...

קוים אָבער געבען זיך די צייטען אַ בייט. די נאַכט געהט אַוועק און אַ פרישער מאָרגען באַווייזט זיך אויף זיינע האָריזאָנטען. די זון פון הצלחה גיט צוריק אַ שיין־אויף. עס קומט צו איהם צוריק די ברכה — דאַן —

אמר מנהגו של עולם הוא — ער ווערט באַלד אַ גאַנצער חכם. ער גלויבט שוין מעהר נישט אין דער השגחה פון גאָט[9]. ער פלאַפּעלט שוין נאָך די אַלטע אויסגעדראָשענע טענות, אַז די וועלט פיהרט זיך מיט „נאַטור״, פון זיך אַליין. ס׳איז: — מנהגו של עולם הוא...

* * *

עמד והקריב שור שקרניו קודמין לפרסותיו — עבודה זרה שם)

קרן איז דער סימבאָל פון שטויסען און רייסען זיך צו יענעמ׳ס, מיט געוואַלט. דער „קרן״ איז „דרכו להזיק״[10]. ער רעכענט זיך נישט מיט קיין געפיהלען. ער צוברעכט און פאַרניכטעט דעם שוואַ־כערען פון זיך. מאַכט און חוצפה[11] זיינען די איינציגע געזעצען וואָס זיינען אַנערקענט ביים „קרן״...

פרסה, ווידער, איז די באַצייכענונג פון „יכולת״, פון אַ פעסטען באָדען אונטער די פיס. די „טריט״ הייסען די „מעגליכקייטען״ פונ׳ם מענשען.

ווי אַזוי נאָר דער מענש כאַפּט זיך אָן אין דער שיטה פון „מנהגו של עולם כך הוא" — ער וואַרפט פון זיך אַראָפּ די מורא פאַר גאָט, דאַן הויבט זיך באַלד אָן זיין געיעג נאָך געלד און מאַכט. ער ווערט א „שור שקרניו קודמין לפרסותיו" — ער שטויסט און רייסט זיך צו יענעמ'ס. ער וויל זיך מאַכען אַ וועג אויפ'ן צווייטענס חשבון. ער רייסט איין די וועלט איבער זיינע מעגליכקייטען, איבער זיינע כחות.

עס איז ביי איהם „קרניו" — דאָס וועלען און איינרייסען זיך, „קודמין לפרסותיו" — מעהר ווי ער קען, איבער זיינע פעהיגקייטען און מעגליכקייטען...

* * *

1) דו פרצופים — עירובין יח. ברכות סא.

2) חכמתו מרובה משלכם — ב"ר פ' יז:ה. וראה עבודה זרה ח — ידע סדר הזמנים וכו' סנהדרין נו — יסודי הדינים והמשפטים

3) בראו בזנב כקוף — עירובין יח.

4) מלאכים בקשו לומר לפניו שירה וקדוש — ב"ר ז.

5) הוליד רוחין ושדין — עירובין יח:

6) שעשה לו הקב"ה „עוקץ כחיה" — ב"ר פ' יד.

7) רביעית נזרקה בו נשמה, שישיתקרא שמות לכל חי וכו' עשירית סרח — סנהדרין לח — אין איין טאָג קען ער זיין גרויס און קליין, יעדע שעה אַנדערש...

8) ראה מנחות יא. כתובות ה: יומא יט.

9) שהיה כופר בעיקר — סנהדרין לח.

10) בבא קמא ב:

11) אל תרימו למרום קרנכם — תהילים עה:ו.

אַ סך אידען און איין גאָט

(א)

ושמרת מצותי ועשיתם אתם — אני ה׳ — ולא תחללו את שם קדשי,
ונקדשתי בתוך בני ישראל — אני ה׳ — המוציא אתכם מארץ מצרים
להיות לכם וכו׳ — אני ה׳ — (ויקרא כב)

די דאָזיגע דריי פסוקים וואָס האָבען אַלע גלייך דעם מערקווירדיגען איינהייטליכען ענדע פון: „אני ה׳,״ שילדערען פאַר אונז דריי פאַרשיעדענע טיפען אידען, וואָס פיהלען זיך פרעמד איינער צום אַנדערען. טיילמאָל קוקען זיי מיט שנאה און חשד איינער אויפ׳ן צווייטען. זייערע השקפות אויפ׳ן לעבען קומען זיך נישט צונויף. און דאָך איז פאַראַנען איין כח, וואָס פאַראייניגט זיי, וואָס בינדעט זיי צוזאַמען אין איין גאַנצקייט. — דאָס איז דער „אני ה׳״. . .

ביי גאָט זיינען זיי אַלע הייליג און טייער. ער לייגט אַרויף זיין חתימה אויף זיי, אַלס אַן אויסדרוק פון ליעבשאַפט און אַנערקענונג...

* * *

ושמרתם מצותי ועשיתם אותם — דאָס איז דער באַקאַנטער טיפּ איד, וואָס געהט מיט תמימות אויף די אויסגעטרעטענע וועגען, אויף וועלכע זיין טאַטע און זיידע זיינען געגאַנגען, איז מדקדק אַפּצוהיטען די מצוות־התורה כחוט השערה, ווייסט נישט פון די אַלע היינטיג־וועלטישע חכמה׳לאך און שמד־שטיק, וויל נישט וויסען פון זיי, ווייל ער איז זיכער, אַז גאָט האָט ווייניג נחת פון די דאָזיגע כמו־חכמים[1]. אַ איד דאַרף טוהן — לויט זיין מיינונג — נאָר דאָס וואָס השי״ת האָט ליעב. און טוהן זאָל ער עס אָהן קונצען און אָהן דריידלאַך... נאָר פראָסט און פשוט[2], ווי עס שטעהט געשריבען: „ושמרתם מצותי ועשיתם אתם״.

זאָגט צו איהם טאַקע גאָט:

„אני ה׳״ — איך לייג אַרויף מיין נאָמען אויף דיר! איך וויל זיין דיין חבר! דו געפּעלסט מיר!...

* * *

ולא תחללו את שם קדשי — דאָס איז אַ צווייטער אידישער טיפּ. אויך נישט קיין זעלטענער. ער איז געוואַקסען און ערצויגען געוואָרען אין אַ גוי׳שער סביבה. געלעבט אין דער דאָזיגער סביבה, גע׳חבר׳ט זיך תמיד מיט גויים. אַליין געוואָרען אַדורכגעפּרוּירען מיט גוישען גייסט. איצטער וואוינט ער אויך צווישען זיי. פאַרברענגט אין זייער געזעל־שאַפט. זיין גאַנץ תכונת־הנפש איז פאַרפרעמדעט, פאַר׳גוי׳שט. אין זיין אויסזעהן, אין זיינע מאַנירען, אפילו אין זיין בליק, ליגט עפּעס ווייטס... אָפּגעריסענס... אַזעלכע וואָס גראַמט זיך כלל נישט מיט דעם היימישען געשמאַקען אידישקייט.

ער האָט אָבער דערפאַר אַ ברייט אידיש האַרץ, אַ טיעפע פאַר־שטענדעניש פאַר׳ן אידענטום און פאַר זיינע ליידען. מען טרעפט איהם אָפט אויף טריבונעס, אין קאָנגרעסען אָדער אין אַנדערע הויכע קער־פּערשאַפטען, רעדענדיג מיט פייער, וועגען זיין פאָלק, וואָרפענדיג פּראָטעסט און טאַדעל אויף די קעפּ פון די שונאי־ישראל, פאַרטיידיג־ענדיג די אינטערעסען פון זיינע ראַסען־ברידער פאַר דער אויסערליכער וועלט. זיינע ווערטער האָבען טאַקע די געהעריגע השפעה. ערשטענס איז ער אַ פּערזענליכקייט, אַ גרויסער וויסענשאַפטס־מאַן, אָדער גאָר אַ וויכטיגער דיפּלאָמאַט. צווייטענס, האָט ער דעם צוגאַנג אומעטום. ער ווייסט מיט וואָסערע מיטלען צו ווירקען און באַאיינפלוסען.

ולא תחללו את קדשי — ער פאַרמיידעט אַ סך מאָהל חילול השם׳ס. ער קעמפּט ווי אַ לייב פאַר׳ן כבוד פון זיין פאָלק.

ונקדשתי בתוך בני ישראל — נישט איין מאָהל פאַרשאַפט ער קידוש השם אין דער אידישער מחנה. זיינע מעשים פאַרקלינגען אַ וועלט, פאַרשאַפען כבוד דעם אידישען פאָלק. די אידען זיינען שטאָלץ מיט איהם, ריידען פון איהם, גרויסען זיך מיט זיין וועלטס־נאָמען, טראָץ־דעם וואָס ער אַליין וואוינט ווייט פון זיי...

זעצט זיך כביכול אַוועק מיט זיין פמליא של מעלה... וועגט אויף אַ וואָגשאָל זיינע חובות און זיינע זכותים, וועלכעס ס׳איז מעהר.

ענדליך קומט גאָט צום אויספיהר, אַז: — „אני ה׳״ — ער איז ווערטה לעבען איהם זאָל שטעהן גאָט׳ס נאָמען[3]. ער האָט אַ סך פאַרדינסטען פאַר׳ן אידישען פאָלק[4]...

* * *

המוציא אתכם מארץ מצרים — דאָס איז אַ דריטער טיפ איד. ער איז אַ פאַרקאָכטער חובב ציון. זיין האַרץ און זיין נשמה זיינען איין שטיק בענקשאַפט און תשוקה צום הייליגען לאַנד. ער איז אַ חלוץ. פאָהרט קיין ארץ ישראל. שטעהט אונטער דער ברענענדיגער מזרח זון און אַרבייט שווער: האַקט שטיינער[5], אַקערט די ערד[6], גראָבט קאַנאַלען, אָדער גאַר, ער טרוקענט זומפען[7]. דער שוויס רינט. דער רוקען איז שוין געבויגען. דער גאַנצער קערפּער וויקט זיך אין היץ און אין מידקייט. זיינע אויגען האָבען אָבער נישט אַנגעוואוירען זייער באַגייסטערטען גלאַנץ. זיי קוקען מונטער, פול מיט עקסטאַז, אויף דער אַרבייט און אויף דער צוקונפט. פון זיין מויל רייסען זיך ווערטער פון אַ ליעד אין וועלכען ס׳ווערט באַזונגען דער ווידער־געבורטה פונ׳ם הייליגען לאַנד. — אָט די דאָזיגע ווערטער האַלטען איהם אויף די פיס, געבען איהם מוטה צו בויען, צו אַקערן, אויסצורייסען בוימער און אויסטריקענען זומפען. ער בלייבט, ווי אַ סאָלדאַט, אויף זיין פּאָסטען. ער איז אַ פּיאָנער. אפילו די עראינערונגען פון זיין אַמאָליגער אַלטער היים, פון די פאַרלאָזענע מעגליכקייטען צו מאַכען גרויסע קאַריערעס — ווערען בלאָס[8] און קליינליך אַנטקעגען דער הויכער אידעע פון פרייהייט, וואָס זינגט אַרויס פון יעדען גליד זיינעם...

אין צייטען פון אומרוהען איז ער דער ערשטער צו שטעהן מיט זיין ביקס אויף דער וואַך. ער ווייסט, אַז זיין לעבען איז אין סכנה; אַז אַ קויל קען יעדע מינוט אַרויסשיסען פון ערגיץ אונטער אַ בוש, און אַוועקרויבען זיין יונג לעבען. ער ווייסט דאָס גאַנץ גוט. עס שרעקט איהם אָבער נישט איבער, ווייל ער איז גרייט צו שענקען זיין לעבען פאַר אַ מתנה צו זיין באַליבט היימלאַנד...

זאָגט צו איהם גאָט:

— „אני ה׳״ — איך שטעל אַנידער מיין נאָמען לעבען דיר, ווייל איך בין שטאָלץ מיט אַזעלכע זיהן. זיי זיינען די היינט־צייטיגע

יצחק׳ס, וואָס זיינען גרייט אַ נייע עקדה אויפצושטעלען, און אויפסניי דעם האַלז אויסצושטרעקען...

— „אני ה׳״ — איך האָב דיך ליעב און איך וויל זיך חבר׳ן מיט דיר!...

* * *

דאָס אַלעס איז אָבער נאָר דאַן, ווען דאָס זיינען אידען וואָס ווילען האָבען דעם „אני ה׳״ לעבן זיך... זיי זיינען צופרידען מיט דעם, וואָס כביכול וויל זיך מיט זיי חבר׳ן... זיי דרייען זיך אויס מיט׳ן פנים צום נייעם חבר — צו כביכול — און שטרעקען איהם אויס אַ האַנד פון פריינדשאַפט און ליעבע...

ווען אָבער די דאָזיגע אידען זיינען פון דעם טיפּ, וואָס ווילען נישט שטעהן אין די ד׳ אמות פון גאָט... זיי אַנטלויפען פון איהם... זיי זאָגען צו כביכול: — דו ווילסט זיך מיט אונז חבר׳ן, מיר ווילען אָבער נישט מיט דיר האָבען קיין שום משא ומתן. מיר גלויבען בלויז אין פאָלק, אין לאַנד, אָבער נישט אין דיר, גאָט!...

אַזעלכע אידען, מעגען זיי זיין די גרעסטע „כלל טוהער״, מעגען זיי האָבען די גרעסטע פאַרדינסטען פאַר׳ן פאָלק, קען מען זיי העכסטענס אָפּגעבען אַ „יישר כח״ פאַר זייערע מעשים, אָבער קיינמאָהל וועלען מיר זיי נישט קרוינען מיט׳ן טיטול „גוטע אידען״, ווייל אַ איד איז נאָר דער, וואָס איז וויליג כאָטש בלויז צו שטעהן אונטער דעם דאַך פון אמונה — נאָר אַזעלכע אידען קענען זיך פאַרדינען דעם כשר׳ן נאָמען „איד״... צו טראָגען אויף זיך... אָבער נישט קיין אַנדערע...

(ב)

עתיד הקב״ה לעשות מחול לצדיקים לעתיד לבא, והקב״ה יושב ביניהם וכל אחד מראה באצבעו וכו׳ — (סוף מס׳ תענית)

דאָס אידישע פאָלק איז געבענשט מיט פאַרשידענע לעבענס־השקפות, און פאַרשיעדענע ריכטונגען. יעדער איינער שטעהט זיך אין זיין אייגען ווינקעל און לעבט זיך אין זיין אייגענער אידעען וועלט. דאָס גאַנצע פאָלק צוזאַמען זעהט אויס, ווי אַ ראָד מיט אַ סך צדיקים...

פארשידענארטיקע צדיקים... יעדען איינעם דאכט זיך, אז ער איז דער אמתער צדיק...

דאס גוטע איז אבער, וואס טראץ דעם וואס יעדער קוקט אין אן אנדער ריכטונג, איינער קיין מזרח א צווייטער קיין מערב, א דריטער קיין צפון און א פערטער קיין דרום, איז אבער פאראנען אין זאך וואס פאראייניגט אלע. דאס איז די אמונה.

וכל אחד מראה באצבעו ואומר אלקנו זה — אויב נאר אלע צוזאמען ווייזען אויף איין-און-דעם-זעלבען גאט, זיי קומען זיך צונויף אונטער איין דאך, אין וועלכען עס רוהט די שכינה — דאן זיינען זיי ווערטה דעם „מחול לצדיקים", ווייל אזעלכע מחלוקת'ן זיינען נישט קיין אומ־גליק, אדרבא, זיי שאפען א פיל־פארביגען שפיעל; זיי האלטען אויף פרישקייט און אינטערעס צווישען די מאסען. עס קאכט זיך, עס רודערט זיך, מען פיהרט פאלעמיק — און — דערוויל לעבט און זיד אידיש לעבען...

עס איז א מחלוקת לשם שמים, אויב נאר אלע זיינען פאראייניגט אין אמונה — „וכל אחד מראה באצבעו ואומר אלקנו הוא זה"...

* * *

1) כיון שנכנסה חכמה לאדם, נכנסה בו ערמומית — סוטה כא.

2) בענין זה אי חקירה עדיף און אמונה פשוטה, ראה: אור החיים להר' יעב"ץ פ"ג, שו"ת הרמ"א סי' ז, תשובות הרשב"א סי' תיד, מורה נבוכים ח"ב פ' כב, שאילת יעב"ץ ח"א מא, תורת העולה להרמ"א חלק א' פ"ב, ועוד בכמה מקומות.

3) יש קונה עולמו בשה אחת — ע"ז יד:ית. יוסף ויהודה שקדשו שם שמים בפרהסיא נקרא עליהם שמו של הקב"ה — סוטה לו.

4) בענין זה איך מעשה אחת של קידוש השם יכולה להביא לחלק עוה"ב ראה: ע"ז ו — קטיעה בר שלום; מו"ק ט — כולכם מזומנים אתם לעה"ב; ע—ז יח — ר' חנינא וקלצטנורי'; כתובות קג — האי כובס; תענית כט — אדון זה מזומן לחיי עוה"ב.

5) ר' אבא מנשק כיפי דארץ ישראל — כתובות קיב.

6) ר' חייא בר גמדא מיגנד בעפרה — שם.

7) ר' אמי ור' אסי קיימי משמשא לטולא ומטולא לשמשא — שם.

8) רועי צאן ובקר בא״י, וכן הדיוטים בא״י, יותר חשובים אפילו מצדיקים, נביאים וחכמים בחוץ לארץ — פדר״א פ״ה.

9) הדר בארץ ישראל כמי שיש לו אלהי — כתובות ק. שרוי בלא עון — שם. מובטח לו שהוא בן עוה״ב — שם. כל מי שהוא קבוע בא״י יהי׳ מבושר שהוא בן עוה״ב — ירושלמי שקלים ספ״ג. ירושלמי שבת פ״א ה״א.

דער שלום צווישען האַנד און אויג

אל תרא מרדה מצרימה ... ויוסף ישית ידו על עיניך — (בראשית מו)

דער עלטערער מענש, ווען ער דרעהט זיך אויס צו זיינע פאַרלאָפענע יאָהרען, ווען ער מישט זיי אַדורך און פאַרטראַכט זיך איבער זיי, דערזעהט ער ערשט די טעותים, די בולט׳ע פעהלערען, וואָס ער איז אַמאָהל באַגאַנגען. די פראַקטיק פון יאָהרען, די איבערגעלעבטע ליידען און ענטוישונגען, האָבען זיין בליק אַזוי אויסגעשאַרפט און גראַדליניג געמאַכט[1], אַז איצטער וואָלט ער שוין געוואוסט וואָס צו טוהן, ווי אַזוי צו לייטען און צו שאַלטען מיט זיין לעבען[2]. ליידער איז שוין אָבער אַלעס פאַרפאַלען. די צייט האָט זיין ענערגי אויסגענאַגט, אַרויסגעפּאָמפּט פון איהם די לעצטע טראָפּענס אונטערנעמונגס־גייסט. ער איז שוין אַלט, מיד און פיזיש צובראַכען.

איז דעריבער זיין איינציגע טרייסט און באַפרידיגונג, צו געפינען זיך נאָהנט צו זיינע קינדער, צוקוקען זיך צו זייערע מעשים, עצה׳ן זיי לערנען זיי, און אויך פאַרהיטען זיי נישט איבערצו׳חזר׳ן די זעלבע פעהלערען, וועלכע ער איז אַמאָהל, אין זיין יוגענד, באַגאַנגען און וועל־כע ער דערזעהט ערשט איצטער, אַ דאַנק זיין יאָהרען־לאַנגער פראַקטיק און ערפאַהרונג.

זעלטען אָבער, פאָלגען קינדער זייערע קלוגע טאַטעס. זיי, די יונגע חברה־לייט, מיט זייער צוהיצטען שכל, מיט זייערע איינגערעדטע מעלות, לאַכען זיך אויס פון די „אַלט־מאָדישע מענשען" פון די „עבר־בטל׳דיגע זקנים"...

מוזען זיך דאַן די אַלטע, געטרייע טאַטעס, אַוועקרוקען אין אַ זייט, און מיט האַרץ־ווייטיג צוזעהן די אומוועגען פון זייערע קינדער. זייערע אומבאַרעכענטע מעשים, וואָס ווערען דיקטירט פון יונגער אומרוהיגער אַמביציע[3]. איז דעריבער, דאָפּעלט־ביטער זייער עלטער. בעסער שוין צו זיין פון דערווייטענס, נישט צו זעהן מיט די אויגען די צרות. עס וואָלט לייכטער געווען איבערצוטראָגען...

* * *

יעקב האָט דערפאַר מורא געהאַט. אַליין אַדורכגעמאַכט אַ שווער לעבען, פול מיט נסיונות און ערפאַהרונגען. זיינע יאָהרען זיינען געווען דער קאַלך־אויבען אין וועלכען ער איז דורכגעברענט געוואָרען מיט ליידען און פראַקטיק. איצט, אַז ער וועט קומען צו יוסף'ן — אַ מענש וואָס האָט באַוויזען אַרויפצוקלעטערען אַזוי הויך צו אַזאַ גדולה און שררות — וועט ער דאָך אַודאי און אודאי גרינגשעצען זיין „בטלנ'ישען" טאַטענס ווערטער... ס'איז טאַקע יוסף, דער פרומער און איידעלער זוהן, אָבער פאָרט נאָך יונג און פליענדיג. וועט ער — יעקב — נאָך מוזען צוקוקען זיך צו זיין אייגענעם זוהנ'ס פעהלערען, און גאָרנישט קענען זאָגען... האָט ער דערפאַר מורא געהאַט צו געהן קיין מצרים...

זאָגט איהם גאָט.

— אל תירא מרדה מצרים — האָב גאָר קיין מורא נישט!

ווייל: —

ויוסף ישית ידו על עיניך — יוסף וועט זיך נישט פיהרען ווי אַנ־דערע קינדער. ער וועט זיין אַ מוסטער קינד, וואָס ווייסט ווי אַזוי אָפּצושאַצען דעם אַלטען טאַטענס חכמה און לעבענס ערפאַהרונג, און זי אויסנוצען צו זיינע אייגענע מעשים.

ישית ידו על עיניך — ער וועט שטענדיג טאָן מיט זיינע הענד — ער וועט ווענדען זיינע מעשים, דאָרט אַהין וואו דיין אויג — דיין בליק און עצה — דיין שטעלונג און מיינונג — וועט קוקען און אָנווייזען...

* * *

למען אשר יצוה לבניו ולביתו „אחריו" — (בראשית יח:יט)

עס זיינען פאַראַנען קינדער, וואָס לעבען זיך גאַנץ גוט מיט זייערע עלטערען. די אורזאַך איז, ווייל די עלטערען לאָזען זיך פון זיי פיהרען... פאַרשווייגען אַלע זייערע קאַפּריזען, און שלעפּען זיך זיי נאָך, ווי אַלטע אָפּגעלעבטע ברואים, וואָס לעבען מיט'ן חסד און מיט דער גענאָדע פון די „טייערע" קינדער.

— דאָס איז נישט דער ריכטיגער וועג פון שלום צווישען אַלט און יונג.

צייט - מאָטיווען

עס דאַרף זיין ווי עס האָט אונז אָנגעצייכענט אברהם אבינו[4].

— למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו „אחריו" — דער טאַטע דאַרף געהן פאָראויס. ער דאַרף זיין דער וועג־ווייזער און פיהרער, און אונטער איהם דאַרפען נאָכגעהן די קינדער...

* * *

ויהי כי זקן שמואל ובניו לא הלכו בדרכיו — (שמואל א׳ ח)

ויהי כי זקן שמואל ? — ווי אַזוי האָט ער געקענט אַלט ווערען, ווען ער איז נפטר געוואָרען אַלט־זייענדיג אין גאַנצען צוויי־און־פופציג יאָהר[5]?

נאָר דער תירוץ איז דאָ, אויפ׳ן אָרט...

ובניו לא הלכו בדרכיו — און ביי „מאָדערנע" קינדער ווערט דער טאַטע גאָר גיך אַלט. מעג ער נאָך זיין ביי די געזונטע כחות, מעג ער זיין דער קלוגסטער און געבילדעטסטער, קוים געהט ער אַריבער אין די פופציגער, איז ער שוין אין זייערע אויגען אַן „אָלד מען". מען רעכענט זיך מעהר נישט מיט זיין וואָרט. מען דולדעט איהם בלויז. ער דרעהט זיך אַרום ווי אויף אַן אויסגעבאָרגטער וועלט, ווי אַ מענש, וואָס האָט על פי טעות פאַרשפעטיגט דעם צוג... בלאָנקעט ער דערווייל אַרום אָהן אַ ציעל, ביז צום נעקסטען צוג...

* * *

1) כל זמן שמזקינים דעתן נתוספת בהן — שבת קנב.
2) ורוב שנים יודיעו חכמה — איוב לב:ז.
3) בנין נערים, סתירה מגילה לא.
4) אתי אברהם ובעי רחמי והוי זקנה — ב"מ פ"ז.
5) מת בנ"ב שנה, זה מיתתו של שמואל הרמתי — תענית ה: מו"ק כח.

די דריי אוצרות

שלש מטמניות הטמין יוסף, אחת נתגלתה לקרח ואחת נתגלתה לאנטונינות, ואחת גנוזה לעתיד לבא — (סנהדרין קי)

אויף דעם דאָזיגען מאמר האָבען שוין איניגע גע'דרשנ'ט, יעדער אויף זיין שטייגער, אָבער איך האָף, אַז איך וועל אַריינברענגען אַ ניי ליכט, און אַ גאַנץ נייעם צוגאַנג צו דעם.

(א)

אחת נתגלתה לקרח.

איינס פון די גרעסטעליידענשאַפטען, וואָס זיינען טיעף איינגעפלאַנצט אין דער נאַטור פון יעדען מענשען, איז די קנאה. זי איז פאַרוואָרצעלט אין דעם האַרץ און אין דער נשמה פון כמעט יעדען איינעם. זי מיידעט נישט אויס קיינעם. אפילו נישט די פרומסטע און עהרליכסטע מענשען[1].

עס זיינען אָבער פאַראַנען צווייערליי אופנים פון קנאה, וואָס יעדע קנאה באַזונדער האָט זיך איהרע באַזונדערע רעזולטאַטען.

ס'איז פאַראַנען אַ קנאה, וואָס טרייבט דעם מענש צו מעשים, וועקט אין איהם אַ דראַנג אַריבערצושטייגען דעם צווייטען[2], אויסצוצייכענען זיך געגען אַנדערע. אַזאַ קנאה איז נוצליך און פול מיט ברכה[3]. זי שאַפט ענערגיע און טעמפּאָ. זי לאָזט נישט איינדרימלען דעם אונטערנעמונגס־גייסט. אַ דאַנק דער דאָזיגער קנאה, וואַקסען אויס שטעדט און לענדער[4], מעהרען זיך הייזער און פאַבריקען. זי איז דער דאַמף, וואָס טרייבט די רעדער פון פּראָגרעס און אויפשטייג.

עס איז אָבער פאַראַנען אַ קנאה, וואָס איז אַ קינד פונ'ם טייוועל[5]. זי שיסט־אויף אין האַרץ ווי אַ פייער־וואָלקען. זי קומט ספּאָנטאַן, מיט־אַמאָל, פאַרפלייצט דעם געדאַנק מיט טייכען פול מיט גיפט, ברענט און טאָטשעט דאָס באַוואוסטזיין, צידט־אָן כעס און צאָרן, טרייבט דעם מענש

צו וואַנזין און פאַרברעכען[6]. זי איז, ווי אַ בייזער דעמאָן, וואָס פאַרניכטעט דעם צווייטען און אויך זיך. אַ סך מאָהל בלויז זיך און נישט דעם אַנדערען[7]...

אַזאַ קנאה איז שעדליך און שטרענג פאַרבאָטען. זי באַרויבט דעם מענש פון עולם הבא[8], און „זיינעביינער אפילו ווערען פאַרפוילט"[9]. אמת איז, אַז דאַמאָלס, ווען זי איז שוין דאָ אין מענש איז שווער זיך צו באַהערשען. מען קען זי מעהר נישט אַרויסטרייבען פון זיך. מען דאַרף אָבער ווי ווייט מעגליך זעהן זי זאָל נישט קומען צום אויס־דרוק אין שלעכטע מעשים. מען דאַרף זי בינדען און פאַרשפאַרען אין זיך, ווי אין אַ געפענגעניש[10]...

* * *

יוסף איז געווען דער ערשטער איד, וואָס האָט געוויזען דער וועלט ווי ווייט שעדליך עס איז, אַזאַ קנאה. צוליעב דער קנאה פון זיינע ברי־דער ווערט ער פאַרוואָגעלט קיין מצרים. דער גאַנצער „גלות מצרים", וואָס האָט אַזוי פיעל קרבנות געקאָסט, איז געווען בלויז אַ רעזולטאַט פון יענער קנאה.

די גאַנצע „מכירת יוסף" האָט טאַקע געווירקט אויף יעקב'ס משפחה, און די מדה מגונה פון קנאה איז אויסגעוואָרצעלט געוואָרען. זיי האָבען עס באַוויזען מיט דעם וואָס בשעת יוסף גיט בנימין'ען פינף מאָהל מעהר ווי זיי, ווייזען זיי שוין נישט מעהר אַרויס די אַמאָליגע קנאה און נישט פאַרגינערישקייט[11]...

* * *

דעם דאַזיגען „אוצר" — וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר די אויס־היילונג פון דער שלעכטער מדה פון קנאה — האָט מען ענטדעקט „בימי קרח" —

קרח איז געווען רייך[12] און קלוג[13], אַ גרויסער למדן[14] און אַ גע־וואַלדיגער מיוחס[15]. ער האָט געהאַט אַלע שאַנסען צו שטייגען און ווערען אַ וויכטיגער מענש, און בלויז די קנאה, וואָס האָט געברענט אין זיין האַרץ, האָט פאַרניכטעט איהם און זיין גאַנצע משפחה[16]. האָבען דאַמאָלס די אידען נאָכאַמאָהל געלערענט, ווי אַזוי שעדליך קנאה איז און ווי ווייט מען דאַרף וויכען פון איהר.

דורך קרח׳ן איז ענטדעקט געוואָרען דער זעלבער „אוצר״ וואָס יוסף האָט אַמאָהל ענטדעקט...

(ב)

ואחת נתגלתה לאנטונינוס.

יוסף האָט נאָך אַן „אוצר״ אויפגעדעקט...

ער האָט באַוויזען פאַר דער וועלט, אַז מען קען זיין פרום און גאָטס־פאָרכטיג[17], און דאָך נישט בלייבען קיין בטלן, וואָס וויכט פון וועלט און מענשען, נאָר גלייכצייטיג זיך אויסצייכענען מיט בילדונג און וועלטליכקייט[18], האָבען אַן אינטערעס אין געשעהענישען, זיין אַן אויסגעצייכענטער דיפלאָמאַט[19], קענען קומען אין פּאַלאַצען פון מלכים ושרים[19], אַליין בכח זיין צו האַלטען די וויכטיגסטע און פאַראַנטוואָרט־ליכסטע פּאָסטענס[20].

נתגלתה לאנטונינוס — אַנטונינוס, וועלכער האָט אַזוי גוט געקענט רבי׳ן — ער איז געווען מיט איהם פאַרבונדען פון קינדהייט אָן[21]; זיי האָבען כמעט יעדען טאָג פאַרבראַכט צוזאַמען[22] — ער האָט געהאַט געלעגענהייטען קענען־צו־לערנען רבי׳ס תכונת הנפש, רבי׳ס פעהיגקייטען[23] און מדות[23]. איז דערפאַר פאַר זיין אויג ענטדעקט געוואָרען יענער „אוצר״ וואָס יוסף האָט איהם דער ערשטער אַרויסגע־בראַכט פאַר דער וועלט...

— ווייל רבי איז אויך געווען פון יענע זעלטענע מענשען, וואָס פאַראייניגען אין זיך עקסטרעמע פרומקייט צוזאַמען מיט וועלטליכקייט. ער איז געווען אַ קדוש וטהור[24], וואָס האָט נישט קיין הנאה פון דער וועלט[25], געלערענט ביי די גרעסטע ראשי ישיבות פון זיין צייט[26] און דערצו געווען הויך־געבילדעט[27], געקומען אין פּאַלאַצען פון קעניגען[28], געפיהרט אַ מלוכה׳שען שטאַאַט[29] און געוויזען דער וועלט, איבערהויפּט זיין פריינט אַנטונינוס, אַז מ׳קען זיין אַ הונדערט פּראָצענטיגער איד און גלייכצייטיג זיין אויסגעמישט מיט מענשען[30], האָבען אַן אינטערעס אין די שעהנקייטען פון דער וועלט און פונ׳ם לעבען.

* * *

בשעה שאמר הקב"ה תדשא הארץ דשא, נזדעזה שמים וארץ, מיד
הראה להם הקב"ה רגליו של יוסף — (מדרש)

די מענשען מיינען, אַז דער „תדשא הארץ" — די שעהנע לאַנדשאַפטען, די וואונדערליכע נאַטור־פּאַנאָראַמעס, די אַלע פּראַכטען, וואָס רייצען דאָס אויג, און געבען דעם מענש אַזוי פיעל פאַרגעניגען, אַז דאָס אַלעס איז „יצר הרע". אַ פרומער איד דאַרף פאַרמאַכען זיינע אויגען און זיך אָפּשליסען אין די גרויע בית־המדרש־ווענט.

ונזדעזה שמים וארץ — דער הימעל און ערד, וואָס עגזיסטירען בליוז אין זכות פון תורה[31], האָבען אָנגעהויבען ציטערען... געמיינט אַז מיט'ן „תדשא הארץ" איז אויפגעשטאַנען געגען זיי, אַ שונא...

והראה להם רגליו של יוסף — יוסף איז אומעטום געגאַנגען. ער איז אומעטום געווען. ער האָט זיך נישט פאַרשלאָסען אין די ד' אמות של בית־המדרש, און דאָך האָט עס איהם נישט געשטערט צו זיין אידישקייט...

* * *

המהלך בדרך ושונה ומפסיק ממשנתו ואומר מה נאה אילן זה...
הרי זה חייב בנפשו. — (אבות ו)

נאָר דאַמאָלס, ווען ער איז „מפסיק ממשנתו ואומר מה נאה אילן זה" — אַז דאָס וועלטליכקייט פיהרט איהם אַראָפּ פונ'ם גלייכען וועג, רייסט איהם אַוועק פון דער תורה — נאָר דאַן איז עס אַ זינד.

ווען אָבער ער איז נישט „מפסיק ממשנתו" — ער האַלט זיך ביים אַלטען ספר, ביי די אַלטע תורות, און דערצו זאָגט ער „מה נאה אילן זה" — דאַן איז עס אַ ברכה פאַר'ן מענש און פאַר דער געזעלשאַפט[32]...

(ג)

ואחת גנוזה לעתיד לבא.

דער דריטער „אוצר", וואָס איז דורך יוסף'ן ענטדעקט געוואָרען, איז געווען דער וויכטיגסטער און נוצליכסטער. עס איז אַנטפּלעקט געוואָרען פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז נישט די מענשען דיקטירען און

לייטען מיט'ן לעבען, נאָר אַז אַלעס ווערט געפיהרט דורך גאָט'ס השגחה, און, אַז גאָט וויל, קענען די גרעסטע אוממעגליכקייטען, מעגליך ווערען. קענען די געשעהענישען איבעררעאַשען אַלע פּלענער און מענש־ליכע אויסרעכענונגען.

— אָט איז יוסף אַזוי נידעריג געפאַלען. זיינען ברידער האָבען איהם פאַר אַ שקלאַף פאַרקויפט. זיי זיינען געווען זיכער, אַז זייער פּלאַן איז געלונגען. יוסף וועט שוין קיינמאָהל נישט קענען פאַרווירקליכען זיינע חלומות.

גאָט האָט אָבער געוויזען, אַז די פאַנטאַסטישסטע פאַסירונגען קענען פאַרקומען. אַז פאַר דער השגחה זיינען נישט פאַראַנען קיין אוממעגליכקייטען. זי, די השגחה, רעכענט זיך נישט מיט קיין מענש־ליכער לאָגיק און פאַראויסזעהונג. יוסף איז — טראָץ אַלע שטערונגען — געוואָרען דער מעכטיגער משנה למלך, צו וועלכען אַלע האָבען זיך געבוקט...

גנזה לעתיד לבא — ווען מיר קוקען זיך אַרום און זעהן פאַר זיך בלויז וואָלקען און פינסטערניש. ווען מיר וואַרטען אויף גאולה, און אין הארץ נאָגט יאוש און צווייפעל. עס דאַכט זיך, אַז די וועלט לאַכט אונז אין פּנים אַריין און זאָגט: — נאַרישער איד, ווי אַזוי קענסטו האָפען אויף בעסערע צייטען, ווען אַלע וועגען, אַלע מעגליכקייטען, זיינען פאַר דיר אָפּגעהאַקט. ווי אַזוי וואַגסטו צו האָפען אויף מלכות, ווען דו ביזט אין אַ נידעריגען שקלאַף פאַרוואַנדעלט געוואָרען...

אין אַזאַ צייט דאַרפען מיר זיך דערמאָנען אין יוסף'ס לעבענס־געשיכטע און פון דאָרט טרייסט געפינען; זיך איבערצייגען, אַז מענש־ליך רשעות איז צו שוואַך געגען ווילען פון דער השגחה, און אַז גאָט וועט וועלען, קענען וואונדער געשעהן... קענען פאַרקומען די גרעסטע איבעררעאַשונגען... קענען די וויטסטע חלומות געבראַכט ווערען אין ממשות...

* * *

אל תרא מרדה מצרימה — ויוסף ישית ידו על עיניך. — בראשית מו)

דער אַלטער קלוגער יעקב האָט געזעהן מיט זיין „אויג" — מיט שכל און מענשליכער אויסרעכענונג, אַז דאָס געהן קיין מצרים וועט

ברענגען אַ סך אומגליק צו זיין משפחה. ער האָט גוט אַדורכגעטראַכט די זאַך, און געקומען צום אויספיהר, אַז עס וועט אוממעגליך זיין פאַר זיינע קינדער אויסצושטעהן די דאָזיגע יסורי־הגלות. האָט ער דערפאַר אָנגעהויבען מורא האָבען...

זאָגט צו איהם גאָט:

— אל תירא — דו דאַרפסט זיך גאָרנישט שרעקען. דיינע קינדער וועלען פון מצרים אַרויס, גרויס און שטאַרק. זיי וועלען שפּע־טער נאָך פון אַ סך ערגערע גלות'ן אַרויס גאַנץ און אומבאַשעדיגט. אמת איז, אַז דיין מענשליך „אויג״ —דיין שכל און אויסרעכענונג, קען עס נישט פאַרשטעהן און זעהן. דער וועג פון השגחה איז אָבער למעלה מן השכל... אַ סימן, קוק דיך צו, צו יוסף'ס לעבענס-געשיכטע, און לערען פון דאָרט, ווי אומפאַרשטענדליך און וואונדערליך גאָט העלפט, ווען ער וויל.

ויוסף — יוסף, מיט זיין לעבענס-געשיכטע —

ישית ידו על עיניך — ער וועט, ווי מיט דער האַנד, פאַרשטעלען דיין „אויג״, זאָגען דיר, אַז ס'איז איבעריג צו וועלען דערגרונטעווען די וועגען פון גאָט מיט'ן קורצזיכטיגען מענשליכען בליק.

יוסף וועט אַרויפלייגען זיינע הענד אויף דיינע אויגען און זאָגען דיר: — קוק נישט מיט דיין אויג, ווייל דו וועסט סיי־ווי גאָרנישט דערזעהן... בעסער, האָף און האָב בטחון אין גאָט. ווייס אַז אויב ער וועט וועלען, דאַן וועט די ישועה קומען מיט ניסים און מיט איבעררא־שונג פאַר יעדען...

* * *

כשהוא כורע, כורע בברוך וכשהוא זוקף זוקף בשם — (ברכות יב)

ווען דו וועסט פאַלען און איינבויגען זיך — דיין לאַגע וועט זיך ערגערען... עס וועט זיך דיר דאַכטען, אַז די שווערע לאַסט פון יאוש, בויגט דיין רוקען ביז צו דער ערד —

כורע „בברוך״ — זאָלסטו אפילו דאַן נישט ווערען פאַרצווייפעלט. פאַרפאַנצער דיך דאַמאָלס מיט דער אַלטער אידישער מדה פון בטחון. טוה דאָס זעלבע וואָס נחום איש גם זו[33] פלעגט טוהן אין עהנליכע פאַלען, וואָס זיין תלמיד[34] ר' עקיבא האָט געטוהן אין עהנליכע פאַרצוויי־

פעלטע מינוטען[35]. זיי האָבען אויפגעהויבען די אויגען צו גאָט און „געלויבט אויף שלעכטס פונקט ווי מען דאַרף לויבען אויף גוטס"[36]. זיי האָבען עס געטוהן מיט'ן גלויבען, אַז השי"ת וועט „אַלעס אויסדרעהען צום גוטען"[37]. אַ סך מאָהל ליגט אין דעם ערגסטען שלעכטס דער ערשטער אַרויסשפּראָץ פון גוטס.

ומשהוא זוקף — ווען דעם מענש געהט גוט — ער גלייכט זיך אויס דעם רוקען...

זוקף ב„שם" — טאָר ער נישט פאַרגעסען אָפּצוגעבען אַ שבח והודעה צו גאָט פאַר דעם אַלעם. ער זאָל נישט זאָגען קיין „כחי ועוצם ידי עשו את החייל הזה"[38]...

* * *

1) נדרים לט, דב"ר פ"ז יא, דב"ר ט — משה קנא ליהושע. שבת ו — שבטי יה קנאו ליוסף. יבמות סב — תלמידי ר"ע.

2) קנאת סופרים תרבה חכמה — ב"ב כא.

3) מדרש שו"ט לז — קנא שאילמלא קנאה אין העולם עומד.

4) שם — שאילמלא קנאה אין אדם בונה בית, חורש וזורע וכו'.

5) אבות פ"ד כא — מוציאין את האדם מן העולם.

6) שבת י —שבשביל משקל שני סלעים מכרו את יוסף.

7) דב"ר ט — מאה מיתות ולא קנאה אחת.

8) אבות פ"ד כא.

9) שבת קנב — עצמותיו מרקיבין

10) גיטין ז — היו משבחין כל מי שיש לו קנאה בלבו, ושותק. וראה ב"מ קז. מגילה יב. ע"ז נה.

11) במפורשים שמטעם זה נתן לבנימין חמש מנות כדי לבחון את אחיו בזה.

12) פסחים קיט. סנהדרין קי.

13) קה"ר פ"ז — חכם גדול היה ומטועני הארון.

14) תנחומא קרח — משך אחריו כל גדולי ישראל והסנהדרין וכו'.

15) במדבר ג:לא.

16) סנהדרין כב., קט, ב"ר פ' צח.

17) כתובות קיא. סוטה מג.

18) ב"ר פ' פט, סוטה לו.

19) סוטה לו — גנוני מלכות אני רואה בו, וברש"י שם : גווני מלכות בחכמה, גבורה ויופי.

20) פסחים קט — שמשל על כסף וזהב שהיה בעולם.

21) תוס׳ ע״ז י. ד״ה אמר לי׳ — וראה ע״ז י: וברש״י שם.

22) אודות רבי ואנטונינוס ראה ירושלמי מגילה פ״א, סנהדרין צא. וירושלמי סנהדרין.

23) ראה ירושלמי שביעית פ״ו א. תנחומא וישב, ע״ז י. נדה מה. מכילתא בשלח פ״ו.

24) ב״מ פ״ד—פ״ה, ב״ר פ׳ לג.

25) כתובות קג־קד — ולא נהנתי אפילו כאצבע קטנה.

26) סנהדרין לב. נדה סח: עירובין יג, ועוד בכמה מקומות.

27) סוטה מט: — ידע חכמת יונית. סנהדרין צא — שהיה חוקר אלקי. ברכות נז — הרואה רבי יצפה לחכמה.

28) ראה אות כב וכג אודות אנטונינוס ורבי.

29) ע״ז יא — שני גוים, שני גיים וכו׳. שבת קיג — עתיר משבור מלכא.

30) אבות פ״ב א — כל שהוא תפארת לעושיה ותפארת לו מן האדם — צו „גאָט און צו לייט״. וראה גיטין נט וסנהדרין לו־לז — תורה וגדולה במקום אחד הי׳ אצלו.

31) אם יקבלו את התורה וכו׳ ואם לא אהפוך אתכם ותוהו ובוהו...

32) ברכות נד־נח־נט — הרואה חיה, הרואה אילנות שמלבלבים וכו׳. מ״ר בראשית ח — צפור, שמים, למה נברא? כל העולם וטובה למה נבראו? בשביל האדם. קה״ר פ״ט — החזירו על כל אילני הגן וכו׳ וכל מה שבראתי בשבילך.

33) תענית כא — „גם זו לטובה״

34) שבועות כו. חגיגה יב. — ר״ע תלמידו של נחום איש גם זו.

35) ברכות סח: — מעשה בר״ע שבא לעיר, ועמו תרנגול, נר, וחמור וכו׳.

36) ברכות מח: — כשם שמברך על הטובה וכו׳.

37) תענית כא. ברכות סח:

38) דברים ח:יז.

וועגן מלחמה און וועגן גרענעצען

וישלח אליו אלישע לאמור, הלוך ורחצת שבע פעמים בירדן, וישב בשרך לך וטהר. — (מלכים ה)

נעמן, דער שר צבא פון ארם, איינער פון די ערגסטע אידישע שונאים, וועלכער האָט נישט איין מאָהל געפּרואווט איינברעכען די גרע־ניצען פון ארץ ישראל, קומענדיג קיין ארץ ישראל זיך היילען, האָט איהם אלישע געגעבען, אין איין־וועגס, אָנצוהערען, אַז ס'זיינען אומזיסט זיינע באַמיהונגען אָפּצורייסען שטיקער פון לאַנד. ער וועט קיינמאָהל נישט מנצח־זיין דעם איד, ווייל דער קאַמף פון דעם אידישען איש־מלחמה איז נישט קיין קאַמף פאַר אייגענטום, פאַר באַזיץ, אָדער גאָר אַ קאַמף פאַר נאַציאָנאַלען אימפּעריאַליזם. ניין! דאָס איז אַ קאַמף פאַר תורה, פאַר דער אידישער אמונה, ווייל יעדעס בערגעלע דערמאָנט אין אַן אַנדערען היסטאָרישען עפּיזאָד... יעדעס שטיקעל ערד איז פאַרבונדען מיט אַן אַנדער מצוה. די שטיינער אפילו זיינען פול מיט קדושה[1], מיט געשיכטליכער הויכקייט. אַ סימן האָט ער, זאָל ער זעהן ווי די וואַסערען פון דעם ירדן, וואָס האָבען לכאורה קיין שום באַזונדערע וויכטיגקייט נישט אין זיך, און דאָך באַזיצען זיי הייליגקייט, געטליכען כח, אויסצוהיילען קראַנקע... אַראָפּצושווענקען טומאה פון גופים... און דאָס איז נאָר אַ דאַנק דער היסטאָרישער קדושה, וואָס רוהט אויף זיי... אַ דאַנק די שטיקער אידישע פאַרגאַנגענהייט, וואָס זיינען פאַרבונדען אין זיי.

איז דעריבער די מלחמה פונ'ם איד נישט קיין טערריטאָריעלער קאַמף, נישט קיין מלחמה צו געווינען שטאַרקייט און מאַכט, נאָר אַ מלחמה פאַר'ן גאַנצקייט פון זיין תורה... מיט יעדען שפּאַן ערד, וואָס ער פאַרטיידיגט, באַרעכטיגט ער אַ קאַפּיטעל אין חומש אָדער אין נ"ך, וואָס שמועסט פון דעם דאָזיגען שטיקעל ערד. און מיט יעדען שפּאַן וואָס דער שונא וויל צורייבען, הייסט עס, אַז ער לייקענט אָפּ

אַ שטיק תורה, וואָס גיט אונז די רעכטע איבער דעם... אַ שטיק אידישע היסטאָריע, אָדער אַ מצוה, וואָס איז פאַרבונדען מיט דעם שפּאַן ערד...

(ב)

ושבתם איש אל אחוזתו — ואיש אל משפחתו תשובו — (ויקרא כה)

די תורה זאָגט אַן דעם איד, אַז ווי רייך ער זאָל נישט זיין, וויפיעל גיטער און נחלות ער זאָל נישט פאַרמאָגען, מוז ער אַלץ אָפּהיטען די נחלת אבות, דאָס קליינע שטיקעלע באָדען, וואָס ער האָט בירושה אין הייליגען לאַנד, מעג עס זיין ווי אָרים און אומבאַדייטענט אין זין פון ווערטה.

— ווייל יעדער שפּאַן ערד אין אידישען לאַנד איז פאַרבונדען מיט אַן אַנדער היסטאָרישען עפּיזאָד... מיט אַן אַנדער געשעהעניש אין די פאַרגאַנגענע יאָהרען. עס איז נישט גלאַט „באָדען", עס איז שטיקער געשיכטע, שטיקער עראינערונגען פון אַמאָהל.

ושבתם איש אל אחוזתו — ווען דו וועסט צוריק קומען צו דיין אַלטען הייליגען באָדען פון ארץ ישראל, וואָס דו האָסט בירושה פון דיינע זיידעס —

ואיש אל משפחתו תשובו — וועסטו ממילה צוריקקומען צו דיין אַלטער טראַדיציאָנעלער משפחה, ווייל יעדעס בערגעלע, יעדעס בוימעלע, וועט ריידען צו דיר מיט דער שפּראַך פון אַלטע צייטען און פון פאַרגאַנגענע דורות... וועט דיך דערמאַנען אין דיינע זיידעס און עלטער־זיידעס. די סביבה און די שטימונגען, וואָס וועלען דיך באַהערשען, וועלען דיר אין אויער אַריינשעפּשען מיט אַזאַ ליעבע און בענקשאַפט, דאָס, וואָס איז אַמאָהל דאָ אויף דעם זעלבען אָרט פאַרגעקומען. אַלע היסטאָרישע מלחמות, אַלע פרעהליכע און אויך טרויעריגע געשעהענישען פון אַמאָהל, וועלען נאָך אַמאָהל דורכשווימען דורך דיין פאַנטאַזיע. עס וועט זיך דיר דוכטען, אַז דו זיצט ווי אַ יונג אייניקעל אין דער שויס פון אַ ליעבען זיידען, און הערסט זיך איין צו די מעשה'לעך וואָס ער דערצעהלט דיר.

ואיש אל משפחתו תשובו — דו וועסט פלוצים דערפיהלען אַזאַ הייסע בענקשאַפט צו דער אַלטער וועלט... אין דיין האַרץ וועלען

אויפטויכען איינגעשלאָפענע געפיהלען. די העלדען און היסטאָרישע פערזענליכקייטען וועלען ווערען דיינע שכנים... גייסטיגע קרובים און נאָהנטע... דו וועסט ממילא צוריק געהן צו תורה און אידישקייט...

(ג)

וכתבת על האבנים את כל דברי התורה הזאת וכו׳ — (דברים כז)
ג׳ מיני אבנים היו, שנים עשר בירדן על גבול א״י וכו׳. — (סוטה לה)

מיר קענען יעדעס ווינקעלע פון ארץ ישראל, ווייל מיר שטודירען כסדר איהר מאַפּע. מיר לערנען זי יעדע וואָך און יעדען טאָג. די מאַפּע פונ׳ם אידישען לאַנד איז דאָס חומש׳ל. קענענדיג די תורה אויסענ־ווייניג וועלען מיר ממילא וויסען פון יעדען פאַרוואָרפענסטען ווינקעלע אין לאַנד, ווייל עס איז נישטאָ אַזאַ שטיינדעל אָדער בערגעל אויף דער ארץ ישראל טעריטאָריע, וואָס איז נישט באַשריבען אויף די הייליגע דפים פון תנ״ך. די הונדערטער געשיכטליכע פאַסירונגען זינט יהושוע׳ס מלחמות פאַר׳ן כבוש הארץ, נעמען אַרום דעם גאַנצען ישוב.

האָט מען דערפאַר אויפגעשטעלט ביי די גרעניצען פון לאַנד די שטיינער אויף וועלכע מען האָט אָנגעשריבען די גאַנצע תורה, כדי דערמיט צו באַטאָנען אונזער באַציהונג צום לאַנד, — אַז די תורה שאַפט איהרע גרעניצען . . . אַז דאָרט הייבט זיך אָן דער אידישער באָדען, וואו די תורה הייבט אָן ריידען פון איהרע בערג און טאָהלען. די פרשיות פון תנ״ך זיינען די גרעניץ־סלופּעקלאַך פונ׳ם לאַנד... קיינער קען נישט ענדערען איהרע גרעניצען, פונקט ווי מען קען נישט ענדערען די תורה. און אויב עס וועלען זיך טרעפען פעלקער, וואָס וועלען מיט׳ן כח פון מאַכט אַוועקרייבען שטיקער פון אונזער לאַנד, וועלען די בלעטער פונ׳ם תנ״ך זיין דער אייביגער פּראָטעסט געגען זייערע מעשים. זיי, די בלעטער פון תנ״ך, וועלען אַזוי לאַנג שרייען געגען דער עולה, ביז די וועלט וועט פאַרנעמען זייער געשריי און צוריק גוטמאַכען די באַגאַנגענע אומרעכטען...

(ד)

איז דערפאַר נישט קיין וואונדער, וואָס די אידישע אנשי־מלחמה האָבען געדאַרפט זיין אויסגעשטאַטעט מיט תורה ומצוות[3] בשעת זייער

געהן אויפ'ן מלחמה־פעלד, ווייל קיין שום מענש קען נישט קעמפען מיט'ן געהעריגען הייפער און חשק, סיידען ער ווייסט פאר וואס ער קעמפט, און ער פארמאגט א ליעבע פאר דער זאך פאר וועלכער ער דארף זיך מקריב זיין.

אנדערע פעלקער צובלאזען אין די הערצער פון די סאלדאטען די פלאמען פון פאטער־לאנד ליעבע, די נאציאנאלע געפיהלען, ווייל זייער קאמף איז פאר'ן פאטער־לאנד, און פאר'ן נאציאנאלען פרעסטיזש.

ביי אונז אידען איז עס אבער, אויסער נאציאנאלער פרעסטיזש, אויך א פראגע פון תורה ואמונה, ווי מיר האבען פריהער ארומגערעדט. דערפאר דארפען די סאלדאטען זיין אמת'ע צדיקים און מופלגי תורה[4].

די אידישע סאלדאטען באקומען זייער אויסבילדונג אין בית המדרש[5]. זיי געהן ארויס אויפ'ן שלאכט־פעלד באוואפענט מיט כלי־זין, נישט פארגעסענדיג מיטצונעמען אויף זיך די תפילין[6]...

ביי אנדערע פעלקער איז דער מלחמה־געשריי: „פאר'ן פאטער־לאנד!" — ביי אונז זיינען די „קציצי תפילין"[7] געווען דער געשריי און די לאזונג, וואס האט אונזערע קעמפער דערוואַרעמט צום קאמף...

(ה)

וכשגברו החשמונאים חזרו ותקנו וגדרו (מידות פ"ב משנה ג, שקלים פ"ג). טהרו את המקדש וגנזו האבנים ששקצו היונים. — (יומא טז)

זיי האבען דעמאנסטרירט פאר'ן פאלק די ציעלען פון אידישע מלחמות. מיר קעמפען נישט איינצונעמען לענדער. מיר זוכען נישט קיין גלארי אין די אויגען פון אנדערע פעלקער. אונזערע ציעלען זיינען קלאהר פאר אלע. מיר זיינען זיך מוסר־נפש בלויז כדי צו קענען אנהאלטען ווייטער דעם מקדש און די עבודה[8]...

אונזער ציעל איז צו פארוואנדלען די „שפידין של „ברזל" אין א „מנורה טהורה"[9]...

מלחמה און שלום פּראָבלעמען

(א)

כיון שביקש הקב״ה ליתן התורה לישראל, באו כרמל ותבור וכו׳ אמר הקב״ה: אין רצוני אלא בסיני. וסיני מהיכן בא? — אר״י מהר המוריה נתלש ממקום שנעקד יצחק על העקדה וכו׳. — (שוח״ט ס״ח)

„סיני״ מיט׳ן „הר המוריה״ האָבען זיך משדך געווען. „עקדת יצחק״ מיט „קבלת התורה״, זיינען געוואָרען איינס. דאָס דאָזיגע לערענט אונז אַ סך.

עס לערענט אונז, אַז מיר דאַרפען זיין גרייט צו קענען ברענגען קרבנות[10]. מיר טאָרען נישט זיין פחדנים. מיר וועלען מוזען אַ סך מאָהל שטרעקען אונזערע יונגע לעבענס צו דער שחיטה. מיר וועלען זיך אַ סך מאָל אַריינוואַרפען ווי גבורים אין פירכטערליכע מלחמות. מיר וועלען עס טוהן. מיר האָבען געענוג מוטה דערצו. מיר וועלען אָבער תמיד געדענקען, אַז קרבנות, איז כדאי צו ברענגען בלויז פאַר תורה און אידישקייט, און פאַר׳ן לאַנד, וואָס איז אויך אַ שטיק תורה, ווי איך האָב פריהער אַרומגערעדט[11].

עקידת יצחק׳ס, וועלען זיין אַ סך אין אונזער געשיכטע. זיי וועלען אָבער זיין פאַרבונדען מיט „סיני״. . .

(ב)

מאי חנוכה? — דתנו רבנן — (שבת כא:)

דער צוועק פון די חשמונאים קאַמפען איז געווען כדי רבנים זאָלען ווייטער קענען זיצען און לערנען . . . כדי ישיבות און בתי תלמוד זאָלען ווייטער קענען זיין אָפען . . . כדי די עבודה אין בית המקדש זאָל ווייטער פאַרטגעזעצט ווערען.

די חשמונאים האָבען אָנגעצייכענט אַ פּראָגראַם פאַר אידישע מלחמות[11]...

(ג)

נר חנוכה על החלון או על הפתח — (שבת כא־כב)

עס איז נאָך נישט גענוג געווען דער „תנו רבנן". לערנען אַליין איז בלויז איין פּונקט אין דעם פּראָגראַם פון די חשמונאים. דער צווייטער פּונקט, פאַר וואָס זיי האָבען איינגעשטעלט זייערע לעבענס איז דאָס פאַרשפּרייטען רחמנות און צדקה צווישען פאָלק.

מניחו על החלון —עס איז נישט גענוג, וואָס ביי דיר אין שטוב איז ליכטיג און פרעהליך. דו דאַרפסט אויך זאָרגען פאַר'ן דרויסען, פאַר דעם, וואָס שטעהט אין יענער זייט טיהר און האָט נישט קיין דאַך איבער'ן קאָפּ... עס איז איהם קאַלט. ער איז הונגעריג און דאָרשטיג. ס'איז איהם אַזוי פינסטער... מאַכשע איהם אויך ליכטיג, עס־איהם־אָן, מאַך איהם פרעהליך, טייל אָפּ פון דיין גליק אַ קליין ביסעלע אויך פאַר איהם...

(ד)

נאָר, פאַר אַזעלכע ערהאַבענע ציעלען האָט דער איד געמעגט זיך באַנוצען מיט פיזישער מאַכט, געהן אין מלחמה און ווערען אַ בלוט פאַרגיסער. אַנדערש, איז דאָס מין שפיכת דמים שטרענג פאַרבאָטען[12]. דאָס מענשליכע לעבען איז צו טייער ביי גאָט[13]. עס שטעהט אפילו העכער פון די מצוות התורה[14], און דער, וואָס באַרויבט אַ צווייטען אָדער זיך פונ'ם לעבען, איז פאַרוואָגעלט פון ביידע וועלטען[15]... ער ווערט באַטראַכט ווי אַ מורד אין דעם זין פון עגזיסטענץ און דאָס הייסט אויך, אַ מורד אין גאָט...

אפילו די לעבענס פון זינדיגע איז ביי גאָט חשוב און טייער[16]. עס טוהט כביכול באַנג נאָך יעדען נפש וואָס ווערט אויסגעלאָשען[17].

(ה)

ג׳ מדות בצפרנים: קוברן — צדיק, שורפן — חסיד, זורקן — רשע. — (נדה יז)

יעדער מענש ווערט געבוירען מיט „צפרנים" — מיט אַן אינער־ליכע נייגונג צו גראַבלען און אויסרייסען דעם צוויטענס פנים... אפילו אין עהרליכסטען און פרומסטען, ליגט באַהאַלטען אָט דער ווילדער אינ־סטינקט, וואָס זוכט באַפרידיגונג אין הייס בלוט, אין קליינע אָדער גרויסע מלחמות...

שורפן — חסיד — די „צפרנים" אינגאַנצען צו פאַרברענען אין זיך, איז זעהר שווער. עס באַגעגענט דעם מענשען אַן אייזערנע וואַנט און אַ פאַרביטערטער שונא. עס קומט איהם אויס צו קעמפען געגען אַ שטיק איינגעוואָרצעלטע טבע. אויב עס געלונגט איהם די „צפרנים" געגנצליך אויסצוברענען פון זיך, איז עס די שווערסטע אָפעראַציע, וואָס אַ מענש האָט געקענט אויסשטעהן, און ער פאַרדינט זיך מיט רעכט דעם טיטול:

— חסיד...

קוברן — צדיק — ער וואָרצעלט נישט אויס פון זיך די דאָזיגע „צפרנים". ער באַגראָבט זיי בלויז טיעף אין זיך. ער לאָזט זיי נישט אַרויסקומען אין דער עפענטליכקייט... האָט זיך אַזאַ מענש אויך פאַרדינט אַ פרייז. ס׳קומט איהם דעם טיטול:

— צדיק...

זורקן — רשע — די רשעים פון דער וועלט וואַרפען די „צפרנים" אויף אַנדערע. גראָבען זיך איין אין צוויטענס פנים מיט זיי...

זורקן — דאָס זיינען די אַלע גרויזאַמע מלחמות, די שוידערליכע בלוט־בעדער, די גרויסע ברידער־קברים, דער חורבן אויף דער וועלט. דאָס אַלעס איז אַ פועל־יוצא פון די שאַרפע „צפרנים", וואָס רשעות׳־דיגע מענשען האָבען, און זיי וואַרפען זיך מיט זיי אויף שוואַכערע פון זיך.

זורקן — רשע — און סוף־כל־סוף, וועט השי״ת אָפשעהרען דעם רשע זיינע „צפרנים" און איהם באַצאָהלען פאַר די אַלע פאַרברעכענס און מערדערייען, און מיר וועלען דאַן פייערען דעם זיעג פון גערעכט־יגקייט — אָמן.

1) כתובות קיב — ר׳ אבא מנשק כיפי דעכו.

2) ב״ר פ׳ סט, חולין צא — קפלה „כספר״ תחת ראשו.

3) סוטה מד — הירא מעבירות שבידו, יחזור וכו׳. ר״ה כט — כ״ז שישראל מסתכלין כלפי מעלה היו מתגברין וכו׳.

4) קידושין עו — מי שהי׳ בחיל דוד לא היו בודקין אותו למזבח. מו״ק טז — בין גבורי דוד היו אנשים שישבו בשבת תחכמוני וכו׳. ברכות יח — הכה את הארי ביום השלג, דתנא סיפרא דבי רב וכו׳.

5) גיטין נח — וכשהיה האויב נכנס תינוקת של בית רבן היו דוקרין אותן בחוטריהן... (דהיינו החינוך של ביהמ״ד עשה אותם אנשי חייל...)

6) גיטין נח — ארבעה סאה קצוצי תפילין נמצאו וכו׳.

7) גיטין נח.

8) יומא טז, שבת כא, ר״ה יח.

9) מנחות כח: פסיקתא רבתי פ״ב.

10) אין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה.

11) ראה ב״ר פ׳ עד:יג, ברכות ג־ד — דוד היה שואל בסנהדרין, סנהדרין ב — אין יוצאין למלחמה אלא ע״פ בית דין...

11) אודות הנהגה במלחמה ושאר עניניה ראה: ספרי דברים קצט־רג. מכילתא שמות יז:יג, פתיחתא דחכימי י״ד למדרש איכה, ועוד.

12) משלשה דברים שיהרג ואל יעבור — סנהדרין ע״ד, אבות ה׳, מאי חזית דידך סמיק טפי דלמא דמי דהאי גברא סמיק טפי — פסחים כה: תוספתא תרומות ז — דאפילו הורגים את כולכם, יהרגו כולם ואל ימסרו נפש אחת.

13) שבת ל: — נר קרי נר ונשמתו של אדם קרי נדו של הקב״ה וכו׳.

14) שבת שם — מוטב שתכבה נרו של אדם מפני נרו של הקב״ה. בתוס׳ יומא פד: ד״ה מחמין לחולה ע״י גדולי ישראל. אורח חיים על התורה פרשת תשא על הפסוק ושמרו בני ישראל את השבת.

15) אין לו חלק לעולם הבא — לחם שמים להגאון יעב״ץ בסנהדרין פ״ז בשם תוספתא שמחות. חידושי מהרי״ט כתובות קנב. תפארת ישראל סנהדרין פ״י אות יב. רש״ש ב״ק פ״ח. כאילו איבד עולם מלא — סנהדרין לז.

16) הללו מעשי ידי והללו מעשי ידי איך אאבד אלו מפני אלו — סנהדרין צח:

17) מעשי ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה — מגילה ו. סנהדרין לט. ראה תשובות חכ״צ ס׳ כז, אי מותר לחלל שבת על ב״נ ובחמדת ישראל ח״א, חלק העשין אות נ״ב.

די ברכה פון „גלייכגעוויכט״

אבות — ברכי נפשי.

זומער, ווען די וועלט איז איין גרויס שטיק פרייד, ווען יעדעס בוימעלע, יעדעס גרעזעלע, שטיפט און לאַכט. ווען פון אַלע ווינקעלעך שרייט אַרויס לעבען און געטנוס — זאָגט מען דעם איד, ער זאָל פאַרלאָזען די דאָזיגע, ליכטיגער וועלט, נעמען אַ סידור׳ל אונטער׳ן אָרעם, געהן דערמיט אין דעם האַלב־טונקעלנעם בית־המדרש, און דאָרט, זאָל ער זיך אַנידער זעצען ביים האַרטען דעמבענעם טיש, אויפמישען „אבות״ און אָנהויבען, מיט אַ טרויעריגען, חרטה־נאָגענדען ניגון, לערנען, וועגען תכלית פונ׳ם לעבען, וואָס מישטיינס־געזאָגט, דער מענש איז איינגאַנצען... און ווי אַזוי ער דאַרף כסדר אין זינען האָבען דעם „סוף־אדם־למות״...

ווינטער — ווען די גאַנצע וועלט איז ווי געשטאָרבען, אַלעס איז פאַרקאָוועט און פאַרזשאַווערט; די בוימער זיינען דאַר,ביינערדיג, ווי מתים; די פעלדער פוסטעווען, און די גאַסען ליגען, ווי אין אַ שווערען חלשות —

אויף דער נשמה איז טריב, פאַרגליווערט און ליידיג. די מחשבות זיינען טרוקען, חשבון־הנפש׳דיג, מיט דעם ערנסטקייט, וואָס מען פיהלט ווען מען שטעהט אין אַ בית הקברות — אַלעס, וואָס דאָס אויג זעהט איז אַזוי קאַלט און גרוי, אַזוי נעבעכדיג —

זאָגט מען דאַמאָלס, דעם איד: — נעם דיין סידור׳ל, געה אַריין אין וואַרעמען בית־המדרש. מיש־אויף „ברכי נפשי״ און באַזינג דאָס שעהנקייט פון גאָט׳ס וועלטעל... דעם שפּראַך פון בלויע הימלען... דעם כישוף פון וואַסער פאַליעס, ווען די זון שפּיגעלט זיך אין זיי... ווי וואונדערבאַר די בוימער בליהען, און ווי שעהן עס זינגט דער גאַנצער באַשאַף זיין שירה צו גאָט...

דאס דאזיגע „פארקערטקייט" לערענט עפעס דעם איד.

עס לערענט איהם, ער זאל קיינמאהל נישט אריינפאלען אין קיינע עקסטרעמען. ער זאל, למשל, נישט זיין צופיהל פרעהליך, אדער צופיעל טרויעריג. שטענדיג דארף ער זוכען דעם מיטעל־פונקט. די סיבטעזע פוןביידע צוזאמען. דער טרויער דארף האבען אין זיך טראפענס פון פרייד. און די פרייד דארף זיין באגלייט מיט אן אפשיין פון טרויער, מיט א ביסעלע אומעט. אזוי ארום שאפט זיך תמיד די געלייטערטע הארמאנישע שטימונג, די וואונדערליכע התמזגות, וואס גיט דעם מענשען, גלייכגעוויכט, גראדליכקייט, און מיידט ממילא אויס איבערטריבענע שטימונגען, וואס ברענגען שאדען דעם געמיטה און ווירקען שלעכט אוי'פן געדאנקען גאנג...

* * *

זכר למקדש כהלל כן עשה הלל וכו' היה כורך פסח, מצה, ומרור ואוכל ביחד.

הלל האט געוואלט לערנען דעם איד די מדה פון השתות. ער זאל נישט באהערשט ווערען פון איין עקסטרעם, נאר תמיד זיך געפינען אין מיטעל־פונקט. בשעת ער בייסט איין דעם „פסח", וואס דאס איז א פעטער ביסען, זאל זיין גומען גלייכצייטיג פיהלען דעם טעם פון „מרור" — אביסעלע ביטערקייט אין א גרויס שטיק „פסח", שאפט מעסיגקייט... גלייכגעוויכט...

ווען דער איד האלט ביי „מרור" — זאל זיין גומען נישט פיהלען בלויז ביטערקייט. עס זאל זיך אין דעם כזית מרור אריינמישען אביסעל „פסח ומצה", און דעם „מרור" אביסעלע לייכטער מאכען...

די טויב וואָס זוכט ערד

ולא מצאה היונה מנוח לכף רגלה, כי מים על פני כל הארץ. ותבא לעת ערב והנה עלה זית טרף בפיה, וידע נח כי כלו המים מעל הארץ.
— (בראשית ח)

דאָס פאָלק ישראל, וואָס איז געגליכען צו אַ טויב, וואָגעלט שוין טויזענדער יאָהרען אין חלל פון דער וועלט, זוכט און נישטערט אין אַלע ווינקעלעך צו געפינען אַ שטיקעל ערד, אַ צווייגעלע כאָטש, אויף וועלכען אַנידער צו שטעלען זיך, און אַביסעל כאַפּען דעם אָטעם נאָך אַזאַ לאַנגען אונאויפהערליכען אַרומשוועבען און נע־ונד זיין. אָבער אָהן ערפאָלג.

ולא מצאה היונה מנוח לכף רגלה כי מים על פני כל הארץ — אַנשטאָט ערד, באַגעגענען איהם ווילדע צוברויזטע מבול־וואַסערען; קאָכעדיגע און זודיגע מיט פייער און שוועבעל, מיט שנאה און אכזריות.

נאָר די דאָזיגע ענטוישונגען זיינען נאָך פיעל גרינגער איבערצו־טראָגען, ווי די ביטערע ערפאַהרונגען פון די לעצטע יאָהרען, ווען עס דאַכט זיך, אַז מען האָט שוין עפּעס יא דערזעהן אַן אייגען שטיקעל ערד אויף וועלכען זיך אָפּצורוהען.

והנה עלה זית טרף בפיה — די טויב — דאָס פאָלק — האָט שוין ענדליך יאָ דערפיהלט אַ שטיקעל טרוקעניש, אַ סימן פון באָדען אויף וועלכען צו שטעלען איהרע מיעדע פיס, געמיינט אַז ענדליך איז גע־קומען דער מאָמענט פון ערפילונג ... אַז עס הויבען שוין אָן פאַרווירק־ליכט צו ווערען די לאַנג־יאָהריגע וואונשען.

אָבער ווי טרויעריג עס איז דער ערשטער גרוס פון דאָרט.

— והנה עלה זית טרף בפיה — דאָס ערשטע בלאַט פון דער נייער ערד, איז ביטער. עס זיינען אויף איהם אָנגעשריבען שוידערליכע מעשים ... ערפאַהרונגען וואָס פאַרגליווערען דאָס בלוט אין די אָדערען, און וואָס רופען אַרויס טרערען אין די אויגען.

„יונגע לעבענס ווערען ברוטאַל פאַרשניטען. בליהענדע גערטנער און פּרדסים ווערען צוטרעטען פון וואַנדאַלען. פעלדער, באַאַרבייטע מיט שווייס און מאַרך פון גבורים, ווערען פאַרוואַנדעלט אין מדבר. שטיקער ערד, אין וועלכע עס ליגען ביינער פון קדושים, וויל מען צו־רויבען און פרעמדע אָוועקשענקען. די רעגירער און שיצער פו׳ם לאַנד זיינען פאַלשע מערדער און באַהאַלטענע שונאים.״

אַט דאָס אַלעס איז אויפגעשריבען אויף דעם ביטערען בלאַט, וואָס די מיעדע, אָרומלויפענדע טויב טראָגט אין איהר מויל, אַלס די ערשטע גרוסען פון דעם ענדליך דערגרייכטען שטיקעל ערד...

וידע נח כי קלו המים מן הארץ — דער קלוגער נח האָט געהאַט אַן אַנדערע השקפה וועגען דעם געבראַכטען ביטערען בלאַט. זיין אויג האָט טיפער אריינגעגלידערט אין דעם אויסגאַנג פון די געשעהע־נישען.

אמת, עס האָט איהם וועה געטאָן דאָס הארץ אויף די שוידערליכ־קייטען, וואָס ווערען באַגאַנגען. ער האָט אָבער געוואוסט, אַז דאָס איז דער גורל פון יעדען פאָלק, וואָס ערוואַכט. עס זיינען שוין נישט מעהר קיין ראַנגלענישען מיט׳ן טוידט, מיט׳ן מלאך המות, נאָר וועהען פון פרישען געבורטה. וואָס שטאַרקער עס איז דער צער, אַלץ מעהר זיינען די סמנים, אַז מיר האַלטען שוין ביים סוף פון די צרות — ביים: קלו המים מן הארץ...

איגען ליעבע און מענשען ליעבע

(א)

דער „עגל הזהב" — דער מצרישער גאָט — האָט סימבאָליזירט די קראַפט פון גאָלד, דאָס הערכערקייט און חשוב'דיגקייט פון דעם, וואָס באַזיצט עס, טראָץ־דעם וואָס ער העלפט נישט קיינעם דערמיט.

— אָט שטעהט אַ קאַלב — אַ בהמה, וואָס גיט נישט קיין מילך, קיין וואָל, קען נישט אַרבייטען אין יאָך. איז כלל נישט רייף, און דערצו נאָך פויל, לאַ־יצלח'דיג. און דאָך, ווייל ס'האָט אַ גאָלדען גלאַנצענדיג בייכעל, דאַרף זיך די גאַנצע וועלט, מיט איהרע חכמים און געלעהרענטע, בוקען דערצו ווי צו אַ גאָט...

גאָט האָט געוואָלט אויסוואָרצלען פון דעם אידישען וועלט־באַנעם דעם דאָזיגען שעדליכען באַגריף האָט ער עס געטאָן מיט דער מצוה פון „פרה אדומה".

ער האָט געלערענט דעם איד: —

אָט זעהסטו פאַר דיר אַ קוה. הויך, שטאַרק און פול־בלוטיג. פעהיג צו אַרבייט. מיט פולע מילך־הייטערס, און מיט אַלע מעלות, וואָס מ'קען נאָר פאַרלאַנגען פון אַ בהמה. און דאָך, ווייל איהרע כחות האָבען דער מענשהייט קיין נוצען נישט געבראַכט — זי האָט אויף זיך קיינמאָהל קיין יאָך געטראָגען, איהר מילך האָט נאָך קיינער נישט קיין זכיה געהאַט צו טרינקען. אפילו צו ברענגען אַ פריש יונג לעבען אויף דער וועלט האָט זי נישט געוואָלט. אמת, זי איז רייך, זי פאַרמאָגט טאַקע אַלעס. אָבער, ווייל זי פאַרמאָגט עס נאָר פאַר זיך, און נישט פאַר יענעם, איז זי גאָרנישט קיין מיוחסת. אדרבא, זי איז נאָך ווינציגער פון אַן אַנדערער, און מען דאַרף זי פאַרברענען, פאַרניכטען, פון דער וועלט אומברענגען...

ערשט ווען ס'וועט פון איהר בלייבען אַש און שטויב — דאָס ביליג־סטע און אומבאַדייטענסטע וואָס קען זיין — נאָר, ווייל זי וועט „מטהר

זיין טמאים״ — נוצען ברענגען און אַרויסהעלפען אומגליקליכע אין זייער נויט — דאַמאָלס וועט דאָס אַש און שטויב צו היילינקייט דער־הויבען ווערען... אין בית המקדש, אויף אַ חשוב אָרט, וועט מען דאָס דאָזיגע אַש באַהאַלטען...

(ב)

מהיכן היה חושך ? וכו׳... הרשעים מתכסים בשאול, בחושך, שנאמר והיה במחשך מעשיהם. וכמה עביו ? — כדינר זהב, לפיכך הקב״ה מכסה עליהם התהום שהוא חושך. — (ילקוט שמעוני רמז קפו)

דער „דינר זהב״, דאָס דינען דעם אָפּגאָט פון גאָלד און פאַרמעגען, האָט געשאַפען דעם חושך צווישען איין מענש און צווייטען. אַזוי גראָב ווי דער דינר זהב איז, אַזוי גראָב איז די מחיצה, וואָס טיילט אָפּ מענש פון מענש. אַז מען לאָזט זיך אַריין אין געלד־מאַכען, אַז מען הייבט אָן צו פאַרגעטערען דעם עגל הזהב, דאַן ווערט מען אויטאָמאַטיש, ענג־האַרציג, עגאָאיסטיש. מען זעהט שוין בלויז זיך אַליין. אויף אַנדערע קוקט מען מיט חשד, ווי אויף קאָנקורענטען. פון העלפען אַ צווייטען איז שוין אָפּגערעדט.

לפיכך הקב״ה מכסה עליהם התהום שהוא חושך — דער זעלבער חושך, דאָס זעלבע לעבען פאַר זיך און נישט וועלען וויסען פונ׳ם צווייטען, וועט שפּעטער ווערען דער תהום פאַר׳ן אייגענעם בעל הבית. ווייל אַ וועלט קען עגזיסטירען נאָר אויף געגענזייטיגער הילף און קאָאָפּעראַציע. קוים אָבער שאַפט זיך דער שוואַרצער פאַרהאַנג, וואָס זינדערט אָפּ מענש פון מענש, דאַן מוז אַזאַ געזעלשאַפט פאַנאַנדערפאַלען און אונטערגעהן, ווי אַ צופוילטע זאַך, וואָס צופאַלט זיך אין שטיקער...

(ג)

צהר תעשה לתבה — מרגלית היתה וכו׳ ובשעה שהיא כהה יודעים שהוא יום ובשעה שהיתה מבהיקה היו יודעים שהוא לילה. — (בראשית רבה פ׳ לא)

גאָט זאָגט אָן נח׳ן, דעם ערשטען און וויכטיגסטען כלל פאַר דער נייער און שענערער וועלט, וואָס ער דאַרף בויען, נאָכ׳ן מבול.

בשעה שהוא כהה — ווען די מרגלית — דאָס געלד, דאָס פאַרמעגען — וועט זיין פאַרטונקעלט. ס׳וועט נישט שפּילען די ערשטע ראָלע אין לעבען. מען וועט נישט פאַרגעטערען די געלד־זעק. זיי וועלען נישט זיין די הערשער און געוועלטיגער איבער די מענשען.

דאַן —

היו יודעים שהוא יום — קען מען ערוואַרטען אַ שעהנעם טאָג פאַר דער מענשהייט... אַ טאָג, אין וועלכען די זון פון הצלחה, וועט לייכטען, העל און לויטער, פאַר יעדען איינעם גלייך. עס וועט אויס־וואַקסען אַ פרעהליכע, ליכטיגע געזעלשאַפט, אונטער אַזעלכע גינסטיגע און גליקליכע אומשטענדען.

ובשעה שהיא מבהיקה — דער מרגלית — דאָס גאָלד, וועט לייכטען... ס׳וועט שפּילען די ערשטע ראָלע ביי די מענשען, מ׳וועט זיך בוקען צום „עגל הזהב״ —

דאַן —

היו יודעים שהוא לילה — אַ פינסטערע נאַכט, פול מיט מזיקים און געשפּענסער, אַ נאַכט וואָס וועט שרעקען און ברענגען אומגליק, אַ נאַכט אין וועלכער חושך וועט אָפּטיילען איינעם פונ׳ם צווייטען. נאַכט וועט זיין אויף דער גאַנצער וועלט. „בשעה שהיא מבהיקה״...

(ד)

אשר הבאשתם את ריחנו — ר׳ יוחנן אמר אותן שהיו משקעין בבנין
היון מתין וריחן מבאיש — (שמות רבה פ״א אות כה)

אותן שהין משקעין בבנין — די פּראָפיט־זוכער, „ריעל עסטייט־ניקעס״ און געלד־קלויבער, די באַקאַנטע טיפען פון די בערזעס, וואָס לעבען אין דער מגושם׳דיגער וועלט פון גאָלד און זילבער, פון דאָלאַרען און ווערטה־פּאַפּירען. די מענשעלעך, וואָס זינקען אין דעם געלד־זומפּ איבער׳ן קאָפּ.

שהיו משקעין בבנין — זיי בויען הייזער, שטעלען אויף פאַבריקען, האַנדלען, וואַנדלען, קערען איבער אַ וועלט, ווילען אַלעס איינשלינגען מיט אַמאָהל.

מתין וריחן מבאיש — געוועהנליך ביי אַזעלכע פאַרשוינען שטאַרבט אָפּ דאָס לעצטע פינטעלע איד, און אויך דאָס לעצטע פינטעלע מענשליכקייט. די מוזיק פון זילבער און גאָלד-געקלאַנג פאַר'שיכור'ט זיי.

וריחן מבאיש — מיר אידען ליידען זיך גענוג אָן פון זיי. זיי פאַרפעסטען די לופט מיט זייער מיאוסען ריח. מען וואַרפט פאַר דעם גאַנצען פאָלק זייערע זינד. ביי דער וועלט מאַכט עס דעם איינדרוק, אַז אַלע אידען זיינען געלד-נאַגער און שפעקולאַנטען... די דאָזיגע מענשען פאַרשוואַרצען אונז דאָס פנים ביי דער וועלט. און דער גרעס-טער פאַרדרוס איז, וואָס מיר אידען האָבען פון זיי גאָר קיין נוצען נישט. זיי דערווייטערען זיך פון אונזער געזעלשאַפט, ווילען אויסקוקען וועלטליך. זיי וואוינען צווישען גויים, גיבען נישט קיין צדקה צו אידישע אינסטיטוציעס — לגבי אונז זיינען זיי „מתיך" — טויט אויסגעמעקט. ביי דער וועלט גילטען זיי אָבער פאַר אידען און ס'איז „ריחן מבאיש"...

גלות מצרים און גלות יון

(א)

המן ואחשורוש לדבר אחד נתכונו: משל דהמן ואחשורוש למה הוא דומה, לאחד שהי' לו תל בתוך שדיהו. — (מגילה יד)

דער אייביגער דאָפּעלטער גלות, דער אָפענער גלות, וואָס ווערט באַצייכענט מיט'ן נאָמען: „גלות מצרים", און דער פאַרשטעלטער גלות מיט'ן נאָמען: „גלות יון".

המן, דער גרויזאַמער אָפענער שונא פונ'ם פאָלק, ערקלערט אָפען, פאַר אַלע, אַז ער וויל פאַרניכטען די אידען. נישט אָפּשטעלענדיג זיך אויף גאַרנישט. מיט וואָסערע מיטלען ס'זאָלען זיך נישט לאָזען. ער שעהמט זיך נישט צו זיין אויפריכטיג אין זיין חיה'שער ווילדקייט און באַרבאַריזם.

אחשורוש, דאַגעגען, לאַדעט איין די אידען צו זיך אויף סעודות, חבר'ט זיך מיט זיי, שמייכעלט און פריינדעלט צו זיי. פיהלען זיי זיך גוט. קומען זיי אויסגעפּוצטע צו די סעודות, פרעהען זיך, אונטערהאַל־טען זיך מיט די „אחשורושס", ווי מיט אמת'ע גוטע פריינד. אין איין־וועגס כאַפּט מען אַ טריפה'נעם ביסען, אַ געשמאַקען טרונק יין־נסך, אַ פלירט און אַ שפּיל, אויפ'ן ריכטיגען גוי'אישען שטייגער. אַ שטילער אינערליכער געוויסענס־וואָרעם נאָגט פון מאָהל־צו־מאָהל, מאָהנט און שטראָפט. אָבער ווער וויל זיך צוהערען צו אַזעלכע זאַכען, אין דער צייט ווען אַזאַ נייע, שעהנע וועלט שמייכעלט אַנטקעגען, און לאַדעט איין מיט וואונדערליכער העפליכקייט צו זיך...

המן גראָבט אָפען און פריי פאַר אַלע, אַ גרוב — דומה לאחד שהיה לו „חריץ" בתוך שדיהו.

אחשורוש, דאַגעגען, רעדט זיי איין, אַז ער פיהרט זיי אַרויף אויף אַ באַרג. — ער דערהויבט זיי, ער גיט זיי גלייכע רעכט און אומבאַ־גרעניצטע מעגליכקייטען צו שטייגען און קלעטערען הויך.

אין דער אמת׳ען פאַלען זיי ביי דעם באַרג, פונקט ווי ביים גרוב, און ברעכען האַלז־און־נאַקען. — דומה למי שהיה לו „תל״ בתוך שדיהו.

(ב)

מי הוא זה ואיזה הוא אשר מלאו ידו לעשות כן ? ותאמר לו אסתר : המן הרע הזע. — (מגילת אסתר)

ערשט האָט ער אַליין געַ׳חתמ׳עט דעם גזר־דין, און ווי אַזוי האָט ער שוין פאַרגעסען אין אַלעמען ? — נאָר ס׳ליגט אין די ווערטער אַ גאַנץ אַנדער כוונה.

— „זה״ איז אַ „נוכח״. עס ווייזט אויף אַ קאָנקרעטען אַקעגען־שטעהענדיגען מענש, אָדער זאַך : — אָט־אָ־דער !...

„הוא״ איז אַ „נסתר״. עס ווייזט אויף פאַרבאָרגענס, אַזעלכעס, וואָס איז נישט אַנוועזענד, — יענער.

אסתר האָט פאַר אחשורוש׳ן אויפגעוויקעלט די גאַנצע מגילה פון דער אידישער דאָפּעלטער גלות־טראַגעדיע. זי האָט איהם דערצעהלט וועגען די צוויי קאָנטראַסטישע שונאים פונ׳ם פאָלק. אַז אויך היינט־צו־טאָג ראַנגלען זיך איהרע ברידער צווישען לעבען און טוידט דורך די זעלבע צוויי פאַרשיעדענאַרטיגע מלאכי־חבלה.

אחשורוש הערט זיך צו, צו איהרע רייד. ער אָריענטירט זיך נישט באַלד וועמען זי מיינט. פרעגט ער זי פאַרוואונדערט : — עפּעס רעדסטו צו מיר פון אַ „זה״ — פון אַן אָפענעם שונא, און פון אַ „הוא״ — פון אַ באַהאַלטענעם, פאַרדעקטען שונא. — מי הוא „זה״ ואיזה „הוא״ ? — וועמען מיינסטו דערמיט ?

ענטפערט איהם אסתר : — המן הרע ה„זה״ — המן איז דער אָפע־נער שונא ! ווער ס׳איז דער באַהאַלטענער שונא, לאָז איך איבער צו דיר. דו זאָלסט מערקען וועמען איך מיין...

צייט - מאָטיוון

(ג)

הוי להו אפוריותא דהוי מגני עליה אורחי, כי הוה אריך גייצי ליה,
כי גוץ מתחין ליה — (סנהדרין פ׳ חלק)

דער דאָזיגער מאמר חז״ל דערמאָנט מיך אין די דערמאָנטע צווי גלות׳ען, אין וועלכע מיר ראַנגלען זיך אַזוי פאַרצווייפעלט.

מיר זיינען אורחים ביי „אנשי סדום״ און אפשר ביי נאָך ערגערע...

כי הוה אריך — ווען דער איד איז הויך, אויפגעשטעלט און אויסגעצויגען; ס׳געהט איהם גוט, ער האָט אָנזעהן אין לאַנד, באַטייליגט זיך אין אַלע צווייגען פונ׳ם לעבען, ברענגט נוצען מיט זיינע פעהיגקייטען סיי אויפ׳ן פאָליטישען פעלד, סיי אויפ׳ן עקאָנאָמישען, און סיי אין דער וויסענשאַפט.

גייצי ליה — געפינען זיך באַלד פינסטערע עלעמענטען, וואָס הויבען אָן אָ העצע געגען איהם. דורך די פאַרשידענסטע אונטערערדישע טונעלען, און אַ סך מאָהל אויך, דורך אפענע וועגען, ווערט די עפענטליכע מיינונג פאַר׳סמ׳ט און אויפגעהעצט געגען איהם. עס הערען זיך גיפטיגע שטימען, וואָס פאָדערען מען זאָל דעם איד אַביסעל „אַרומשניידען״ — באַגרעניצען איהם אויף פאַרשיעדענע געביטען, נישט צולאָזען איהם צו עפענטליכע עמטער, דיסקרימינירען איהם אין די שטודיר־טעמפלען.

גייצי ליה — זיי שניידען איהם אַרום, שעהרען אַרום זיינע רעכטע, מאַכען קלענער און אומבאַדייטענדער...

כי גיץ — עס האָט זיך שוין געטראָפען אין אַ סך לענדער, אין פאַרשיעדענע צייטען, אַז דער איד האָט געלעבט אָפגעזונדערט און איזאָלירט פון אַלע. ער האָט זיך אַרומגעצוימט מיט אַ גראָבער געטאָמויער, זיך געפיהרט אַ שטיל, אַלט־מאָדיש לעבען. דאָס בית המדרש איז פאַר איהם געווען גענוג. ער האָט נישט געהאַט קיין אַמביציעס צו קומען אין די „הויכע פענסטער״.

מתחין ליה — האָט זיך אָנגעהויבען אַ העצע געגען איד, נאָר מיט גאַנץ פאַרקעהרטע טענדענצען. מען האָט געשריגען, היתכן, פאַרוואָס לעבט ער אַזוי אַזיאַטיש און ווילד. פאַרוואָס איז ער אַזוי צוריקגעשטאַ־

נען און פאַרפינסטערט... מען האָט איהם, דעם איד, באַוואָרפען מיט זידעל און שמוץ. מען האָט איהם אָנגערופען „פאַראַזיט" און נאָך אַזעלבע „טיטולען".

מתחין ליה — מען האָט איהם געוואָלט אויסציהען, גרויס און ניצליך מאַכען... אויסמענשלען איהם... אַראָפּרייסען פון זיין לייב די אַלטע קאַפּאָטע און אָנטוהן איהם אַ מאָדערנעם שפּאָרט-אַנצוג...

אָבער אין דער אמת'ן איז עס די זעלבע באַנדע, וואָס דער נאָמען „אנשי סדום" איז פאַר זיי ווי אָנגעמאָסטען...

דפי הספר

פסח

7, 15־17, 18־22, 28־30, 32־35, 86־87, 94־102, 165־167.

שבועות

15־17, 23־24, 32־35, 52־55, 61־63, 64, 86־87, 125, 135־137.

שבת נחמו

7־14, 15־17, 32־35, 46־48, 49־51, 64, 86־87, 127־134.

ראש השנה ויוה"כ

28־30, 32־35, 38־42, 43־45, 49־51, 52־55, 56־60, 64, 151־153, 158־160.

שבת תשובה

38־42, 49־51, 52־55, 56־60, 64, 135־137.

סוכות

7־14, 15־17, 32־35, 36־37, 52־55, 229־232.

חנוכה

32־35, 49־51, 52־55, 56־60, 64.

פורים

38־42, 49־51, 52־55, 56־60,

ד' פרשיות

7־14, 15־17, 18־22, 32־35, 38־42.

צדקה וגמילות־חסדים

18־22, 38־42, 52־55, 56־60, 165־167.

הספדים

18־22, 28־30, 49־51.

הזכרת נשמות

18־22, 28־30, 40־51.

בנין ארץ־ישראל וחיבת הארץ

7־14, 64, 86־87, 154־157, 268־271.

בר מצוה

88־90.

חינוך

25־27, 38־42, 56־60, 61־63, 109־113, 118־124.

רבנים ומנהיגים

7־14, 23־24, 36־37, 43־45, 46־48, 49־51, 52־55, 56־60, 64־66, 67־68, 77־80, 83־85, 91־93, 138־140, 198־202, 203־204, 205־208, 215־217, 218־220.

בין אדם לחברו

18־22, 23־24, 32־35, 38־42, 43־45, 52־55, 56־60, 61־63, 64־66, 168־170, 171־177, 205־208, 260.

בין אדם למקום
18-22, 23-24, 25-27, 38-42,
52-55, 56-60, 64-66, 69-71,
84-85, 114-117, 125, 151-153,

עניות ועשירות
18-22, 38-42, 52-55, 105,
122-123.

אמונה ובטחון
15-17, 49-51, 61-63, 64, 75-
76, 77--80, 86-87, 178-179,
192-193, 194-197, 241-244,
263-266, 276, 278.

התורה והחיים
15-17, 18-22, 23-24, 25-27,
38-42, 43-45, 46-48, 52-55,
56-60, 61-63, 69-71, 77-80,
94-95, 190, 262-263, 272-275.

ישראל והעמים
15-17, 31, 32-35, 46-48, 49-
51, 75-76, 77-80, 88-90, 143-
148, 158-160, 185-189, 284-
287.

האדם ומדותיו
23-24, 36-37, 49-51, 94, 95-
102, 103, 104-105, 108.

שלום ואחדות
7-14, 15-17, 32-35, 73, 127-
134, 135-137, 180-184, 229-
232, 257-259.

מחלוקת וקנאה ושנאה
7-14, 15-17, 31, 32-35, 46-
48, 107.

האדם וטבעו ונטיותיו
111-112, 114-117, 149-150,
246-249, 260.

הרבצת התורה
91-93, 185-189.

התבוללות
25-27, 81-82, 100, 125.

בנים
38-42, 71-73, 109-110, 229-
232, 259.

סביבה
43-45, 110-111, 120-121.

„אמעריקאנער אידישקייט"
135-137, 209-213, 221-228,
236-239, 244-247.